# לוח ברסלב

# Breslev Calendar

5785 || תשפ"ה

## אידיש

קרן הדפסה
היכל הקודש

The Z'manim in this Luach are computed for Brooklyn, N.Y.

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
### וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
### בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
### בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
### מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
### ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
### בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע״י

## קרן הדפסה
## היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# הַקְדָמָה

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אַז אַ אִיד וָואס וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג אַ גְרוֹיסֶע כְּלָל פַאר דִי אוֹיגְן, אַז עֶר הָאט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. סֵיי וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פַּרְנָסָה זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן וָואס ס'וֶועט זַיין מָארְגְן, אוּן אֲפִילוּ בַּיים טוּן מִצְוֹת אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר טְרַאכְטְן אַז עֶר הָאט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, נָאר הַיינְט דַארְף עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער וֶועט עֶר אֵייבִּיג נָאר זַיין וואוֹיל, וֶועט אִים דָאס אוֹיסְזֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר וֶועט שְׁפִּירְן וִוי דָאס אִיז אִים אוּמְמֶעגְלִיךְ אַז פוּן הַיינְט בִּיז אֵייבִּיג זָאל עֶר נָאר זַיין גוּט. אוֹיבּ אָבֶּער מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר אַז מֶען וִויל זַיין וואוֹיל אוּן גוּט בְּלוֹיז פַאר אֵיין טָאג, אִיז דָאס פִיל גְרִינְגֶער, אוּן דָאס קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ בַּאוַוייזְן.

אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן דָאס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מָארְגְן. אַזוֹי וִוי עֶס אִיז נָאר דָא דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן "מָארְגְן וֶועל אִיךְ שׁוֹין דַאוֶוענֶען עֶרְלִיךְ", "מָארְגְן וֶועל אִיךְ שׁוֹין לֶערְנֶען", "פוּן מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין וואוֹיל, הַיינְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד דֶערְצוּ", וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז עֶר הָאט נָאר דֶעם אֵיין טָאג אוּן דֶעם אֵיין שָׁעָה אוּן מִינוּט אִין וָואס עֶר שְׁטֵייט יֶעצְט. מָארְגְן וֶועט שׁוֹין זַיין גָאר אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן מָארְגְן. דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים צ"ה, ז') "הַיּוֹם" אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ - וֶוען אַ אִיד וִויל זִיךְ צוּהֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר וִויסְן אַז עֶר הָאט נָאר דֶעם "הַיּוֹם" - דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיט דֶעם גֶעדַאנְק, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּנוּצְן יֶעדְן טָאג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר וֶועט אָנְפוּלְן יֶעדְן טָאג מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט פִיל תּוֹרָה וּמִצְוֹת. אוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם יָאר, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם גַאנְצְן יָאר מִיט פִילֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס וֶועלְן בְּלַייבְּן פַאר אִים אוֹיף אֵייבִּיג.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) אַז זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס. אוּן עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אִים אוּן גְלֵייבְּן אִים, פַארְוָואס זֵיי שְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ נִישְׁט אָן צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוֹיבּ גְלֵייבְּן זֵיי אִין רֶבִּי'ן, דַארְפְן זֵיי זִיכֶער מַאכְן צוּ זַיין בֵּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, ווייל זַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּן מֶען דַארְף אוֹיסְרוּפְן אוּן מוֹדִיעַ זַיין פַאר יֶעדְן וָואס גְלֵייבְּט אִין רֶבִּי'ן, אַז עֶר זָאל זֶען צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער פָּסוּק זָאגְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה (נְחֶמְיָה ח', י') "אִכְלוּ מַעֲדַנִים וּשְׁתוּ מַמְתַּקִים כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם". וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ אוּן עֶר הָאט דָאס בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנְ'ם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. נִישְׁט נָאר דִי בְּרֶסְלֶבּ'עֶ חֲסִידִים דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר אוֹיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דַארְף צוּקוּמֶען צוּ אִים.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס פָּארְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, הָאט אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה. עֶר הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן צוּ פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ דַאן אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "אֲפִילוּ דִי גַאנְצֶע וֶועג קַיין אוּמַאן זָאל זַיין אוֹיסְגֶעלֵייגְט מִיט שַׁארְפֶע מֶעסֶערְס, וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ גֶעקְרָאכְן אוֹיף דִי הֶענְט אוּן פִיס צוּ קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְקְלֶערְן אַלְס דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס צִיוּן. דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִיז אַ מַתָּנָה פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן מִיר דַארְפְן נָאר זֶען צוּ מְעוֹרֵר זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין אִידְן אַז מֶען זָאל פָּארְן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט.

## כו (26) · ראשון Sunday · 29 Sep

**בבלי:** בבא בתרא צו
**ירושלמי:** יומא יח
**תוספתא:** נגעים ז
**נ"ך:** משלי א-ב
**רמב"ם:** עבודת יום הכיפורים ד

**משכימין לסליחות** — 1st Day of Selichos

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 5:38 | נץ החמה | 6:51 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:12 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:48 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:23 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:47 |
| שקיעה | 6:40 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:53 |

## כז (27) · שני Monday · 30 Sep

**בבלי:** בבא בתרא צז
**ירושלמי:** יומא יט
**תוספתא:** נגעים ח
**נ"ך:** משלי ג-ד
**רמב"ם:** עבודת יום הכיפורים ה

**ב' דסליחות**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 5:39 | נץ החמה | 6:52 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:12 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:48 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:23 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:47 |
| שקיעה | 6:38 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:51 |

## כח (28) · שלישי Tuesday · 1 Oct

**בבלי:** בבא בתרא צח
**ירושלמי:** יומא כ
**תוספתא:** נגעים ט
**נ"ך:** משלי ה-ו
**רמב"ם:** מעילה א

**ג' דסליחות**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 5:40 | נץ החמה | 6:53 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:12 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:48 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:23 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:47 |
| שקיעה | 6:37 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:50 |

## כט (29) · רביעי Wednesday · 2 Oct

**בבלי:** בבא בתרא צט
**ירושלמי:** יומא כא
**תוספתא:** פרה א
**נ"ך:** משלי ז-ח
**רמב"ם:** מעילה ב

Candle Lighting **6:17** הדלקת הנרות

**ערב ראש השנה תשפ"ה, עירוב תבשילין** — Rosh Hashana Eve

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 5:41 | נץ החמה | 6:54 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:13 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:49 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:23 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:47 |
| שקיעה | 6:35 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:48 |

## א (1) · חמישי Thursday · 3 Oct

**בבלי:** בבא בתרא ק
**ירושלמי:** יומא כב
**תוספתא:** פרה ב
**נ"ך:** משלי ט-י
**רמב"ם:** מעילה ג

Candle Lighting **7:46** הדלקת הנרות

**א' דראש השנה תשפ"ה** — 1st Day Rosh Hashana

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 5:43 | נץ החמה | 6:56 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:13 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:49 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:23 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:47 |
| שקיעה | 6:33 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:46 |

## ב (2) · ששי Friday · 4 Oct

**בבלי:** בבא בתרא קא
**ירושלמי:** יומא כג
**תוספתא:** פרה ג
**נ"ך:** משלי יא-יב
**רמב"ם:** מעילה ד

Candle Lighting **6:14** הדלקת הנרות

**ב' דראש השנה תשפ"ה** — 2nd Day Rosh Hashana

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 5:44 | נץ החמה | 6:57 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:14 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:50 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:24 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:48 |
| שקיעה | 6:32 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:45 |

## ג (3) · שב"ק Shabbos · 5 Oct

הפטרה: שובה ישראל

**בבלי:** בבא בתרא קב
**ירושלמי:** יומא כד
**תוספתא:** פרה ד
**נ"ך:** משלי יג-יד
**רמב"ם:** מעילה ה

Shabbos Ends **7:43** זמן מוצש"ק

**האזינו, שבת שובה** — Shabbos Shuvah

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 5:45 | נץ החמה | 6:58 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:14 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:50 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:24 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:48 |
| שקיעה | 6:30 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:43 |

דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג ראֹש הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ רֶעדְן ווִי ווֶיינִיגֶער, און אַ חָשׁוּבֶער מֶענְטְשׁ דַארְף נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם. (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"א)

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז זַיין זַאךְ אִיז "רֹאשׁ הַשָּׁנָה" אַז נָאר עֶר ווייסְט וָואס מֵיינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. און רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז זַיין זַאךְ אִיז יוֹם כִּיפּוּר. מוֹהַרְא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז רֶבִּי נָתָן פְּלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס וַוארְט נָאר אַז יֶעדֶער אִיד זָאל תְּשׁוּבָה טוּן און צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, און אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר גֶעפַאלְן און הָאט שׁוֹין עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵירוֹת, טָאר עֶר אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן און אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. רֶבִּי נָתָן אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן זָאגְנְדִיג פִיל מָאל דִי וֶוערְטֶער "חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלֹחַ", וַוייל דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן שְׁטֶענְדִיג אֲפִילוּ אִין דִי עֶרְגְסְטֶע מַצָּבִים, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף יֶעדְן אִיד, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר גֶעפִונְט זִיךְ.

דֶער צַדִּיק הרה"ק מִבַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע פְּלֶעגְט זָאגְן אַז אוּם עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר אִיז דָא אַזַא פַּחַד און צִיטֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז אֲפִילוּ דִי פִישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן פוּן דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִין. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם: "וִויפִיל דַארְף מֶען שׁוֹין צִיטֶערְן, אַז עֶס צִיטֶערְט זִיךְ נִישְׁט?"...

דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ אִיד שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז עֶר צִיטֶערְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִין, דַארְף עֶר הֶערְשְׁט צִיטֶערְן פוּן דֶעם, און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ צִיטֶערְן פוּנֶעם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִין, און עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

| Date | Day | Hebrew date | Learning | Zmanim |
|---|---|---|---|---|
| 6 Oct | ראשון Sunday | ד 4 | **בבלי:** בבא בתרא קג<br>**ירושלמי:** יומא כה<br>**תוספתא:** פרה ה<br>**נ"ך:** משלי טו-טז<br>**רמב"ם:** מעילה ו | Fast of Gedalia / צום גדלי'<br>עלות השחר 5:46 · נץ החמה 6:59<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:14 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:50<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:24 · סו"ז תפלה - גר"א 10:48<br>שקיעה 6:28 · צה"כ לשיטת ר"ת 7:41 |
| 7 Oct | שני Monday<br>תקופת תשרי 3:00AM | ה 5 | **בבלי:** בבא בתרא קד<br>**ירושלמי:** יומא כו<br>**תוספתא:** פרה ו<br>**נ"ך:** משלי יז-יח<br>**רמב"ם:** מעילה ז | עלות השחר 5:47 · נץ החמה 7:00<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:15 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:51<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:24 · סו"ז תפלה - גר"א 10:48<br>שקיעה 6:27 · צה"כ לשיטת ר"ת 7:40 |
| 8 Oct | שלישי Tuesday | ו 6 | **בבלי:** בבא בתרא קה<br>**ירושלמי:** יומא כז<br>**תוספתא:** פרה ז<br>**נ"ך:** משלי יט-כ<br>**רמב"ם:** מעילה ח | עלות השחר 5:48 · נץ החמה 7:01<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:15 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:51<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:24 · סו"ז תפלה - גר"א 10:48<br>שקיעה 6:25 · צה"כ לשיטת ר"ת 7:38 |
| 9 Oct | רביעי Wednesday | ז 7 | **בבלי:** בבא בתרא קו<br>**ירושלמי:** יומא כח<br>**תוספתא:** פרה ח<br>**נ"ך:** משלי כא-כב<br>**רמב"ם:** קרבן פסח א | עלות השחר 5:49 · נץ החמה 7:02<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:15 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:51<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:24 · סו"ז תפלה - גר"א 10:48<br>שקיעה 6:24 · צה"כ לשיטת ר"ת 7:37 |
| 10 Oct | חמישי Thursday | ח 8 | **בבלי:** בבא בתרא קז<br>**ירושלמי:** יומא כט<br>**תוספתא:** פרה ט<br>**נ"ך:** משלי כג-כד<br>**רמב"ם:** קרבן פסח ב | עלות השחר 5:50 · נץ החמה 7:03<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:16 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:52<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:25 · סו"ז תפלה - גר"א 10:49<br>שקיעה 6:22 · צה"כ לשיטת ר"ת 7:35 |
| 11 Oct | ששי Friday<br>Candle Lighting **6:02** הדלקת הנרות | ט 9 | **בבלי:** בבא בתרא קח<br>**ירושלמי:** יומא ל<br>**תוספתא:** פרה י<br>**נ"ך:** משלי כה-כו<br>**רמב"ם:** קרבן פסח ג | Yom Kippur Eve / ערב יום כפור<br>עלות השחר 5:51 · נץ החמה 7:04<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:16 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:52<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:25 · סו"ז תפלה - גר"א 10:49<br>שקיעה 6:20 · צה"כ לשיטת ר"ת 7:33 |
| 12 Oct | שב"ק Shabbos<br>Shabbos Ends **7:32** זמן מוצש"ק | י 10 | **בבלי:** בבא בתרא קט<br>**ירושלמי:** -<br>**תוספתא:** פרה יא<br>**נ"ך:** משלי כז-כח<br>**רמב"ם:** קרבן פסח ד | Yom Kippur / Yizkor / יום כפור, יזכור<br>עלות השחר 5:52 · נץ החמה 7:05<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:17 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:53<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:25 · סו"ז תפלה - גר"א 10:49<br>שקיעה 6:19 · צה"כ לשיטת ר"ת 7:32 |

וֶוער עֶס טוּט אַן עֲבֵירָה אוּן עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף דֶעם, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה חֵלֶק א', סִימָן כ"ו)

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַאלְט אִין בְּלָאטֶע, טָאר מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן דָארְט לִיגְן, נָאר אַ פוּס אַרַיין און אַ פוּס אַרוֹיס, אַ פוּס אַרַיין און אַ פוּס אַרוֹיס, און דֶער לֶעצְטֶער פוּס וֶועט שׁוֹין זַיין אִינְדְרוֹיסְן. דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אִיבֶּער זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, און עֶר זִינְקְט נֶעבֶּעךְ אִין אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע פוּן עֲבֵירוֹת, זָאל עֶר אָבֶּער נָאכַאלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן, נָאר כָּאטְשׁ פְּרוּבִּירְן אַרוֹיסְצוּשְׁלֶעפְּן אַ פוּס, אֲפִילוּ וֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט פַאלְט דִי אַנְדֶערֶע פוּס צוּרִיק אִין דִי בְּלָאטֶע, עֶר זָאל פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן כָּאטְשׁ וִויפִיל גוּטֶע זַאכְן עֶר קֶען, אֲפִילוּ וֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט פַאלְט עֶר נָאךְ דוּרְךְ מִיט אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת. און אוֹיבּ וֶועט עֶר אַזוֹי טוּן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

מוֹהֲרַא"ש זָאגְט אוֹיף דֶעם, אַז דָאס קֶען מֶען סְפֶּעצִיעֶל מְקַיֵּים זַיין אִין דִי סוּכָּה, אַזוֹי וִוי צַדִיקִים זָאגְן אַז אִין דִי סוּכָּה גֵייט מֶען אַרַיין מִיט דִי שִׁיךְ. דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת, זָאל עֶר כָּאטְשׁ אַרַיינְלוֹיפְן אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, און זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה יֶעדֶע רֶגַע וָואס עֶר זִיצְט דָארְט.

רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען וַוייזְן אַן אֶתְרוֹג פַארְ'ן רֶבִּי'ן אוֹיבּ עֶר זָאל עֶס קוֹיפְן. דֶער רֶבִּי הָאט עֶס בַּאטְרַאכְט און נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל גוּט. אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶס רֶבִּי נָתָן גֶעקוֹיפְט. שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי זַייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דֶעם אֶתְרוֹג. און עֶר הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַאר רֶבִּי נָתָן אַז דֶער עֶרְשְׁטֶער מָאל וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען עֶס וַוייזְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט מַאכְן אַזַא מַצָּב דֶערְפוּן, ווייל דַאן וָואלְט עֶר צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם אֶתְרוֹג סוֹחֵר גָאר פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, און דֶער סוֹחֵר וָואלְט דָאס אוֹיסְגֶענוּצְט אוֹיף צוּ בֶּעטְן גָאר אַסַאךְ גֶעלְט פַאר דֶעם...

מוֹהֲרַא"ש זָאגְט אַז אַזוֹי וִוי מֶענְטְשְׁן זוּכְן מִיט אַ פַארְגְרֶעסֶערוּנְג גְלָאז צוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ קְלֵיין פִּינְטְל אוֹיף אַן אֶתְרוֹג, דִי זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען זוּכְן אוֹיף יֶעדְן אִיד צוּ טְרֶעפְן אוֹיף אִים אֲפִילוּ נָאר עֶפֶּעס אַ קְלֵיינֶע גוּטֶע פִּינְטֶעלֶע וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ.

## 13 Oct · ראשון Sunday · יא 11

**בבלי:** בבא בתרא קי
**ירושלמי:** יומא לא
**תוספתא:** פרה יב
**נ"ך:** משלי כט-ל
**רמב"ם:** קרבן פסח ה

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:53 | נץ החמה 7:06 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:17 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:53 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:25 | סו"ז תפלה - גר"א 10:49 |
| שקיעה 6:17 | צה"כ לשיטת ר"ת 7:30 |

## 14 Oct · שני Monday · יב 12

**בבלי:** בבא בתרא קיא
**ירושלמי:** יומא לב
**תוספתא:** טהרות א
**נ"ך:** משלי לא – איוב א
**רמב"ם:** קרבן פסח ו

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:54 | נץ החמה 7:07 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:17 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:53 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:25 | סו"ז תפלה - גר"א 10:49 |
| שקיעה 6:16 | צה"כ לשיטת ר"ת 7:29 |

## 15 Oct · שלישי Tuesday · יג 13

**בבלי:** בבא בתרא קיב
**ירושלמי:** יומא לג
**תוספתא:** טהרות ב
**נ"ך:** איוב ב-ג
**רמב"ם:** קרבן פסח ז

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:55 | נץ החמה 7:08 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:18 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:54 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:26 | סו"ז תפלה - גר"א 10:50 |
| שקיעה 6:14 | צה"כ לשיטת ר"ת 7:27 |

## 16 Oct · רביעי Wednesday · יד 14

Candle Lighting 5:55 הדלקת הנרות

**ערב סוכות, עירוב תבשילין**

**בבלי:** בבא בתרא קיג
**ירושלמי:** יומא לד
**תוספתא:** טהרות ג
**נ"ך:** איוב ד-ה
**רמב"ם:** קרבן פסח ח

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:56 | נץ החמה 7:09 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:18 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:54 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:26 | סו"ז תפלה - גר"א 10:50 |
| שקיעה 6:13 | צה"כ לשיטת ר"ת 7:26 |

## 17 Oct · חמישי Thursday · טו 15

Candle Lighting 7:24 הדלקת הנרות

**א' דסוכות, למען אמיתך** — 1st Day Succos

**בבלי:** בבא בתרא קיד
**ירושלמי:** יומא לה
**תוספתא:** טהרות ד
**נ"ך:** איוב ו-ז
**רמב"ם:** קרבן פסח ט

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:57 | נץ החמה 7:10 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:19 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:55 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:26 | סו"ז תפלה - גר"א 10:50 |
| שקיעה 6:11 | צה"כ לשיטת ר"ת 7:24 |

## 18 Oct · ששי Friday · טז 16

Candle Lighting 5:52 הדלקת הנרות

**ב' דסוכות, אבן שתיה** — 2nd Day Succos

**בבלי:** בבא בתרא קטו
**ירושלמי:** יומא לו
**תוספתא:** טהרות ה
**נ"ך:** איוב ח-ט
**רמב"ם:** קרבן פסח י

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:58 | נץ החמה 7:11 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:19 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:55 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:26 | סו"ז תפלה - גר"א 10:50 |
| שקיעה 6:10 | צה"כ לשיטת ר"ת 7:23 |

## 19 Oct · קהלת · שב"ק Shabbos · יז 17

Shabbos Ends 7:21 זמן מוצש"ק

**שבת חול המועד סוכות, אום נצורה** — Shabbos Chol Hamoed

**בבלי:** בבא בתרא קטז
**ירושלמי:** יומא לז
**תוספתא:** טהרות ו
**נ"ך:** איוב י-יא
**רמב"ם:** חגיגה א

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:59 | נץ החמה 7:12 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:20 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:56 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:26 | סו"ז תפלה - גר"א 10:50 |
| שקיעה 6:08 | צה"כ לשיטת ר"ת 7:21 |

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן טַייעֶרְקַייט פוּנֶעם אֶתְרוֹג. מֶען זֶעט אַז אִידְן גֶעבְּן אוֹיס אַסַאךְ גֶעלְט פַאר דִי מִצְוָה, מֶער ווִי פַאר אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, וַוייל דָאס אִיז עֶפֶּעס גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע חֲשׁוּבֶע מִצְוָה. (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכ"ה)

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז אִין דִי נַעֲנוּעִים וָואס מֶען שָׁאקְלְט מִיטְ'ן לוּלָב, לִיגְט אִין דֶעם גְרוֹיסֶע זַאכְן, דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ בְּרֶענְגְט אוֹיף דֶעם גְרוֹיסֶע כַּוָונוֹת (פְּרִי עֵץ חַיִים שַׁעַר הַלּוּלָב פ"ג.). מֶען קֶען אָבֶער זָאגְן אוֹיךְ בְּפַּשְׁטוּת דִי כַּוָונוֹת וָואס מֶען זָאל אִינְזִין הָאבְּן בַּיים שָׁאקְלֶען דִי נַעֲנוּעִים, וָואס פוּן דֶעם קֶען מֶען נֶעמֶען גְרוֹיס חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

מִזְרָח מַעֲרִיב - מֶען שָׁאקְלְט אוֹיף פָּארְנְט אוּן אוֹיף אוּנְטְן, דָאס וַוייזְט אוֹיף צְוֵויי מִינֵי מַצָּבִים אִין וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ. אַמָאל גֵייט אִים אַלֶעס גוּט, עֶר פִילְט אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, אַ גֶעשְׁמַאק אִין דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַמָאל גֵייט אַלֶעס פַּארְקֶערְט, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם. דֶערְפַּאר שָׁאקְלְט מֶען פוּן פָּארְנְט אוּן פוּן אוּנְטְן, סַיי וֶוען עֶס גֵייט גוּט אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט זָאל מֶען וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר צוּ אִים זָאל מֶען גֵיין.

דָרוֹם צָפוֹן - מֶען שָׁאקְלְט רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס, דָאס מֵיינְט רוּחְנִיוּת אוּן גַשְׁמִיוּת, דָאס הֵייסְט אַז מֶען וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי מִיט רוּחְנִיוּת צוּ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן טוּן מִצְוֹת, אוּן סַיי מִיט גַשְׁמִיוּת צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקְן אוּן טוּן אַלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, אוֹיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

מַעְלָה מַטָּה - מֶען שָׁאקְלְט אוֹיף אַרוֹיף אוּן אוֹיף אַרָאפּ, אַז סַיי וֶוען מֶען אִיז אוֹיבְּן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער. אוּן סַיי וֶוען מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, מֶען הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְץ דָא מִיטְן מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים.

וִוי אַזוֹי מֶען דְרֵייט נָאר מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וֶוענְדְן צוּ אִים, אוּן דֶערְפַּאר אִיז טַאקֶע מְסוּגָל בְּשְׁעַת'ן שָׁאקְלֶען דֶעם לוּלָב צוּ בֶּעטְן דֶעמָאלְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אוּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעס גוּטְס בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

## 20 Oct — ראשון Sunday — יח 18

הילולא דרביז"ל

**ב דחוה"מ סוכות, ארורך שועי** — 2nd Day Chol Hamoed

**בבלי:** בבא בתרא קיז · **ירושלמי:** יומא לח · **תוספתא:** טהרות ז · **נ"ך:** איוב יב-יג · **רמב"ם:** חגיגה ב

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 6:01 | נץ החמה | 7:14 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:20 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:56 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:27 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:51 |
| שקיעה | 6:07 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:20 |

## 21 Oct — שני Monday — יט 19

**ג דחוה"מ סוכות, קל למושעות** — 3rd Day Chol Hamoed

**בבלי:** בבא בתרא קיח · **ירושלמי:** יומא לט · **תוספתא:** טהרות ח · **נ"ך:** איוב יד-טו · **רמב"ם:** חגיגה ג

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 6:02 | נץ החמה | 7:15 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:21 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:57 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:27 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:51 |
| שקיעה | 6:06 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:19 |

## 22 Oct — שלישי Tuesday — כ 20

**ד דחוה"מ סוכות, אדון המושיע** — 4rd Day Chol Hamoed

**בבלי:** בבא בתרא קיט · **ירושלמי:** יומא מ · **תוספתא:** טהרות ט · **נ"ך:** איוב טז-יז · **רמב"ם:** בכורות א

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 6:03 | נץ החמה | 7:16 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:21 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:57 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:27 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:51 |
| שקיעה | 6:04 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:17 |

## 23 Oct — רביעי Wednesday — כא 21

**הושענא רבה, עירוב תבשילין** — Hoshanah Rabbah

**בבלי:** בבא בתרא קכ · **ירושלמי:** יומא מא · **תוספתא:** טהרות י · **נ"ך:** איוב יח-יט · **רמב"ם:** בכורות ב

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 6:04 | נץ החמה | 7:17 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:22 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:58 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:28 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:52 |
| שקיעה | 6:03 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:16 |

Candle Lighting **5:45** הדלקת הנרות

## 24 Oct — חמישי Thursday — כב 22

**שמיני עצרת, יזכור, גשם** — Shemini Atzeres / Yizkor

**בבלי:** בבא בתרא קכא · **ירושלמי:** יומא מב · **תוספתא:** טהרות יא · **נ"ך:** איוב כ-כא · **רמב"ם:** בכורות ג

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 6:05 | נץ החמה | 7:18 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:22 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:58 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:28 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:52 |
| שקיעה | 6:01 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:14 |

Candle Lighting **7:14** הדלקת הנרות

## 25 Oct — ששי Friday — כג 23

**שמחת תורה** — Simchas Torah

**בבלי:** בבא בתרא קכב · **ירושלמי:** סוכה א · **תוספתא:** מקואות א · **נ"ך:** איוב כב-כג · **רמב"ם:** בכורות ד

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 6:06 | נץ החמה | 7:19 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:23 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:59 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:28 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:52 |
| שקיעה | 6:00 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:13 |

Candle Lighting **5:42** הדלקת הנרות

## 26 Oct — שב"ק Shabbos — כד 24

הפטרה: כה אמר הא-ל

**בראשית, מבה"ח, אסרו חג**

**בבלי:** בבא בתרא קכג · **ירושלמי:** סוכה ב · **תוספתא:** מקואות ב · **נ"ך:** איוב כד-כה · **רמב"ם:** בכורות ה

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 6:07 | נץ החמה | 7:20 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:23 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:59 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:28 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:52 |
| שקיעה | 5:59 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:12 |

Shabbos Ends **7:12** זמן מוצש"ק

**מברכים חודש חשון** המולד: פרייטאג נאכמיטאג 5 מינוט און 14 חלקים נאך 4. **ראש חודש:** ששי ולמחרתו ביום שב"ק

דוּרְךְ שִׂמְחַת יוֹם טוֹב, אוּן דוּרְכְ'ן לֵייגְן תְּפִלִּין ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גֶעבּוֹירְן אִינְגְלֶעךְ. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים חֵלֶק א', סִימָן י')

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְּלֶעגְן נָאכְזָאגְן פוּן הרה"ק רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זי"ע אַז דִי ווינְטֶער נֶעכְט וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן "דִי גָאלְדֶענֶע נֶעכְט". ווייל דֶעמָאלְט קֶען מֶען גוּט אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט אוּן אַרֵיינְכַאפְּן אַסַאךְ תּוֹרָה, תְּפִלָּה, אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בַּיינַאכְט, וֶוען יֶעדֶער שְׁלָאפְט אוּן סְ'אִיז דָא וֵוייניגֶער שְׁטֶערוּנְגֶען, קֶען מֶען גוּט אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט אוּן אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז בַּיינַאכְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוּן הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדּוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָּה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָּה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וואוּ הֵייבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָּה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָּה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵייליךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, ווייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵייליךְ פַאלְט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

## 27 Oct — ראשון Sunday — כה 25

**בבלי:** בבא בתרא קכד
**ירושלמי:** סוכה ג
**תוספתא:** מקוואות ג
**נ"ך:** איוב כו-כז
**רמב"ם:** בכורות ו

| | |
|---|---|
| עלות השחר 6:08 | נץ החמה 7:21 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:24 | סו"ז קר"ש - גר"א 10:00 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:29 | סו"ז תפלה - גר"א 10:53 |
| שקיעה 5:57 | צה"כ לשיטת ר"ת 7:10 |

## 28 Oct — שני Monday — כו 26

**בבלי:** בבא בתרא קכה
**ירושלמי:** סוכה ד
**תוספתא:** מקוואות ד
**נ"ך:** איוב כח-כט
**רמב"ם:** בכורות ז

| | |
|---|---|
| עלות השחר 6:10 | נץ החמה 7:23 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:24 | סו"ז קר"ש - גר"א 10:00 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:29 | סו"ז תפלה - גר"א 10:53 |
| שקיעה 5:56 | צה"כ לשיטת ר"ת 7:09 |

## 29 Oct — שלישי Tuesday — כז 27

**בבלי:** בבא בתרא קכו
**ירושלמי:** סוכה ה
**תוספתא:** מקוואות ה
**נ"ך:** איוב ל-לא
**רמב"ם:** בכורות ח

| | |
|---|---|
| עלות השחר 6:11 | נץ החמה 7:24 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:25 | סו"ז קר"ש - גר"א 10:01 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:29 | סו"ז תפלה - גר"א 10:53 |
| שקיעה 5:55 | צה"כ לשיטת ר"ת 7:08 |

## 30 Oct — רביעי Wednesday — כח 28

**בבלי:** בבא בתרא קכז
**ירושלמי:** סוכה ו
**תוספתא:** מקוואות ו
**נ"ך:** איוב לב-לג
**רמב"ם:** שגגות א

| | |
|---|---|
| עלות השחר 6:12 | נץ החמה 7:25 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:25 | סו"ז קר"ש - גר"א 10:01 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:30 | סו"ז תפלה - גר"א 10:54 |
| שקיעה 5:54 | צה"כ לשיטת ר"ת 7:07 |

## 31 Oct — חמישי Thursday — כט 29

**א"א יו"כ קטן**

**בבלי:** בבא בתרא קכח
**ירושלמי:** סוכה ז
**תוספתא:** מקוואות ז
**נ"ך:** איוב לד-לה
**רמב"ם:** שגגות ב

| | |
|---|---|
| עלות השחר 6:13 | נץ החמה 7:26 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:26 | סו"ז קר"ש - גר"א 10:02 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:30 | סו"ז תפלה - גר"א 10:54 |
| שקיעה 5:52 | צה"כ לשיטת ר"ת 7:05 |

## 1 Nov — ששי Friday — ל 30

**א' דראש חודש חשון** — Rosh Chodesh Cheshvan

**בבלי:** בבא בתרא קכט
**ירושלמי:** סוכה ח
**תוספתא:** מקוואות ח
**נ"ך:** איוב לו-לז
**רמב"ם:** שגגות ג

| | |
|---|---|
| עלות השחר 6:14 | נץ החמה 7:27 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:26 | סו"ז קר"ש - גר"א 10:02 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:31 | סו"ז תפלה - גר"א 10:55 |
| שקיעה 5:51 | צה"כ לשיטת ר"ת 7:04 |

Candle Lighting **5:33** הדלקת הנרות

## 2 Nov — שב"ק Shabbos — א 1

הפטרה: השמים כסאי

**נח, ב' דראש חודש חשון** — Rosh Chodesh Cheshvan

**בבלי:** בבא בתרא קל
**ירושלמי:** סוכה ט
**תוספתא:** נדה א
**נ"ך:** איוב לח-לט
**רמב"ם:** שגגות ד

| | |
|---|---|
| עלות השחר 6:15 | נץ החמה 7:28 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:27 | סו"ז קר"ש - גר"א 10:03 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:31 | סו"ז תפלה - גר"א 10:55 |
| שקיעה 5:50 | צה"כ לשיטת ר"ת 7:03 |

Shabbos Ends **7:03** זמן מוצש"ק

---

דוּרְכְ'ן זָאגְן "תִּקּוּן חֲצוֹת" וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן גַּנָּבִים.
(סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת גְּנֵבָה וּגְזֵלָה חֵלֶק ב' סִימָן ה')

דִי גְרֶעסְטֶע אוּן דִי בֶּעסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת", אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַּאר אַ גוּטֶער פְּרַיינְד. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן, עֶס אִיז גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּבֶ'ער פוּן אַלֶעס.

מֶען זֶעט אִין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ צוּ זַיין חַבֶר אוּן זָאגְט אִים: "אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט דִיר אַ שָׁעָה", וֶועט אִים דֶער חַבֶר זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹיפִיל צַייט צוּ רֶעדְן אַ שָׁעָה", אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט מֶען סְתַּם אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן אָן קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט, דַאן קֶען זִיךְ פַּארְצִיעֶן אַ שְׁמוּעֶס אֲפִילוּ פַּאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶר גֵייט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שָׁעָה, וֶועט עֶר גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד צוּ רֶעדְן בִּכְלַל, אָבֶּער וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען זִיךְ עֶס יָא פַּארְצִיעֶן לֶענְגֶער, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס בְּלַייבְּט נָאר בַּיי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער, אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן.

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען גָארְנִישְׁט רֶעדְן, עֶר קֶען נָאר זָאגְן אֵיין וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל עֶר זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם אוּן אִיבֶּערזָאגְן דֶעם וָוארְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אֲפִילוּ פַּאר לַאנְגֶע טֶעג אוּן וָואכְן, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

Standard Time

| Date | Day | | Learning | Zmanim |
|---|---|---|---|---|
| 3 Nov | ראשון Sunday | ב 2 | **בבלי:** בבא בתרא קלא<br>**ירושלמי:** סוכה י<br>**תוספתא:** נדה ב<br>**נ"ך:** איוב מ-מא<br>**רמב"ם:** שגגות ה | עלות השחר 5:17 · נץ החמה 6:30<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:28 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:04<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:31 · סו"ז תפלה - גר"א 9:55<br>שקיעה 4:49 · צה"כ לשיטת ר"ת 6:02 |
| 4 Nov | שני Monday | ג 3 | **בבלי:** בבא בתרא קלב<br>**ירושלמי:** סוכה יא<br>**תוספתא:** נדה ג<br>**נ"ך:** איוב מב - שיר השירים א<br>**רמב"ם:** שגגות ו | עלות השחר 5:18 · נץ החמה 6:31<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:28 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:04<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:32 · סו"ז תפלה - גר"א 9:56<br>שקיעה 4:48 · צה"כ לשיטת ר"ת 6:01 |
| 5 Nov | שלישי Tuesday | ד 4 | **בבלי:** בבא בתרא קלג<br>**ירושלמי:** סוכה יב<br>**תוספתא:** נדה ד<br>**נ"ך:** שיר השירים ב-ג<br>**רמב"ם:** שגגות ז | עלות השחר 5:19 · נץ החמה 6:32<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:29 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:32 · סו"ז תפלה - גר"א 9:56<br>שקיעה 4:46 · צה"כ לשיטת ר"ת 6:00 |
| 6 Nov | רביעי Wednesday | ה 5 | **בבלי:** בבא בתרא קלד<br>**ירושלמי:** סוכה יג<br>**תוספתא:** נדה ה<br>**נ"ך:** שיר השירים ד-ה<br>**רמב"ם:** שגגות ח | עלות השחר 5:20 · נץ החמה 6:33<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:29 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:33 · סו"ז תפלה - גר"א 9:57<br>שקיעה 4:45 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:59 |
| 7 Nov | חמישי Thursday | ו 6 | **בבלי:** בבא בתרא קלה<br>**ירושלמי:** סוכה יד<br>**תוספתא:** נדה ו<br>**נ"ך:** שיר השירים ו-ז<br>**רמב"ם:** שגגות ט | עלות השחר 5:21 · נץ החמה 6:34<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:30 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:06<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:33 · סו"ז תפלה - גר"א 9:57<br>שקיעה 4:44 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:57 |
| 8 Nov | ששי Friday<br>Candle Lighting 4:25 הדלקת הנרות | ז 7 | **בבלי:** בבא בתרא קלו<br>**ירושלמי:** סוכה טו<br>**תוספתא:** נדה ז<br>**נ"ך:** שיר השירים ח - רות א<br>**רמב"ם:** שגגות י | עלות השחר 5:22 · נץ החמה 6:35<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:31 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:07<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:33 · סו"ז תפלה - גר"א 9:57<br>שקיעה 4:43 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:56 |
| 9 Nov | הפטרה: למה תאמר<br>שב"ק Shabbos<br>Shabbos Ends 5:55 זמן מוצש"ק | ח 8 | **בבלי:** בבא בתרא קלז<br>**ירושלמי:** סוכה טז<br>**תוספתא:** נדה ח<br>**נ"ך:** רות ב-ג<br>**רמב"ם:** שגגות יא | **לך לך, מברכין בה"ב**<br>עלות השחר 5:24 · נץ החמה 6:37<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:31 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:07<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:34 · סו"ז תפלה - גר"א 9:58<br>שקיעה 4:42 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:55 |

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דָאס שְׁפֶּעטֶער הֶעלְפְן אוּן אוֹיסְלֵייזְן זַיינֶע קִינְדֶער. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הִתְבּוֹדְדוּת חֵלֶק ב' סִימָן א')

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ג): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקַייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז אֱמוּנָה אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן דֶער עִיקָר אֱמוּנָה אִיז צוּ גְלֵייבְּן אַזוֹי וִוי פְּרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער גְלֵייבְּן, אָן קַיין חָכְמוֹת". אוֹיבּ אֵיינֶער קוּמְט מִיט חָכְמוֹת קֶען עֶר אִינְגַאנְצְן אַוֶועק מַאכְן דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "מֶען הֶערְט מִיךְ דֶען אוֹיס?" "מֶען דַארְף מִיךְ דֶען הָאבְּן?" "מַיין תְּפִלָּה אִיז דֶען חָשׁוּב?" "פַּארְוָואס דַארְף אִיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ דַאוֶוען שׁוֹין דִי תְּפִלּוֹת פוּן שַׁחְרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב? דָאס אַלֶעס אִיז גוּטֶע חָכְמוֹת, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה וֶועט דֶער אוֹיבֶּער-חָכָם בְּלַייבְּן דָארְט וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל אוּן עֶר וַוארְפְט אַוֶועק דִי אַלֶע חָכְמוֹת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פַּשְׁטוּת אַזוֹי וִוי אַ פְרוֹי וָואס שְׁטֵייט בַּיים לִיכְט צִינְדְן אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִיר שְׁפְּרַאךְ, זִי בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס זִי דַארְף אוֹיף אִיר מַאמֶע-לָשׁוֹן. אַזַא אֵיינֶער וֶועט זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה, עֶר הֶערְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן עֶר הֶעלְפְט דִי אַלֶע וָואס וֶוענְדְן זִיךְ צוּ אִים.

אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט זִיךְ אַמָאל גֶעפִינֶען בַּיי דִי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, הָאט עֶר גֶעהֶערְט דָארְט וִוי אַ תְּמִימוּת'דִיגֶער אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶענֶער הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זַיין צֵיין טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי, עֶר הָאט דֶערְפוּן גֶעפֶערְלִיכֶע יִסוּרִים. אוּן אַזוֹי אִינְמִיטְן רֶעדְן הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי יֶענֶער אִיד לֵייגְט אַרַיין זַיין פִינְגֶער אִין מוֹיל אוּן זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, טַאטֶע זִיסֶער, דָא טוּט מִיר וֵויי". אָנְוַוייזְנְדִיג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי צֵיין וָואס טוּט אִים וֵויי. עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַמָשׁ וִוי עֶר וָואלְט גֶעזֶן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ אוּן עֶר רֶעדְט מִיט אִים.

דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִין הִתְבּוֹדְדוּת, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי נָאנְט, אַז מֶען זָאל מַמָשׁ וַוייזְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ עֶס טוּט וֵויי.

| Date | Day | Heb. date | Learning | Zmanim | Zmanim |
|---|---|---|---|---|---|
| 10<br>Nov | ראשון<br>Sunday | ט<br>9 | **בבלי:** בבא בתרא קלח<br>**ירושלמי:** סוכה יז<br>**תוספתא:** נדה ט<br>**נ"ך:** רות ד - איכה א<br>**רמב"ם:** שגגות יב | נץ החמה.................6:38<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:08<br>סו"ז תפלה - גר"א....9:58<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:54 | עלות השחר.............5:25<br>סו"ז קר"ש - מג"א... 8:32<br>סו"ז תפלה - מג"א... 9:34<br>שקיעה ..................... 4:41 |
| 11<br>Nov | שני<br>Monday | י<br>10 | **בבלי:** בבא בתרא קלט<br>**ירושלמי:** סוכה יח<br>**תוספתא:** מכשירין א<br>**נ"ך:** איכה ב-ג<br>**רמב"ם:** שגגות יג | **תענית שני קמא**<br>נץ החמה.................6:39<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:09<br>סו"ז תפלה - גר"א....9:59<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:54 | עלות השחר.............5:26<br>סו"ז קר"ש - מג"א... 8:33<br>סו"ז תפלה - מג"א... 9:35<br>שקיעה..................... 4:40 |
| 12<br>Nov | שלישי<br>Tuesday | יא<br>11 | **בבלי:** בבא בתרא קמ<br>**ירושלמי:** סוכה יט<br>**תוספתא:** מכשירין ב<br>**נ"ך:** איכה ד-ה<br>**רמב"ם:** שגגות יד | נץ החמה.................6:40<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:09<br>סו"ז תפלה - גר"א....9:59<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:53 | עלות השחר.............5:27<br>סו"ז קר"ש - מג"א... 8:33<br>סו"ז תפלה - מג"א... 9:35<br>שקיעה..................... 4:39 |
| 13<br>Nov | רביעי<br>Wednesday | יב<br>12 | **בבלי:** בבא בתרא קמא<br>**ירושלמי:** סוכה כ<br>**תוספתא:** מכשירין ג<br>**נ"ך:** קהלת א-ב<br>**רמב"ם:** שגגות טו | נץ החמה.................6:41<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:10<br>סו"ז תפלה - גר"א....10:00<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:52 | עלות השחר.............5:28<br>סו"ז קר"ש - מג"א... 8:34<br>סו"ז תפלה - מג"א... 9:36<br>שקיעה..................... 4:39 |
| 14<br>Nov | חמישי<br>Thursday | יג<br>13 | **בבלי:** בבא בתרא קמב<br>**ירושלמי:** סוכה כא<br>**תוספתא:** זבים א<br>**נ"ך:** קהלת ג-ד<br>**רמב"ם:** מחוסרי כפרה א | **תענית חמישי**<br>נץ החמה.................6:43<br>סו"ז קר"ש - גר"א.....9:11<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:00<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:51 | עלות השחר.............5:30<br>סו"ז קר"ש - מג"א... 8:35<br>סו"ז תפלה - מג"א... 9:36<br>שקיעה..................... 4:38 |
| 15<br>Nov | ששי<br>Friday<br>הדלקת הנרות **4:19** Candle Lighting | יד<br>14 | **בבלי:** בבא בתרא קמג<br>**ירושלמי:** סוכה כב<br>**תוספתא:** זבים ב<br>**נ"ך:** קהלת ה-ו<br>**רמב"ם:** מחוסרי כפרה ב | נץ החמה.................6:44<br>סו"ז קר"ש - גר"א.....9:11<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:01<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:50 | עלות השחר.............5:31<br>סו"ז קר"ש - מג"א... 8:35<br>סו"ז תפלה - מג"א... 9:37<br>שקיעה..................... 4:37 |
| 16<br>Nov | הפטרה: ואשה אחת<br>שב"ק<br>Shabbos<br>זמן מוצש"ק **5:49** Shabbos Ends | טו<br>15 | **בבלי:** בבא בתרא קמד<br>**ירושלמי:** סוכה כג<br>**תוספתא:** זבים ג<br>**נ"ך:** קהלת ז-ח<br>**רמב"ם:** מחוסרי כפרה ג | **וירא**<br>נץ החמה.................6:45<br>סו"ז קר"ש - גר"א.....9:12<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:01<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:49 | עלות השחר.............5:32<br>סו"ז קר"ש - מג"א... 8:36<br>סו"ז תפלה - מג"א... 9:37<br>שקיעה..................... 4:36 |

וֶוען דוּ זֶעסְט עֶס פַּאסִירְט אַן אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶע זַאךְ, זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן אַז סְ'אִיז פּוּנְקְט אַזוֹי גֶעשֶׁען,
נָאר דוּ זָאלְסְט גְלֵייבְּן אַז דָאס הָאט זִיכֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט אַזוֹי. (סֵפֶר הַמִדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ג')

דער רֶבּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען די גַאנְצֶע וֶועלְט אָן קַיין שָׁאס פּוּלְוֶוער, נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, עֶר וֶועט אַזוֹי שְׁטַארְק אַריינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דֶער וֶועלְט אַז יֶעדֶער וֶועט אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווִי וואוּיל אוּן וִוי גוּט אִיז פַּאר דֶעם וָואס טוּט שׁוֹין יֶעצְט דָאס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען, עֶר רֶעדְט שׁוֹין יֶעצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דער רֶבּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן דִי תְּפִלּוֹת פוּן פְּרוֹיעֶן, וַוייל פְּרוֹיעֶן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּטֶערְהֵייט אָן קֵיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַזוֹי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן זַיינֶע תְּפִלּוֹת שְׁנֶעל אָנְגֶענוּמֶען.

מֶען הָאט אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבּי'ן אִין נָאמֶען פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קֵיין וַוייבֶּער שׁוּל. וֶוען דֶער רֶבּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעלַאכְט דֶערְפוּן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס זִיכֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט. פַּארְקֶערְט, דִי תְּפִלּוֹת פוּן פְּרוֹיעֶן זֶענֶען נָאךְ חָשׁוּב'עֶר פוּן דִי מֶענֶער, אוּן וֶוערְן נָאךְ שְׁנֶעלֶער אָנְגֶענוּמֶען, וַוייל אַ פְּרוֹי הָאט גֶעוֶוענְלִיךְ אַ צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, אוּן זִי וֵויינְט שְׁנֶעלֶער, אוּן דֶערְפַאר קֶען זִי נָאךְ שְׁנֶעלֶער פּוּעְלְ'ן אַ יְשׁוּעָה פוּן אַ מַאן.

מִיר זֶעעֶן דָאךְ אַז אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַן עֶזְרַת נָשִׁים, אַ פְּלַאץ פַאר דִי פְּרוֹיעֶן, אוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן וֶועג וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעבּוֹיעֶט, מִמֵּילָא וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט נִישְׁט זַיין קֵיין וַוייבֶּער שׁוּהל?!

אַ פְּרוֹי דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ, פַאר אִיר מַאן, פַאר אִירֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל אִירֶע תְּפִלּוֹת אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִי קֶען אוֹיסְ'פּוּעְלְ'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 17 Nov | ראשון Sunday | טז 16 | **בבלי:** בבא בתרא קמה<br>**ירושלמי:** סוכה כד<br>**תוספתא:** זבים ד<br>**נ"ך:** קהלת ט-י<br>**רמב"ם:** מחוסרי כפרה ד | נץ החמה......6:46<br>סו"ז קר"ש - גר"א.....9:13<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:02<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:49 | עלות השחר......5:33<br>סו"ז קר"ש - מג"א....8:37<br>סו"ז תפלה - מג"א....9:38<br>שקיעה......4:35 |
| 18 Nov | שני Monday | יז 17 | **בבלי:** בבא בתרא קמו<br>**ירושלמי:** סוכה כה<br>**תוספתא:** זבים ה<br>**נ"ך:** קהלת יא-יב<br>**רמב"ם:** מחוסרי כפרה ה | **תענית שני בתרא**<br>נץ החמה......6:47<br>סו"ז קר"ש - גר"א.....9:13<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:02<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:48 | עלות השחר......5:34<br>סו"ז קר"ש - מג"א....8:37<br>סו"ז תפלה - מג"א....9:38<br>שקיעה......4:35 |
| 19 Nov | שלישי Tuesday | יח 18 | **בבלי:** בבא בתרא קמז<br>**ירושלמי:** סוכה כו<br>**תוספתא:** טבול יום א<br>**נ"ך:** אסתר א-ב<br>**רמב"ם:** תמורה א | נץ החמה......6:48<br>סו"ז קר"ש - גר"א.....9:14<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:03<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:47 | עלות השחר......5:35<br>סו"ז קר"ש - מג"א....8:38<br>סו"ז תפלה - מג"א....9:39<br>שקיעה......4:34 |
| 20 Nov | רביעי Wednesday | יט 19 | **בבלי:** בבא בתרא קמח<br>**ירושלמי:** תענית א<br>**תוספתא:** טבול יום ב<br>**נ"ך:** אסתר ג-ד<br>**רמב"ם:** תמורה ב | נץ החמה......6:49<br>סו"ז קר"ש - גר"א.....9:15<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:03<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:47 | עלות השחר......5:36<br>סו"ז קר"ש - מג"א....8:39<br>סו"ז תפלה - מג"א....9:39<br>שקיעה......4:33 |
| 21 Nov | חמישי Thursday | כ 20 | **בבלי:** בבא בתרא קמט<br>**ירושלמי:** תענית ב<br>**תוספתא:** ידים א<br>**נ"ך:** אסתר ה-ו<br>**רמב"ם:** תמורה ג | נץ החמה......6:51<br>סו"ז קר"ש - גר"א.....9:15<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:04<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:46 | עלות השחר......5:38<br>סו"ז קר"ש - מג"א....8:39<br>סו"ז תפלה - מג"א....9:40<br>שקיעה......4:33 |
| 22 Nov | ששי Friday<br>הדלקת הנרות 4:14 Candle Lighting | כא 21 | **בבלי:** בבא בתרא קנ<br>**ירושלמי:** תענית ג<br>**תוספתא:** ידים ב<br>**נ"ך:** אסתר ז-ח<br>**רמב"ם:** תמורה ד | נץ החמה......6:52<br>סו"ז קר"ש - גר"א.....9:16<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:05<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:45 | עלות השחר......5:39<br>סו"ז קר"ש - מג"א....8:40<br>סו"ז תפלה - מג"א....9:41<br>שקיעה......4:32 |
| 23 Nov | הפטרה: והמלך דוד<br>שב"ק Shabbos<br>זמן מוצש"ק 5:45 Shabbos Ends | כב 22 | **בבלי:** בבא בתרא קנא<br>**ירושלמי:** תענית ד<br>**תוספתא:** עקצין א<br>**נ"ך:** אסתר ט-י<br>**רמב"ם:** טומאת מת א | **חיי שרה**<br>נץ החמה......6:53<br>סו"ז קר"ש - גר"א.....9:17<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:05<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:45 | עלות השחר......5:40<br>סו"ז קר"ש - מג"א....8:41<br>סו"ז תפלה - מג"א....9:41<br>שקיעה......4:32 |

דָאס זָאגְן אֱמֶת בְּרֶענְגְט דִי גְאוּלָה.

(סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָשִׁיחַ סִימָן ד')

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז ווִי אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט אַרוּם מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט אוּן יֶעדֶער וֶוערְט נַייגֶערִיג צוּ ווִיסְן וָואס עֶר בַּאהַאלְט דָארְט אִין דִי הַאנְט, יֶעדֶער מֵיינְט אַז עֶר הָאט זִיכֶער דָארְט בַּאהַאלְטְן עֶפֶּעס וָואס דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל הָאבְּן, אוּן דֶערִיבֶּער לוֹיפְט אִים יֶעדֶער נָאךְ, אָבֶּער צוּם סוֹף מַאכְט עֶר אוֹיף זַיין הַאנְט אוּן מֶען זֶעט אַז עֶר הָאט בִּכְלַל גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין דִי הַאנְט... דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט'ן יֵצֶר הָרַע וָואס יֶעדֶער רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז אוֹיבּ וֶועט מֶען אִים נָאכְלוֹיפְן וֶועט מֶען זִיכֶער בַּאקוּמֶען פוּן אִים אַלֶעס גוּטְס, אוּן צוּם סוֹף מַאכְט עֶר אוֹיף דִי הֶענְט אוּן מֶען זֶעט אַז עֶר הָאט בִּכְלַל גָארְנִישְׁט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן, קֵיינֶער וֶוערְט נִישְׁט גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן וֶוען עֶר פָאלְגְט דִי שְׁלֶעכְטֶע עֵצוֹת פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דָאס גֵייט בְּעִיקָר אַרוֹיף אוֹיף מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע לוֹיפְן נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ, מֶען גְלֵייבְּט אִין יֶענֶעם, אוּן מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם גֶעלְט, אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז מֶען וֶועט עֶפֶּעס בַּאקוּמֶען פוּן יֶענֶעם, אוּן צוּם סוֹף זֶעט אַז מֶען אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פַארְדִינְט פוּן יֶענֶעם.

נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אִין זַיין לֶעצְטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף דֶער וֶועלְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אַז מֶען דַארְף אַסַאךְ זוֹכֶה זַיין אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן אַן גוּטְן עֶרְלִיכֶען מַנְהִיג וָואס זָאל פִירְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דֶער סִימָן צוּ ווִיסְן אוֹיבּ מֶען אִיז מְקוּרָב צוּ אַ גוּטְן מַנְהִיג, אִיז וֶוען דֶער מַנְהִיג קֶען מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אוּן זוֹכֶה זַיין דוּרְכְצוּגֵיין אִין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל גֶעבְּן צְדָקָה אוּן טוּן חֶסֶד, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיבּ גֵייט מֶען צוּ אַזָא מַנְהִיג וָואס קֶען דָאס פוֹעֶלְ'ן בַּיי אַ מֶענְטְשׁ, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר גֵייט צוּ אַ רִיכְטִיגֶער מַנְהִיג צוּ וֶועמֶען עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ גֵיין.

## 24 Nov — ראשון Sunday — כג 23

**בבלי:** בבא בתרא קנב
**ירושלמי:** תענית ה
**תוספתא:** עקצין ב
**נ"ך:** דניאל א-ב
**רמב"ם:** טומאת מת ב

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:41 | נץ החמה 6:54 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 8:42 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:18 |
| סו"ז תפלה - מג"א 9:42 | סו"ז תפלה - גר"א 10:06 |
| שקיעה 4:31 | צה"כ לשיטת ר"ת 5:44 |

## 25 Nov — שני Monday — כד 24

**בבלי:** בבא בתרא קנג
**ירושלמי:** תענית ו
**תוספתא:** עקצין ג
**נ"ך:** דניאל ג-ד
**רמב"ם:** טומאת מת ג

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:42 | נץ החמה 6:55 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 8:42 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:18 |
| סו"ז תפלה - מג"א 9:42 | סו"ז תפלה - גר"א 10:06 |
| שקיעה 4:31 | צה"כ לשיטת ר"ת 5:44 |

## 26 Nov — שלישי Tuesday — כה 25

התחלת מחזור כ"ד של לימוד תוספתא יומי - פרק אחד ליום

**בבלי:** בבא בתרא קנד
**ירושלמי:** תענית ז
**תוספתא:** ברכות א
**נ"ך:** דניאל ה-ו
**רמב"ם:** טומאת מת ד

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:43 | נץ החמה 6:56 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 8:43 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:19 |
| סו"ז תפלה - מג"א 9:43 | סו"ז תפלה - גר"א 10:07 |
| שקיעה 4:30 | צה"כ לשיטת ר"ת 5:43 |

## 27 Nov — רביעי Wednesday — כו 26

**בבלי:** בבא בתרא קנה
**ירושלמי:** תענית ח
**תוספתא:** ברכות ב
**נ"ך:** דניאל ז-ח
**רמב"ם:** טומאת מת ה

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:44 | נץ החמה 6:57 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 8:44 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:20 |
| סו"ז תפלה - מג"א 9:43 | סו"ז תפלה - גר"א 10:07 |
| שקיעה 4:30 | צה"כ לשיטת ר"ת 5:43 |

## 28 Nov — חמישי Thursday — כז 27

**יום כיפור קטן מוקדם**

**בבלי:** בבא בתרא קנו
**ירושלמי:** תענית ט
**תוספתא:** ברכות ג
**נ"ך:** דניאל ט-י
**רמב"ם:** טומאת מת ו

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:45 | נץ החמה 6:58 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 8:44 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:20 |
| סו"ז תפלה - מג"א 9:44 | סו"ז תפלה - גר"א 10:08 |
| שקיעה 4:29 | צה"כ לשיטת ר"ת 5:43 |

## 29 Nov — ששי Friday — כח 28

הדלקת הנרות **4:11** Candle Lighting

**בבלי:** בבא בתרא קנז
**ירושלמי:** תענית י
**תוספתא:** ברכות ד
**נ"ך:** דניאל יא-יב
**רמב"ם:** טומאת מת ז

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:46 | נץ החמה 6:59 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 8:45 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:21 |
| סו"ז תפלה - מג"א 9:45 | סו"ז תפלה - גר"א 10:09 |
| שקיעה 4:29 | צה"כ לשיטת ר"ת 5:42 |

## 30 Nov — שב"ק Shabbos — כט 29

הפטרה: מחר חדש

**תולדות, מבה"ח**

זמן מוצש"ק **5:42** Shabbos Ends

**בבלי:** בבא בתרא קנח
**ירושלמי:** תענית יא
**תוספתא:** ברכות ה
**נ"ך:** עזרא א-ב
**רמב"ם:** טומאת מת ח

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:47 | נץ החמה 7:00 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 8:46 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:22 |
| סו"ז תפלה - מג"א 9:45 | סו"ז תפלה - גר"א 10:09 |
| שקיעה 4:29 | צה"כ לשיטת ר"ת 5:42 |

**מברכים חודש כסלו** המולד: מוצש"ק 49 מינוט און 15 חלקים נאך 4. **ראש חודש:** ראשון ולמחרתו ביום השני

מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען וָואס דֶער מֶענְטְש אִיז, וֶוען מֶען קוּקְט צוּ וֶועמֶען דֶער מֶענְטְש אִיז מְקוּרָב. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק סִימָן צ"ח)

דִי טֶבַע פוּן מֶענְטְשְׁן אִיז אַז זַייעֶר גִיסְטֶע הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין טוּישְׁן לוֹיט וִוי אַזוֹי דִי ווִינְט בְּלָאזְט, אַמָאל אִיז מֶען אִין אַ פְרֵיילִיכֶע גִיסְטֶע אוּן אַמָאל אִין אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע גִיסְטֶע, עֶס אִיז גֶעוָואנְדְן לוֹיט דִי אוּמְשְׁטֶענְדְן אִין וָואס מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ אִיד אִיז אָבֶּער צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן דַאן אִיז מֶען שְׁטֶענְדִיג אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, ווַייל מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, אַלֶעס אִיז בֶּאֱמֶת נָאר גוּט. אוּן צוּ בַּאקוּמֶען אָט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זַיינֶע מֶענְטְשְׁן דִי קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה.

דֶער פָּסוּק רוּפְט אָן אַ צַדִיק 'אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ אֱלֹקִים בּוֹ', זָאגְט רַשִׁ"י שֶׁיוֹדֵעַ לַהֲלֹךְ כְּנֶגֶד רוּחוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, דָאס מֵיינְט אַז אַ צַדִיק וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז אַלֶעמָאל אִין אַ גוּטֶע 'מַצָב רוּחַ' - אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, ווַייל עֶר וֵוייסְט אַז עֶר וֶוערְט גֶעפִירְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן אָדֶער טְרוֹיעֶרִיג פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ. אוּן דִי וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ בַּיים צַדִיק בַּאקוּמֶען דָאס אוֹיךְ אַז זֵיי וֶוערְן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי זֶענֶען אֵייבִּיג אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ט"ו) כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע וּמְדַקְדֵק בְּאוֹתִיּוֹתֶיהָ מְצַנְּנִין לוֹ גֵיהִנוֹם. דִי גֵיהִנוֹם אִיז נִישְׁט נָאר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי גֵיהִנוֹם אִיז אוֹיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִים לב, כב) תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה - דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס דֶער רָשָׁע טוּט, דָאס אַלֵיין הַרְגֶ'ט אִים, עֶר וֶוערְט אַ פַארְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הָאט דִי גֵיהִנוֹם שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט. אָבֶּער הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע - דָאס אִיז אֱמוּנָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה צוּ ווִיסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַאן קִילְט עֶר אָפּ זַיין גֵיהִנוֹם, עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הָאט דֶעם גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

| Date | Day | Hebrew Date | Learning | Zmanim |
|---|---|---|---|---|
| **1** Dec | **ראשון** Sunday | **ל** 30 | **בבלי:** בבא בתרא קנט<br>**ירושלמי:** תענית יב<br>**תוספתא:** ברכות ו<br>**נ"ך:** עזרא ג-ד<br>**רמב"ם:** טומאת מת ט | **א' דראש חודש כסלו** Rosh Chodesh Kislev<br>עלות השחר 5:48 · נץ החמה 7:01<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:46 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:22<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:46 · סו"ז תפלה - גר"א 10:10<br>שקיעה 4:28 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:42 |
| **2** Dec | **שני** Monday | **א** 1 | **בבלי:** בבא בתרא קס<br>**ירושלמי:** תענית יג<br>**תוספתא:** פאה א<br>**נ"ך:** עזרא ה-ו<br>**רמב"ם:** טומאת מת י | **ב' דראש חודש כסלו** Rosh Chodesh Kislev<br>עלות השחר 5:49 · נץ החמה 7:02<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:47 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:23<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:46 · סו"ז תפלה - גר"א 10:10<br>שקיעה 4:28 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:42 |
| **3** Dec | **שלישי** Tuesday | **ב** 2 | **בבלי:** בבא בתרא קסא<br>**ירושלמי:** תענית יד<br>**תוספתא:** פאה ב<br>**נ"ך:** עזרא ז-ח<br>**רמב"ם:** טומאת מת יא | עלות השחר 5:50 · נץ החמה 7:03<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:48 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:24<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:47 · סו"ז תפלה - גר"א 10:11<br>שקיעה 4:28 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:41 |
| **4** Dec | **רביעי** Wednesday | **ג** 3 | **בבלי:** בבא בתרא קסב<br>**ירושלמי:** תענית טו<br>**תוספתא:** פאה ג<br>**נ"ך:** עזרא ט-י<br>**רמב"ם:** טומאת מת יב | **מתחילין ותן טל ומטר, בלילה (אור ליום חמישי)**<br>עלות השחר 5:51 · נץ החמה 7:04<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:49 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:25<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:48 · סו"ז תפלה - גר"א 10:12<br>שקיעה 4:28 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:41 |
| **5** Dec | **חמישי** Thursday | **ד** 4 | **בבלי:** בבא בתרא קסג<br>**ירושלמי:** תענית טז<br>**תוספתא:** פאה ד<br>**נ"ך:** נחמיה א-ב<br>**רמב"ם:** טומאת מת יג | עלות השחר 5:52 · נץ החמה 7:05<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:49 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:25<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:48 · סו"ז תפלה - גר"א 10:12<br>שקיעה 4:28 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:41 |
| **6** Dec | **ששי** Friday<br>הדלקת הנרות **4:10** Candle Lighting | **ה** 5 | **בבלי:** בבא בתרא קסד<br>**ירושלמי:** תענית יז<br>**תוספתא:** דמאי א<br>**נ"ך:** נחמיה ג-ד<br>**רמב"ם:** טומאת מת יד | עלות השחר 5:53 · נץ החמה 7:06<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:50 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:26<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:49 · סו"ז תפלה - גר"א 10:13<br>שקיעה 4:28 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:41 |
| **7** Dec | הפטרה: ויברח יעקב<br>**שב"ק** Shabbos<br>זמן מוצש"ק **5:41** Shabbos Ends | **ו** 6 | **בבלי:** בבא בתרא קסה<br>**ירושלמי:** תענית יח<br>**תוספתא:** דמאי ב<br>**נ"ך:** נחמיה ה-ו<br>**רמב"ם:** טומאת מת טו | **ויצא**<br>עלות השחר 5:54 · נץ החמה 7:07<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:51 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:27<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:49 · סו"ז תפלה - גר"א 10:13<br>שקיעה 4:28 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:41 |

צו זַיין מְקוּרָב צו אַ צַדִּיק אִיז גוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת צַדִּיק סִימָן נ"ג)

עס איז ב"ה היינט דא צו באקומען אלע סארט עסן מיט גוטע הכשרים, עס איז בכלל נישט שווער צו עסן נאר כשר'ס. אבער ווען א איד געבט אכטונג אויף וואס ער נעמט אריין אין מויל, ער זעט אז עס זאל האבן א גוטער הכשר, איז דאס זייער חשוב ביים אייבערשטן, אפילו דאס איז גאר א גרינגע מצוה, און דאס ברענגט אים צו אמונה. דער הייליגער רמב"ם שרייבט אין א בריוו (עיין דגל מחנה אפרים פרשת עקב) צו מענטשן וועלכע האבן זיך אפגערעדט אז זיי האבן קשיות אויף די אמונה, אז דאס קומט פון דעם וואס זיי האבן געגעסן נישט כשר'ע עסן, און דאס איז אריין אין זייער בלוט און האט פארשטאפט זייער מח פון די הייליגע אמונה. זעט מען ווי דאס אליין אז א מענטש געבט אכטונג צו עסן נאר כשר'ס, א זאך וואס איז טאקע גרינג צו טון, דאס דערנענטערט אבער דעם מענטש צום אייבערשטן.

מוהרא"ש האט דערציילט אז נאך די ביטערע וועלט מלחמה ווען די אידן זענען געקומען קיין אמעריקע, האבן זיי געטראפן דער מצב פון כשרות זייער שוואך. עס איז נישט געווען קיין געהעריגע כשר'ע שחיטה, און עס איז נישט געווען צו באקומען קיין חלב ישראל. נאר געציילטע ערליכע אידן האבן זיך אריינגעלייגט אין דעם, אזוי ווי דער צעהלים'ער רב זי"ע וואס האט זיך מוסר נפש געווען אויפצושטעלן א כשר'ע שחיטה, און אויך א פאבריק פון כשר'ע מילך און כשר'ע מילכיגע פראדוקטן, און מיט דעם האט ער געראטעוועט פילע אידן פון צו עסן טריפות ח"ו.

אין יענע צייט איז אמאל געקומען א איד צום הייליגן סאטמאר רבי'ן זי"ע און געפרעגט אויב ער קען מקיל זיין צו געבן גוי'אישע פוטער פאר זיינע קינדער, ווייל אין שלחן ערוך קען מען טרעפן געוויסע התרים אויף פוטער פון א גוי. דער רבי האט אים געענטפערט מיט א שמייכל און געזאגט: "אבער אפשר איז עס בשר בחלב?" דער איד האט זיך געוואונדערט אויף די ווערטער, ווי קומט אהער בשר בחלב צו גוי'אישע פוטער? ער האט אבער געפאלגט און נישט גענוצט די פוטער. עס איז נישט אריבער קיין לאנגע צייט און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער רבי איז טאקע געווען גערעכט. ווייל דער פאבריק פלעגט אריינמישן פליישיגע באשטאנדטיילן אין די פוטער עס צו געבן א גוטן טעם.

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| **8** Dec | **ראשון** Sunday | **ז** 7 | **בבלי:** בבא בתרא קסו<br>**ירושלמי:** תענית יט<br>**תוספתא:** דמאי ג<br>**נ"ך:** נחמיה ז-ח<br>**רמב"ם:** טומאת מת טז | נץ החמה.................7:08<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:27<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:14<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:41 | עלות השחר.............5:55<br>סו"ז קר"ש - מג"א ...8:51<br>סו"ז תפלה - מג"א ...9:50<br>שקיעה.....................4:28 |
| **9** Dec | **שני** Monday | **ח** 8 | **בבלי:** בבא בתרא קסז<br>**ירושלמי:** תענית כ<br>**תוספתא:** דמאי ד<br>**נ"ך:** נחמיה ט-י<br>**רמב"ם:** טומאת מת יז | נץ החמה.................7:09<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:28<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:15<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:41 | עלות השחר.............5:56<br>סו"ז קר"ש - מג"א ...8:52<br>סו"ז תפלה - מג"א ...9:51<br>שקיעה.....................4:28 |
| **10** Dec | **שלישי** Tuesday | **ט** 9 | **בבלי:** בבא בתרא קסח<br>**ירושלמי:** תענית כא<br>**תוספתא:** דמאי ה<br>**נ"ך:** נחמיה יא-יב<br>**רמב"ם:** טומאת מת יח | נץ החמה.................7:10<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:29<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:15<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:41 | עלות השחר.............5:57<br>סו"ז קר"ש - מג"א ...8:53<br>סו"ז תפלה - מג"א ...9:51<br>שקיעה.....................4:28 |
| **11** Dec | **רביעי** Wednesday | **י** 10 | **בבלי:** בבא בתרא קסט<br>**ירושלמי:** תענית כב<br>**תוספתא:** דמאי ו<br>**נ"ך:** נחמיה יג - דברי הימים א א<br>**רמב"ם:** טומאת מת יט | נץ החמה.................7:10<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:29<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:16<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:41 | עלות השחר.............5:57<br>סו"ז קר"ש - מג"א ...8:53<br>סו"ז תפלה - מג"א ...9:52<br>שקיעה.....................4:28 |
| **12** Dec | **חמישי** Thursday | **יא** 11 | **בבלי:** בבא בתרא קע<br>**ירושלמי:** תענית כג<br>**תוספתא:** דמאי ז<br>**נ"ך:** דברי הימים א ב-ג<br>**רמב"ם:** טומאת מת כ | נץ החמה.................7:11<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:30<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:16<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:41 | עלות השחר.............5:58<br>סו"ז קר"ש - מג"א ...8:54<br>סו"ז תפלה - מג"א ...9:52<br>שקיעה.....................4:28 |
| **13** Dec | **ששי** Friday<br>הדלקת הנרות **4:11** Candle Lighting | **יב** 12 | **בבלי:** בבא בתרא קעא<br>**ירושלמי:** תענית כד<br>**תוספתא:** דמאי ח<br>**נ"ך:** דברי הימים א ד-ה<br>**רמב"ם:** טומאת מת כא | נץ החמה.................7:12<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:30<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:17<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:42 | עלות השחר.............5:59<br>סו"ז קר"ש - מג"א ...8:54<br>סו"ז תפלה - מג"א ...9:53<br>שקיעה.....................4:28 |
| **14** Dec | הפטרה: חזון עבדיה<br>**שב"ק** Shabbos<br>זמן מוצש"ק **5:42** Shabbos Ends | **יג** 13 | **בבלי:** בבא בתרא קעב<br>**ירושלמי:** תענית כה<br>**תוספתא:** כלאים א<br>**נ"ך:** דברי הימים א ו-ז<br>**רמב"ם:** טומאת מת כב | **וישלח**<br>נץ החמה.................7:13<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:31<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:17<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....5:42 | עלות השחר.............6:00<br>סו"ז קר"ש - מג"א ...8:55<br>סו"ז תפלה - מג"א ...9:53<br>שקיעה.....................4:29 |

דוּרְךְ שׁוֹחֲטִים רְשָׁעִים וָואס גֶעבְּן צוּ עֶסְן טְרֵיפוֹת פַאר אִידְן, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט פַּארְמֶערְט גְזֵילוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט. (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת שׁוֹחֵט סִימָן ג׳)

דער רֶבִּי זָאגְט אַז כָאטְשׁ וָואס בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט, אִיז דָאס אָבֶער בַּיי אִים אַ גְרוֹיסֶע מַעְלָה. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן דוּרְכְפֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זַיין לֶעבְּן, וָואלְט עֶר וֶוען נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייטֶער אָנְגֵיין, נִישְׁט בְּרוּחֲנִיוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת, אָבֶער אַזוֹי ווִי דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען, הָאט עֶר דִי כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

דער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ו), אַז אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֶעדֶענְקְט גָארְנִישְׁט וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶעס דֶערְמַאנֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (קֹהֶלֶת פ"א סל"ד), אַז עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ אַז מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וַוייל אוֹיבּ מֶען וָואלְט גֶעדֶענְקְט אַלֶעס וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואלְט מֶען אָפְּגֶעלֶערְנְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִין אַפָּאר יָאר אוּן נָאכְדֶעם וָואלְט מֶען מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט. דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן וָואס מֶען לֶערְנְט, וַוייל אַזוֹי וֶועט מֶען אֵייבִּיג לֶערְנֶען תּוֹרָה. נָאךְ בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם) פוּן מֶדְרָשׁ, אַז דָאס אִיז גְלַייךְ צוּ אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעדוּנְגֶען אַרְבֶּעטֶערְס, אַז זַיי זָאלְן אָנְפִילְן פֶּעסֶער מִיט וַואסֶער, אוּן זַיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגִיסְן, אָבֶער דִי פֶּעסֶער הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעפוּלְט וַוייל עֶס הָאט גֶעהַאט לֶעכֶער. דִי נַארִישֶׁע אַרְבֶּעטֶערְס הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גִיסְן, וַוייל זַיי טוּעֶן דָאךְ גָאר נִישְׁט אוֹיף, אָבֶער דִי קְלוּגֶע אַרְבֶּעטֶערְס הָאבְּן וַוייטֶער גֶעגָאסְן, וַוייל זַיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "וָואס אִיז אוּנְז אַ חִילוּק צִי עֶס פוּלְט זִיךְ אָן אָדֶער נִישְׁט? מֶען צָאלְט אוּנְז סַיי ווִי דִי זֶעלְבֶּע גֶעלְט לוֹיט וִויפִיל צַייט מִיר הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט". דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ דָא, אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, וֶועט עֶר נָאךְ אַלֶץ בַּאקוּמֶען דִי זֶעלְבֶּע שְׂכַר אוֹיף יֶעדֶע מִינוּט וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

## 15 Dec · ראשון Sunday · יד 14

**בבלי:** בבא בתרא קעג
**ירושלמי:** תענית כו
**תוספתא:** כלאים ב
**נ"ך:** דברי הימים א ח-ט
**רמב"ם:** טומאת מת כג

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............6:00 | נץ החמה.................7:13 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:56 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:32 |
| סו"ז תפלה - מג"א...9:54 | סו"ז תפלה - גר"א..10:18 |
| שקיעה.....................4:29 | צה"כ לשיטת ר"ת.....5:42 |

## 16 Dec · שני Monday · טו 15

**בבלי:** בבא בתרא קעד
**ירושלמי:** שקלים א
**תוספתא:** כלאים ג
**נ"ך:** דברי הימים א י-יא
**רמב"ם:** טומאת מת כד

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............6:01 | נץ החמה.................7:14 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:56 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:32 |
| סו"ז תפלה - מג"א...9:55 | סו"ז תפלה - גר"א..10:19 |
| שקיעה.....................4:29 | צה"כ לשיטת ר"ת.....5:43 |

## 17 Dec · שלישי Tuesday · טז 16

**בבלי:** בבא בתרא קעה
**ירושלמי:** שקלים ב
**תוספתא:** כלאים ד
**נ"ך:** דברי הימים א יב-יג
**רמב"ם:** טומאת מת כה

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............6:02 | נץ החמה.................7:15 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:57 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:33 |
| סו"ז תפלה - מג"א...9:55 | סו"ז תפלה - גר"א..10:19 |
| שקיעה.....................4:30 | צה"כ לשיטת ר"ת.....5:43 |

## 18 Dec · רביעי Wednesday · יז 17

**בבלי:** בבא בתרא קעו
**ירושלמי:** שקלים ג
**תוספתא:** כלאים ה
**נ"ך:** דברי הימים א יד-טו
**רמב"ם:** פרה אדומה א

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............6:02 | נץ החמה.................7:15 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:57 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:33 |
| סו"ז תפלה - מג"א...9:56 | סו"ז תפלה - גר"א..10:20 |
| שקיעה.....................4:30 | צה"כ לשיטת ר"ת.....5:43 |

## 19 Dec · חמישי Thursday · יח 18

**בבלי:** סנהדרין ב
**ירושלמי:** שקלים ד
**תוספתא:** שביעית א
**נ"ך:** דברי הימים א טז-יז
**רמב"ם:** פרה אדומה ב

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............6:03 | נץ החמה.................7:16 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:58 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:34 |
| סו"ז תפלה - מג"א...9:56 | סו"ז תפלה - גר"א..10:20 |
| שקיעה.....................4:30 | צה"כ לשיטת ר"ת.....5:44 |

## 20 Dec · ששי Friday · יט 19

הדלקת הנרות **4:13** Candle Lighting

**בבלי:** סנהדרין ג
**ירושלמי:** שקלים ה
**תוספתא:** שביעית ב
**נ"ך:** דברי הימים א יח-יט
**רמב"ם:** פרה אדומה ג

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............6:03 | נץ החמה.................7:16 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:58 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:34 |
| סו"ז תפלה - מג"א...9:57 | סו"ז תפלה - גר"א..10:21 |
| שקיעה.....................4:31 | צה"כ לשיטת ר"ת.....5:44 |

## 21 Dec · שב"ק Shabbos · כ 20

הפטרה: כה אמר ד'

זמן מוצש"ק **5:45** Shabbos Ends

**בבלי:** סנהדרין ד
**ירושלמי:** שקלים ו
**תוספתא:** שביעית ג
**נ"ך:** דברי הימים א כ-כא
**רמב"ם:** פרה אדומה ד

**וישב**

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............6:04 | נץ החמה.................7:17 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:59 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:35 |
| סו"ז תפלה - מג"א...9:57 | סו"ז תפלה - גר"א..10:21 |
| שקיעה.....................4:31 | צה"כ לשיטת ר"ת.....5:45 |

דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים מִצְוֹת מַעֲשִׂיּוֹת, וֶועט עֶר אָנְהוֹיבְּן צוּ גֶעדֶענְקֶען
אוּן מֶער נִישְׁט פַּארְגֶעסְן. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת זְכִירָה סִימָן ו')

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד) אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן פַּארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן מִיט זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן בַּאפוֹילְן אַז מֶען מוּז אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף דִי הֶערְנֶער פוּן דִי אָקְסְן אַז מֶען הָאט ח"ו נִישְׁט קַיין חֵלֶק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי שְׁלֶעכְטֶע יְוָנִים, אוּן צוּרִיק גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם הֵיילִיגְן בֵּית הַמִקְדָשׁ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיפְגֶעלָאכְטְן דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דִי יְוָנִים הָאבְּן זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל פַּארְלֵייגְט אוֹיף דִי דְרֵיי מִצְוֹת, פוּן שַׁבָּת, בְּרִית מִילָה, אוּן קִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי דְרֵיי מִצְוֹת "שַׁ'בָּת מִ'ילָה חֹ'ודֶשׁ", אִיז "שָׂמֵחַ". מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הִיט אַלֶע מִצְוֹת, וֶוערְט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ. דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה. אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל דִי דְרֵיי מִצְוֹת אִיז מֶער מְסוּגָל צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ.

בַּיי שַׁבָּת זָאגְן דִי חַזַ"ל (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי בְּהַעֲלוֹתְךָ רֶמֶז תשכ"ה) "וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם - אֵלוּ הַשַׁבָּתוֹת" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אַז מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן הַנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת. בַּיי בְּרִית מִילָה זָאגְט דִי גְמָרָא (שַׁבָּת ק"ל.) אַז דִי מִצְוָה פוּן בְּרִית מִילָה הָאבְּן דִי אִידְן מְקַבֵּל גֶעוֶוען בְּשִׂמְחָה, אוּן זֵיי טוּעֶן עֶס נָאךְ בִּיז הַיינְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד. אוּן אוֹיף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט דִי גְמָרָא (פְּסָחִים ע"ז.) אַז עֶס הֵייסְט אַ יוֹם טוֹב, וַוייל אַלֶע יָמִים טוֹבִים זֶענֶען דָאךְ אָנְגֶעהָאנְגֶען לוֹיט וֶוען עֶס אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. אוּן מִיר זֶעעֶן טַאקֶע ווִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ בַּיי "קִידוּשׁ לְבָנָה" יֶעדְן חוֹדֶשׁ.

דֶעריבֶּער הָאבְּן זִיךְ דִי יְוָנִים דַוְקָא פַּארְלֵייגְט אוֹיף דִי מִצְוֹת. וַוייל זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז דִי אִידְן זָאלְן פַּארְלִירְן זֵייעֶר שִׂמְחָה אוּן מוּט, זֵיי זָאלְן פַּארְלִירְן זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אוּן דוּרְךְ דֶעם פַּארְלִירְן זֵייעֶר גַאנְצֶער חֵשֶׁק אִין לֶעבְּן. וַוייל וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער אוּן פְרֵיילִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 22 Dec | ראשון Sunday | כא 21 | **בבלי:** סנהדרין ה<br>**ירושלמי:** שקלים ז<br>**תוספתא:** שביעית ד<br>**נ"ך:** דברי הימים א כב-כג<br>**רמב"ם:** פרה אדומה ה | עלות השחר 6:04 · נץ החמה 7:17<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:59 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:35<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:58 · סו"ז תפלה - גר"א 10:22<br>שקיעה 4:32 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:45 |
| 23 Dec | שני Monday | כב 22 | **בבלי:** סנהדרין ו<br>**ירושלמי:** שקלים ח<br>**תוספתא:** שביעית ה<br>**נ"ך:** דברי הימים א כד-כה<br>**רמב"ם:** פרה אדומה ו | עלות השחר 6:05 · נץ החמה 7:18<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:00 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:36<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:58 · סו"ז תפלה - גר"א 10:22<br>שקיעה 4:32 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:46 |
| 24 Dec | שלישי Tuesday | כג 23 | **בבלי:** סנהדרין ז<br>**ירושלמי:** שקלים ט<br>**תוספתא:** שביעית ו<br>**נ"ך:** דברי הימים א כו-כז<br>**רמב"ם:** פרה אדומה ז | עלות השחר 6:05 · נץ החמה 7:18<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:00 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:36<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:59 · סו"ז תפלה - גר"א 10:23<br>שקיעה 4:33 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:46 |
| 25 Dec | רביעי Wednesday | כד 24 | **בבלי:** סנהדרין ח<br>**ירושלמי:** שקלים י<br>**תוספתא:** שביעית ז<br>**נ"ך:** דברי הימים א כח-כט<br>**רמב"ם:** פרה אדומה ח | עלות השחר 6:06 · נץ החמה 7:19<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:01 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:37<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:59 · סו"ז תפלה - גר"א 10:23<br>שקיעה 4:34 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:47 |
| 26 Dec | חמישי Thursday | כה 25 | **בבלי:** סנהדרין ט<br>**ירושלמי:** שקלים יא<br>**תוספתא:** שביעית ח<br>**נ"ך:** דברי הימים ב א-ב<br>**רמב"ם:** פרה אדומה ט | **א דחנוכה** · 1st Day of Chanukah<br>עלות השחר 6:06 · נץ החמה 7:19<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:01 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:37<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:00 · סו"ז תפלה - גר"א 10:24<br>שקיעה 4:34 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:48 |
| 27 Dec | ששי Friday<br>הדלקת הנרות **4:17** Candle Lighting | כו 26 | **בבלי:** סנהדרין י<br>**ירושלמי:** שקלים יב<br>**תוספתא:** תרומות א<br>**נ"ך:** דברי הימים ב ג-ד<br>**רמב"ם:** פרה אדומה י | **ב דחנוכה** · 2nd Day of Chanukah<br>עלות השחר 6:06 · נץ החמה 7:19<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:02 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:38<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:00 · סו"ז תפלה - גר"א 10:24<br>שקיעה 4:35 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:48 |
| 28 Dec | הפטרה: רני ושמחי<br>שב"ק Shabbos<br>זמן מוצש"ק **5:49** Shabbos Ends | כז 27 | **בבלי:** סנהדרין יא<br>**ירושלמי:** שקלים יג<br>**תוספתא:** תרומות ב<br>**נ"ך:** דברי הימים ב ה-ו<br>**רמב"ם:** פרה אדומה יא | **מקץ, שבת חנוכה, מבה"ח** · 3rd Day of Chanukah<br>עלות השחר 6:07 · נץ החמה 7:20<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:02 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:38<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:00 · סו"ז תפלה - גר"א 10:24<br>שקיעה 4:36 · צה"כ לשיטת ר"ת 5:49 |

**מברכים חודש טבת** המולד: מאנטאג נאכמיטאג 33 מינוט און 16 חלקים נאך 5. **ראש חודש:** שלישי ולמחרתו ביום הרביעי

דוּרְכ'ן צִינְדְען חֲנוּכָּה לִיכְט און שַׁבָּת לִיכְט, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן נ"ד)

מִיר דַארְפְן אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג אוֹיפְצוּלַייכְטְן אוּן אוֹיפְצוּשַׁיינֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז דָאס זָאל שׁוֹין אָנְהַאלְטְן אוֹיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מִיט וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אִין דִי טֶעג, מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מִיר הָאבְן, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

מֶען זָאגְט בַּיי "עַל הַנִּסִּים" דִי וֶוערְטֶער "וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל", דִי טֶעג זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ לוֹיבְּן אוּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. כָּאטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אָבֶּער דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה מֶער מְסוּגָּל פַאר דֶעם.

אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס מֶען הָאט, דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוֹיף דִי פִילֶע טוֹבוֹת אוּן חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג.

דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט בְּלִינְד דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֶען דִי גוּטֶע חֲסָדִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט, אָבֶּער וֶוען מֶען זִיצְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, דַארְף מֶען אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען אַז מֶען אִיז בָּ"ה גֶעזוּנְט, אַז דִי מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעזוּנְט, אַז מֶען הָאט אוֹיגְן צוּ זֶען, אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן, צֵיינֶער צוּ עֶסְן, הֶענְט אָנְצוּכַאפְּן, אוּן פִיס צוּ גֵיין. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אַז מֶען גֵייט מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט צִיצִית, מִיט אַ קַאפְּל, אַז מֶען הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיפְן טִיר, אַז מֶען לֵייגְט תְּפִלִּין, אַז מֶען הִיט שַׁבָּת, אַז מֶען עֶסְט כָּשֵׁר'ס. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ דַאוֶוענֶען, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי לִיסְטֶע עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט.

וֶוען מֶען טְרַאכְט אִין דֶעם אַרַיין, זֶעט מֶען אַז דִי פִילֶע גוּטְס וָואס מֶען הָאט, וֶועגְט גָאר שְׁטַארְק אִיבֶּער דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט. אוּן דַאן הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ דַאנְקֶען אוּן צוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## 29 Dec · ראשון Sunday · כה 28

**ד דחנוכה** — 4th Day of Chanukah

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 6:07 | נץ החמה | 7:20 |
| סו״ז קר״ש - מג״א | 9:02 | סו״ז קר״ש - גר״א | 9:38 |
| סו״ז תפלה - מג״א | 10:01 | סו״ז תפלה - גר״א | 10:25 |
| שקיעה | 4:37 | צה״כ לשיטת ר״ת | 5:50 |

**בבלי:** סנהדרין יב
**ירושלמי:** שקלים יד
**תוספתא:** תרומות ג
**נ״ך:** דברי הימים ב ז-ח
**רמב״ם:** פרה אדומה יב

## 30 Dec · שני Monday · כט 29

**ה דחנוכה, א״א יו״כ קטן** — 5th Day of Chanukah

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 6:07 | נץ החמה | 7:20 |
| סו״ז קר״ש - מג״א | 9:03 | סו״ז קר״ש - גר״א | 9:39 |
| סו״ז תפלה - מג״א | 10:01 | סו״ז תפלה - גר״א | 10:25 |
| שקיעה | 4:37 | צה״כ לשיטת ר״ת | 5:51 |

**בבלי:** סנהדרין יג
**ירושלמי:** שקלים טו
**תוספתא:** תרומות ד
**נ״ך:** דברי הימים ב ט-י
**רמב״ם:** פרה אדומה יג

## 31 Dec · שלישי Tuesday · ל 30

**ו דחנוכה, א׳ דראש חודש טבת** — 6th Day of Chanukah

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 6:07 | נץ החמה | 7:20 |
| סו״ז קר״ש - מג״א | 9:03 | סו״ז קר״ש - גר״א | 9:39 |
| סו״ז תפלה - מג״א | 10:02 | סו״ז תפלה - גר״א | 10:26 |
| שקיעה | 4:38 | צה״כ לשיטת ר״ת | 5:51 |

**בבלי:** סנהדרין יד
**ירושלמי:** שקלים טז
**תוספתא:** תרומות ה
**נ״ך:** דברי הימים ב יא-יב
**רמב״ם:** פרה אדומה יד

## 1 Jan · רביעי Wednesday · א 1

**ז דחנוכה, ב׳ דראש חודש טבת** — th Day of Chanukah

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 6:07 | נץ החמה | 7:20 |
| סו״ז קר״ש - מג״א | 9:03 | סו״ז קר״ש - גר״א | 9:39 |
| סו״ז תפלה - מג״א | 10:02 | סו״ז תפלה - גר״א | 10:26 |
| שקיעה | 4:39 | צה״כ לשיטת ר״ת | 5:52 |

**בבלי:** סנהדרין טו
**ירושלמי:** שקלים יז
**תוספתא:** תרומות ו
**נ״ך:** דברי הימים ב יג-יד
**רמב״ם:** פרה אדומה טו

## 2 Jan · חמישי Thursday · ב 2

**זאת חנוכה** — 8th Day of Chanukah

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 6:07 | נץ החמה | 7:20 |
| סו״ז קר״ש - מג״א | 9:04 | סו״ז קר״ש - גר״א | 9:40 |
| סו״ז תפלה - מג״א | 10:02 | סו״ז תפלה - גר״א | 10:26 |
| שקיעה | 4:40 | צה״כ לשיטת ר״ת | 5:53 |

**בבלי:** סנהדרין טז
**ירושלמי:** שקלים יח
**תוספתא:** תרומות ז
**נ״ך:** דברי הימים ב טו-טז
**רמב״ם:** טומאת צרע א

## 3 Jan · ששי Friday · ג 3

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 6:07 | נץ החמה | 7:20 |
| סו״ז קר״ש - מג״א | 9:04 | סו״ז קר״ש - גר״א | 9:40 |
| סו״ז תפלה - מג״א | 10:03 | סו״ז תפלה - גר״א | 10:27 |
| שקיעה | 4:41 | צה״כ לשיטת ר״ת | 5:54 |

**בבלי:** סנהדרין יז
**ירושלמי:** שקלים יט
**תוספתא:** תרומות ח
**נ״ך:** דברי הימים ב יז-יח
**רמב״ם:** טומאת צרע ב

Candle Lighting **4:23** הדלקת הנרות

## 4 Jan · שב״ק Shabbos · ד 4

הפטרה: ויהי דבר ד׳

**ויגש**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 6:07 | נץ החמה | 7:20 |
| סו״ז קר״ש - מג״א | 9:04 | סו״ז קר״ש - גר״א | 9:40 |
| סו״ז תפלה - מג״א | 10:03 | סו״ז תפלה - גר״א | 10:27 |
| שקיעה | 4:42 | צה״כ לשיטת ר״ת | 5:55 |

**בבלי:** סנהדרין יח
**ירושלמי:** שקלים כ
**תוספתא:** תרומות ט
**נ״ך:** דברי הימים ב יט-כ
**רמב״ם:** טומאת צרע ג

Shabbos Ends **5:55** זמן מוצש״ק

---

דִי קְדוּשָׁה פוּן חֲנוּכָּה קוּמְט פוּן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז מוֹחֵל גֶעוֶוען יוֹם כִּיפּוּר. (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ו׳)

אִין שְׁטָאט פְּרִימִישְׁלַאן הָאט גֶעוואוֹינְט אַ צַדִיק מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע פְּרִימִישְׁלַאנֶער זי״ע, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע. דָארְט אִין שְׁטָאט הָאט אוֹיךְ גֶעוואוֹינְט אַ שְׁנַיידֶער וָואס פְּלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסאךְ מְצַעֵר זַיין אוּן פַּארְשֶׁעמֶען יֶעדְן טָאג אָן אוֹיפְהֶער. רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה.

אֵיינְמָאל אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶעקוּמֶען אִין פְּרִימִישְׁלַאן, זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט פְרֵייד, אוּן גֶעמַאכְט פַּאר אִים אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה. פַּאר דִי סְעוּדָה הָאט רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם שְׁנַיידֶער: ”יֶעצְט אֵיינְמָאל בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מִיר נִישְׁט פַּארְשֶׁעמֶען פַּאר מַיין רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר דָאס נִישְׁט צוּלִיבּ טוּן, וֶועל אִיךְ מוּזְן צוּשְׁפַּארְן דִי טִיר, אוּן דִיר נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן”.

דֶער שְׁנַיידֶער הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעזוּכְט אַ וֶועג אַרַיין, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיין קְלֵיין פֶּענְסְטֶערְל וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אָפְן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּשְׁרֵייעֶן מִיט קוֹלוֹת אוֹיף רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע, אַלֶע מִינֵי בִּזְיוֹנוֹת, אוּן רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַּארְשֶׁעמְט דֶערְפוּן.

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס דָאס מֵיינְט, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט: ”דָאס אִיז דֶער שְׁנַיידֶער פוּן שְׁטָאט, וָואס פַּארְשֶׁעמְט מִיר יֶעדְן טָאג. אִיךְ בִּין עֶס אֵייבִּיג מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה. אָבֶּער הַיינְט הָאבּ אִיךְ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר נִישְׁט פַּארְשֶׁעמֶען פַּאר מַיין רֶבִּי'ן, אָבֶּער עֶר הָאט דַוְקָא יָא גֶעוָואלְט מִיר פַּארְשֶׁעמֶען”.

הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: ”הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס זָאל מִיר פַּארְשֶׁעמֶען יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען” וַוייל דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אֵיינֶעם וָואס לַיידְט בִּזְיוֹנוֹת, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אָפְּשַׁאצְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז דוּרְךְ בִּזְיוֹנוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן פְלֶעגְט זָאגְן: ”בֶּאֱמֶת וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר מֶען כַאפְּט אַ בִּזָיוֹן, אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה פַּאר יֶעדֶע גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אָבֶּער דִי בִּזְיוֹנוֹת קוּמֶען דָאךְ פְּלוּצְלִינְג, מְמֵילָא וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וֶוען צוּ גֵיין”... וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ וֶוען מֶען פַּארְשֶׁעמְט אִים אוּן מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים, וֶועט זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

| Date | Day | Hebrew date | Learning | Zmanim |
|---|---|---|---|---|
| 5<br>Jan | ראשון<br>Sunday | ה<br>5 | **בבלי:** סנהדרין יט<br>**ירושלמי:** שקלים כא<br>**תוספתא:** תרומות י<br>**נ"ך:** דברי הימים ב כא-כב<br>**רמב"ם:** טומאת צרע ד | עלות השחר 6:07<br>נץ החמה 7:20<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:04<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:40<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:03<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:27<br>שקיעה 4:43<br>צה"כ לשיטת ר"ת 5:56 |
| 6<br>Jan | תקופת טבת 10:30AM<br>שני<br>Monday | ו<br>6 | **בבלי:** סנהדרין כ<br>**ירושלמי:** שקלים כב<br>**תוספתא:** מעשרות א<br>**נ"ך:** דברי הימים ב כג-כד<br>**רמב"ם:** טומאת צרע ה | עלות השחר 6:07<br>נץ החמה 7:20<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:04<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:40<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:03<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:27<br>שקיעה 4:44<br>צה"כ לשיטת ר"ת 5:57 |
| 7<br>Jan | שלישי<br>Tuesday | ז<br>7 | **בבלי:** סנהדרין כא<br>**ירושלמי:** שקלים כג<br>**תוספתא:** מעשרות ב<br>**נ"ך:** דברי הימים ב כה-כו<br>**רמב"ם:** טומאת צרע ו | עלות השחר 6:07<br>נץ החמה 7:20<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:04<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:28<br>שקיעה 4:45<br>צה"כ לשיטת ר"ת 5:58 |
| 8<br>Jan | רביעי<br>Wednesday | ח<br>8 | **בבלי:** סנהדרין כב<br>**ירושלמי:** שקלים כד<br>**תוספתא:** מעשרות ג<br>**נ"ך:** דברי הימים ב כז-כח<br>**רמב"ם:** טומאת צרע ז | עלות השחר 6:07<br>נץ החמה 7:20<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:04<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:28<br>שקיעה 4:46<br>צה"כ לשיטת ר"ת 5:59 |
| 9<br>Jan | חמישי<br>Thursday | ט<br>9 | **בבלי:** סנהדרין כג<br>**ירושלמי:** שקלים כה<br>**תוספתא:** מעשר שני א<br>**נ"ך:** דברי הימים ב כט-ל<br>**רמב"ם:** טומאת צרע ח | עלות השחר 6:07<br>נץ החמה 7:20<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:04<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:28<br>שקיעה 4:47<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:00 |
| 10<br>Jan | הילולא דמוהרנ"ת<br>ששי<br>Friday<br>הדלקת הנרות 4:30 Candle Lighting | י<br>10 | **בבלי:** סנהדרין כד<br>**ירושלמי:** שקלים כו<br>**תוספתא:** מעשר שני ב<br>**נ"ך:** דברי הימים ב לא-לב<br>**רמב"ם:** טומאת צרע ט | **עשרה בטבת** Fast of 10th of Teves<br>עלות השחר 6:07<br>נץ החמה 7:20<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:04<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:28<br>שקיעה 4:48<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:01 |
| 11<br>Jan | הפטרה: ויקרבו ימי דוד<br>שב"ק<br>Shabbos<br>זמן מוצש"ק 6:02 Shabbos Ends | יא<br>11 | **בבלי:** סנהדרין כה<br>**ירושלמי:** שקלים כז<br>**תוספתא:** מעשר שני ג<br>**נ"ך:** דברי הימים ב לג-לד<br>**רמב"ם:** טומאת צרע י | **ויחי**<br>עלות השחר 6:06<br>נץ החמה 7:19<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:05<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:29<br>שקיעה 4:49<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:02 |

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט, זָאל עֶר זִיךְ רֶעכְטְן אוֹיף אַ יְשׁוּעָה.
(סֵפֶר הַמִּדּוֹת אות בּוּשָׁה סִימָן י"א)

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"א) אוֹיף דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַז קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶער פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר נָאר עֶר, אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט.

רֶבִּי נָתָן אִיז עֶס מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִלִּין, ה"ה, אוֹת ד') אַז דָאס אִיז דֶער נִסָּיוֹן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר דַארְף הֶערְן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט יֶעצְט טוּן. אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן אַזוֹי ווִי עֶר הֶערְט אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה גֶעבְּט עֶר אַלֶעס אוֹיף, דַאן וֶוערְט עֶר טַאקֶע פַארְפַאלְן פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן. אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז קְלוּג אוּן עֶר ווֵייסְט אַז דָאס אִיז זַיין נִסָּיוֹן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ נָאר עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אָנְנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

אוּן דֶערְפַאר, אוֹיבּ הֶערְט מֶען פוּן אֵיינֶעם, נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן וֶועם, אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע גָאר גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה וָואס אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, "אוֹיבּ דוּ הָאסְט גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס, קֶענְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן", דַארְף מֶען ווִיסְן אַז יֶענֶער מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אַ שָׁלִיחַ פוּנֶעם סַמַךְ-מֶם צוּ דֶערְוַוייטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן גַן עֵדֶן אוּן גֵיהִנֹּם, צוּ קֶענֶען זָאגְן וֶוער עֶס גֵייט וואוּ. דֶערְפַאר קֶען קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ נִישְׁט זָאגְן וֶוער עֶס קֶען יָא תְּשׁוּבָה טוּן אָדֶער נִישְׁט, דָאס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחֲמָנוּת אִיז אָן אַ שִׁיעוּר, אוּן עֶר נֶעמְט אָן יֶעדְן וָואס טוּט תְּשׁוּבָה.

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| **12** Jan | **ראשון** Sunday | **יב** 12 | **בבלי:** סנהדרין כו<br>**ירושלמי:** שקלים כח<br>**תוספתא:** מעשר שני ד<br>**נ"ך:** דברי הימים ב לה-לו<br>**רמב"ם:** טומאת צרע יא | עלות השחר 6:06<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:05<br>שקיעה 4:50<br>נץ החמה 7:19<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:29<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:03 |
| **13** Jan | **שני** Monday | **יג** 13 | התחלת מחזור י"ב של לימוד תנ"ך יומי - שני פרקים ליום<br>**בבלי:** סנהדרין כז<br>**ירושלמי:** שקלים כט<br>**תוספתא:** מעשר שני ה<br>**נ"ך:** יהושע א-ב<br>**רמב"ם:** טומאת צרע יב | עלות השחר 6:06<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:05<br>שקיעה 4:51<br>נץ החמה 7:19<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:29<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:04 |
| **14** Jan | **שלישי** Tuesday | **יד** 14 | **בבלי:** סנהדרין כח<br>**ירושלמי:** שקלים ל<br>**תוספתא:** חלה א<br>**נ"ך:** יהושע ג-ד<br>**רמב"ם:** טומאת צרע יג | עלות השחר 6:05<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:05<br>שקיעה 4:52<br>נץ החמה 7:18<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:29<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:05 |
| **15** Jan | **רביעי** Wednesday | **טו** 15 | **בבלי:** סנהדרין כט<br>**ירושלמי:** שקלים לא<br>**תוספתא:** חלה ב<br>**נ"ך:** יהושע ה-ו<br>**רמב"ם:** טומאת צרע יד | עלות השחר 6:05<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:05<br>שקיעה 4:53<br>נץ החמה 7:18<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:29<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:06 |
| **16** Jan | **חמישי** Thursday | **טז** 16 | **בבלי:** סנהדרין ל<br>**ירושלמי:** שקלים לב<br>**תוספתא:** ערלה א<br>**נ"ך:** יהושע ז-ח<br>**רמב"ם:** טומאת צרע טו | עלות השחר 6:05<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:05<br>שקיעה 4:54<br>נץ החמה 7:18<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:29<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:07 |
| **17** Jan | **ששי** Friday<br>הדלקת הנרות **4:38** Candle Lighting | **יז** 17 | **בבלי:** סנהדרין לא<br>**ירושלמי:** שקלים לג<br>**תוספתא:** בכורים א<br>**נ"ך:** יהושע ט-י<br>**רמב"ם:** טומאת צרע טז | עלות השחר 6:04<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:05<br>שקיעה 4:55<br>נץ החמה 7:17<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:29<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:09 |
| **18** Jan | הפטרה: הבאים ישרש<br>**שב"ק** Shabbos<br>זמן מוצש"ק **6:10** Shabbos Ends | **יח** 18 | **בבלי:** סנהדרין לב<br>**ירושלמי:** מגילה א<br>**תוספתא:** בכורים ב<br>**נ"ך:** יהושע יא-יב<br>**רמב"ם:** מטמאי משכב ומושב א | **שמות**<br>עלות השחר 6:04<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:05<br>שקיעה 4:56<br>נץ החמה 7:17<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:29<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:10 |

ווען אַ מֶענְטְש אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה, בַּאשַׁאפְט עֶר מִיט דֶעם קְלִפּוֹת וָואס גֵייעֶן אַרַיין אִין מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע קְרִיגְן אוֹיף אִים אוּן מַאכְן אִים יִסוּרִים. (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת נִאוּף סִימָן כ"ו)

וֶוען אַ אִיד וויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ מִתְוַדֶה צוּ זַיין פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס מֵיינְט אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְ'ן מוֹיל פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּן, זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף דֶעם. אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּן דִיר צוּ דֶערְצֶערְנֶען, נָאר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף מִיר", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זָאל מֶען זִיךְ פַּארְעֶנְטְפֶערְן פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בֶּאֱמֶת ווִיל מֶען זַיין וואוֹיל.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַּארְדִינְט פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט שְׁטְרָאפְן, עֶר נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת. חַזַ"ל זָאגְן (סִפְרָא פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי) אַז אִין דִי מִינוּט וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ זִיךְ מְרַחֵם אוֹיף אִים. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַרָאפְּבֵּייגְן דֶעם קָאפּ פַּאר אִים אוּן זָאגְן אַז עֶר ווִיל זַיין גוּט. דֶער פָּסוּק זָאגְט (הוֹשֵׁעַ יד, ג) "קְחוּ עִמָּכֶם דְבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'", זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי חַזַ"ל (פְּסִיקְתָּא דְרַב כַּהֲנָא, פֶּרֶק כ"ד) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר וֶוערְטֶער. עֶר ווִיל נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּ אִים אוּן זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין, אוּן דַאן וֶועט עֶר אִים שׁוֹין מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') אַז וֶוען אַ אִיד טוּט חַס וְשָׁלוֹם אַן עֲבֵירָה, וֶוערְט דָאס אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לב, כז) "וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם". אוּן דָאס מַאכְט אַז דִי בֵּיינֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זָאל צוּבְּרָאכְן וֶוערְן. דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער אוּן טְרוֹיעֶרִיגֶער מֶענְטְשׁ. אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס מִיטְ'ן מוֹיל פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַאן גֵייעֶן אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע צָרוֹת, אוּן עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.

| Date | Day | Hebrew Date | שיעורים | זמנים | זמנים |
|---|---|---|---|---|---|
| 19 Jan | ראשון Sunday | יט 19 | **בבלי:** סנהדרין לג<br>**ירושלמי:** מגילה ב<br>**תוספתא:** שבת א<br>**נ"ך:** יהושע יג-יד<br>**רמב"ם:** מטמאי משכב ומושב ב | נץ החמה 7:16<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:29<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:11 | עלות השחר 6:03<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:05<br>שקיעה 4:58 |
| 20 Jan | שני Monday | כ 20 | **בבלי:** סנהדרין לד<br>**ירושלמי:** מגילה ג<br>**תוספתא:** שבת ב<br>**נ"ך:** יהושע טו-טז<br>**רמב"ם:** מטמאי משכב ומושב ג | נץ החמה 7:15<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:29<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:12 | עלות השחר 6:02<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:05<br>שקיעה 4:59 |
| 21 Jan | שלישי Tuesday | כא 21 | **בבלי:** סנהדרין לה<br>**ירושלמי:** מגילה ד<br>**תוספתא:** שבת ג<br>**נ"ך:** יהושע יז-יח<br>**רמב"ם:** מטמאי משכב ומושב ד | נץ החמה 7:15<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:40<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:29<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:13 | עלות השחר 6:02<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:04<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:05<br>שקיעה 5:00 |
| 22 Jan | רביעי Wednesday | כב 22 | **בבלי:** סנהדרין לו<br>**ירושלמי:** מגילה ה<br>**תוספתא:** שבת ד<br>**נ"ך:** יהושע יט-כ<br>**רמב"ם:** מטמאי משכב ומושב ה | נץ החמה 7:14<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:40<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:29<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:14 | עלות השחר 6:01<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:04<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:05<br>שקיעה 5:01 |
| 23 Jan | חמישי Thursday | כג 23 | **בבלי:** סנהדרין לז<br>**ירושלמי:** מגילה ו<br>**תוספתא:** שבת ה<br>**נ"ך:** יהושע כא-כב<br>**רמב"ם:** מטמאי משכב ומושב ו | נץ החמה 7:13<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:40<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:29<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:16 | עלות השחר 6:00<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:04<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:05<br>שקיעה 5:02 |
| 24 Jan | ששי Friday<br>Candle Lighting **4:46** הדלקת הנרות | כד 24 | **בבלי:** סנהדרין לח<br>**ירושלמי:** מגילה ז<br>**תוספתא:** שבת ו<br>**נ"ך:** יהושע כג-כד<br>**רמב"ם:** מטמאי משכב ומושב ז | נץ החמה 7:13<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:40<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:29<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:17 | עלות השחר 6:00<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:04<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:05<br>שקיעה 5:04 |
| 25 Jan | הפטרה: כה אמר ד'<br>שב"ק Shabbos<br>Shabbos Ends **6:18** זמן מוצש"ק | כה 25 | **בבלי:** סנהדרין לט<br>**ירושלמי:** מגילה ח<br>**תוספתא:** שבת ז<br>**נ"ך:** שופטים א-ב<br>**רמב"ם:** מטמאי משכב ומושב ח | **וארא, מבה"ח**<br>נץ החמה 7:12<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:40<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:29<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:18 | עלות השחר 5:59<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:04<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:05<br>שקיעה 5:05 |

**מברכים חודש שבט** המולד: מיטוואך צופרי 17 מינוט און 17 חלקים נאך 6. **ראש חודש:** חמישי

וָוער עֶס הָאט נִישְׁט פַּארַאכְטְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן, דוּרְךְ דֶעם קוּמֶען אוֹיף אִים דַאֲגוֹת. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת עַצְבוּת סִימָן א')

דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבְבִי"ם, דִי זֶעקְס וָואכְן, שְׁ'מוֹת וָ'אֵרָא בֹּ'א בְּ'שַׁלַּח יִ'תְרוֹ מִ'שְׁפָּטִים, זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ פַארֶעכְטְן אַלֶע עֲבֵירוֹת, דִי וָואכְן אִיז גָאר גְרִינְג אַז אַ אִיד זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהן דָאס אוּן דָאס, אִיךְ הָאבּ מִיר נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי מֶען דַארְף, אוּן אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר", אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט צוּ פַאסְטְן תַּעֲנִיתִים אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבְבִי"ם, כְּדֵי צוּ פַארֶעכְטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער מִיר אִין דִי הַיינְטִיגֶע שְׁוַואכֶע דוֹרוֹת קֶענֶען נִישְׁט פַאסְטְן, דַארְפְן מִיר כָּאטְשׁ טוּן וָואס מֶען קֶען יָא, צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּאֱמֶת וֶוען מֶען קוּקְט אַרֵיין אִין "שַׁעַר הַגִּלְגוּלִים" פוּן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ וָואס עֶר שְׁרַייבְּט דָארְט וִויפִיל תַּעֲנִיתִים אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פַאסְטְן פַאר יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז מַמָשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ עֶס אוֹיסְצוּפִירְן, וַוייל עֶס זֶענֶען בִּכְלָל נִישְׁט דָא גֶענוּג טֶעג אִינֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, צוּ קֶענֶען פַאסְטְן אַזוֹיפִיל.

דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד' הֲלָכָה ח') "כֵּיוָן שֶׁקִבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ אַז עֶר גֵייט לֶערְנֶען תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן, רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט רֶבִּי נָתָן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אַז עֶס וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "דָאס אִיז אוֹיךְ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין "פְּגַם הַבְּרִית" רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט שְׁמוּצִיגֶע עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירוֹת רח"ל, וָואס דָאס אִיז גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת?" הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף אִים אוּן אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן: "דוּ ווֵייסְט דֶען וָואס תּוֹרָה אִיז? 'בְּרִית בִּיסוֹד וְאוֹרַיְיתָא בְּתִפְאֶרֶת'" דָאס מֵיינְט אַז תּוֹרָה אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער אוּן עֶס הָאט דֶעם כֹּחַ אָפְּצוּוַואשְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת.

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| **26**<br>Jan | **ראשון**<br>Sunday | **כו**<br>26 | **בבלי:** סנהדרין מ<br>**ירושלמי:** מגילה ט<br>**תוספתא:** שבת ח<br>**נ״ך:** שופטים ג-ד<br>**רמב״ם:** מטמאי משכב ומושב ט | עלות השחר 5:58<br>סו״ז קר״ש - מג״א 9:03<br>סו״ז תפלה - מג״א 10:05<br>שקיעה 5:06<br>נץ החמה 7:11<br>סו״ז קר״ש - גר״א 9:39<br>סו״ז תפלה - גר״א 10:29<br>צה״כ לשיטת ר״ת 6:19 |
| **27**<br>Jan | **שני**<br>Monday | **כז**<br>27 | **בבלי:** סנהדרין מא<br>**ירושלמי:** מגילה י<br>**תוספתא:** שבת ט<br>**נ״ך:** שופטים ה-ו<br>**רמב״ם:** מטמאי משכב ומושב י | עלות השחר 5:57<br>סו״ז קר״ש - מג״א 9:03<br>סו״ז תפלה - מג״א 10:05<br>שקיעה 5:07<br>נץ החמה 7:10<br>סו״ז קר״ש - גר״א 9:39<br>סו״ז תפלה - גר״א 10:29<br>צה״כ לשיטת ר״ת 6:20 |
| **28**<br>Jan | **שלישי**<br>Tuesday | **כח**<br>28 | **בבלי:** סנהדרין מב<br>**ירושלמי:** מגילה יא<br>**תוספתא:** שבת י<br>**נ״ך:** שופטים ז-ח<br>**רמב״ם:** מטמאי משכב ומושב יא | עלות השחר 5:57<br>סו״ז קר״ש - מג״א 9:03<br>סו״ז תפלה - מג״א 10:05<br>שקיעה 5:09<br>נץ החמה 7:10<br>סו״ז קר״ש - גר״א 9:39<br>סו״ז תפלה - גר״א 10:29<br>צה״כ לשיטת ר״ת 6:22 |
| **29**<br>Jan | **רביעי**<br>Wednesday | **כט**<br>29 | **בבלי:** סנהדרין מג<br>**ירושלמי:** מגילה יב<br>**תוספתא:** שבת יא<br>**נ״ך:** שופטים ט-י<br>**רמב״ם:** מטמאי משכב ומושב יב | **יום כפור קטן**<br>עלות השחר 5:56<br>סו״ז קר״ש - מג״א 9:02<br>סו״ז תפלה - מג״א 10:04<br>שקיעה 5:10<br>נץ החמה 7:09<br>סו״ז קר״ש - גר״א 9:38<br>סו״ז תפלה - גר״א 10:28<br>צה״כ לשיטת ר״ת 6:23 |
| **30**<br>Jan | **חמישי**<br>Thursday | **א**<br>1 | **בבלי:** סנהדרין מד<br>**ירושלמי:** מגילה יג<br>**תוספתא:** שבת יב<br>**נ״ך:** שופטים יא-יב<br>**רמב״ם:** מטמאי משכב ומושב יג | **ראש חודש שבט** Rosh Chodesh Shevat<br>עלות השחר 5:55<br>סו״ז קר״ש - מג״א 9:02<br>סו״ז תפלה - מג״א 10:04<br>שקיעה 5:11<br>נץ החמה 7:08<br>סו״ז קר״ש - גר״א 9:38<br>סו״ז תפלה - גר״א 10:28<br>צה״כ לשיטת ר״ת 6:24 |
| **31**<br>Jan | **ששי**<br>Friday<br>Candle Lighting **4:54** הדלקת הנרות | **ב**<br>2 | **בבלי:** סנהדרין מה<br>**ירושלמי:** מגילה יד<br>**תוספתא:** שבת יג<br>**נ״ך:** שופטים יג-יד<br>**רמב״ם:** שאר אבות הטומאה א | עלות השחר 5:54<br>סו״ז קר״ש - מג״א 9:01<br>סו״ז תפלה - מג״א 10:04<br>שקיעה 5:12<br>נץ החמה 7:07<br>סו״ז קר״ש - גר״א 9:37<br>סו״ז תפלה - גר״א 10:28<br>צה״כ לשיטת ר״ת 6:25 |
| **1**<br>Feb | הפטרה: הדבר אשר<br>**שב״ק**<br>Shabbos<br>Shabbos Ends **6:27** זמן מוצש״ק | **ג**<br>3 | **בבלי:** סנהדרין מו<br>**ירושלמי:** מגילה טו<br>**תוספתא:** שבת יד<br>**נ״ך:** שופטים טו-טז<br>**רמב״ם:** שאר אבות הטומאה ב | **בא**<br>עלות השחר 5:53<br>סו״ז קר״ש - מג״א 9:01<br>סו״ז תפלה - מג״א 10:04<br>שקיעה 5:13<br>נץ החמה 7:06<br>סו״ז קר״ש - גר״א 9:37<br>סו״ז תפלה - גר״א 10:28<br>צה״כ לשיטת ר״ת 6:27 |

וָוער עֶס אִיז אַ כַּעְסָן, אַ גֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט לִיבּ כָּבוֹד, און אֲפִילוּ דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט אִיז אוֹיךְ נָאר פַאר כָּבוֹד. (סֵפֶר הַמִדּוֹת אוֹת כַּעַס סִימָן כ״ח)

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער. דֶער פָּסוּק זָאגְט "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה - אַ מֶענְטְשׁ אִיז וִוי אַ בּוֹים, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַסַאךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַ בּוֹים

אוֹיף אַ בּוֹים גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן, עֶס וֶוערְט ווִינְטֶער, עֶס קוּמֶען שְׁוֶועֶרֶע ווִינְטְן, הָאגְל, שְׁנֵיי, אַלֶע בְּלֶעטֶער פַאלְן אַרָאפּ, דֶער בּוֹים וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דוּרְךְ מַאכְן. אָבֶּער אוֹיבּ עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר וֵוייסְט אַז בַּאלְד וֶועט קוּמֶען זוּמֶער אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְלֶעבְּן, מַאכְט עֶר עֶס דוּרְךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

אוּן אֲפִילוּ זוּמֶער קוּמֶען אוֹיךְ דִי הִיצְן וָואס טְרִיקֶענֶען אוֹיס דֶעם בּוֹים, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְטְרִיקְנְט, אוֹיבּ אָבֶּער דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, בְּלַייבְּט עֶר אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶועריִקַייטְן, אַסַאךְ מָאל זֶעט אִים אוֹיס וִוי עֶר הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דוּרְךְ טְרָאגְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ גֵיין אַבִּיסְל בֶּעסֶער, קוּמֶען פְרִישֶׁע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר וִויל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן. אוֹיבּ אָבֶּער לָאזְט עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועט אִים צוּם סוֹף גוּט זַיין.

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, אַז דִי וָוארְצְלֶען פוּנֶעם בּוֹים גֵייעֶן אַרַיין טִיף אִין דֶער עֶרְד, אוּן וִוי טִיפֶער זֵיי זֶענֶען אִין דֶער עֶרְד, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער הַאלְט זִיךְ דֶער בּוֹים, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג טִיף אִין דֶער עֶרְד, דַאן וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע ווִינְט וֶועט עֶס אַוֶועק בְּלָאזְן דֶעם בּוֹים.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן גְרוֹיס, עֶר וֶועט וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וִוי גוּט אוּן גֶעלוּנְגֶען עֶר אִיז, אוּן עֶר וֶועט אַרָאפּ קוּקְן אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּם סוֹף פַאלְן, וַוייל יֶעדֶער וֶועט אִים פַיינְט הָאבְּן. אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאהַאלְט זַיינֶע גוּטֶע מַעֲלוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדֶער לִיבּ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אוּן שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

| Date | Day | | Learning | Zmanim |
|---|---|---|---|---|
| 2 Feb | ראשון Sunday | ד 4 | **בבלי:** סנהדרין מז<br>**ירושלמי:** מגילה טז<br>**תוספתא:** שבת טו<br>**נ"ך:** שופטים יז-יח<br>**רמב"ם:** שאר אבות הטומאה ג | עלות השחר 5:52<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:01<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:04<br>שקיעה 5:15<br>נץ החמה 7:05<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:37<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:28<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:28 |
| 3 Feb | שני Monday | ה 5 | **בבלי:** סנהדרין מח<br>**ירושלמי:** מגילה יז<br>**תוספתא:** שבת טז<br>**נ"ך:** שופטים יט-כ<br>**רמב"ם:** שאר אבות הטומאה ד | עלות השחר 5:51<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:00<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:03<br>שקיעה 5:16<br>נץ החמה 7:04<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:36<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:27<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:29 |
| 4 Feb | שלישי Tuesday | ו 6 | **בבלי:** סנהדרין מט<br>**ירושלמי:** מגילה יח<br>**תוספתא:** שבת יז<br>**נ"ך:** שופטים כא - שמואל א א<br>**רמב"ם:** שאר אבות הטומאה ה | עלות השחר 5:50<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:00<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:03<br>שקיעה 5:17<br>נץ החמה 7:03<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:36<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:27<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:30 |
| 5 Feb | רביעי Wednesday | ז 7 | **בבלי:** סנהדרין נ<br>**ירושלמי:** מגילה יט<br>**תוספתא:** שבת יח<br>**נ"ך:** שמואל א ב-ג<br>**רמב"ם:** שאר אבות הטומאה ו | עלות השחר 5:49<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:59<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:03<br>שקיעה 5:18<br>נץ החמה 7:02<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:35<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:27<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:32 |
| 6 Feb | חמישי Thursday | ח 8 | **בבלי:** סנהדרין נא<br>**ירושלמי:** מגילה כ<br>**תוספתא:** ערובין א<br>**נ"ך:** שמואל א ד-ה<br>**רמב"ם:** שאר אבות הטומאה ז | עלות השחר 5:48<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:59<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:02<br>שקיעה 5:20<br>נץ החמה 7:01<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:35<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:26<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:33 |
| 7 Feb | ששי Friday<br>Candle Lighting **5:03** הדלקת הנרות | ט 9 | **בבלי:** סנהדרין נב<br>**ירושלמי:** מגילה כא<br>**תוספתא:** ערובין ב<br>**נ"ך:** שמואל א ו-ז<br>**רמב"ם:** שאר אבות הטומאה ח | עלות השחר 5:47<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:58<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:02<br>שקיעה 5:21<br>נץ החמה 7:00<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:34<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:26<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:34 |
| 8 Feb | הפטרה: ודבורה אשה<br>שב"ק Shabbos<br>Shabbos Ends **6:35** זמן מוצש"ק | י 10 | **בבלי:** סנהדרין נג<br>**ירושלמי:** מגילה כב<br>**תוספתא:** ערובין ג<br>**נ"ך:** שמואל א ח-ט<br>**רמב"ם:** שאר אבות הטומאה ט | **בשלח, שירה** / Shabbos Shirah<br>עלות השחר 5:45<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:58<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:02<br>שקיעה 5:22<br>נץ החמה 6:58<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:34<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:26<br>צה"כ לשיטת ר"ת 6:35 |

וְוען מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן צְדָקָה, וֶוערְן דִי פֵּירוֹת גֶעבֶּענְטְשְׁט, אוּן עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה סִימָן ל"ג)

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֶענְדִיג זָאלְט אִיר הַאלְטְן פַּאר דִי אוֹיגְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אֵייעֶרְ'ס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַּאר אַ וֶועלְט וָואס גֶעהֶערְט נִישְׁט צוּ אַייךְ. אִיר דַארְפְט אַייךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. וָואס אִיר דַארְפְט הָאבְּן זָאלְט אִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אָדֶער אוֹיף סֵיי וֶועלְכֶע שְׁפְּרַאךְ אִיר זֶענְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיעֶט אוֹיף דִי אֱמוּנָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט קְלָאר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ'עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט אַייךְ נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, יֶענֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט פוּן דֶעם. אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אָבֶּער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ. (צַוָאַת מוֹהַרָא"ש)

אִיךְ זָאג צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְ'ן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. (נוּסַח מַצֵּבַת כ"ק מוֹהַרָא"שׁ זי"ע מִצַּד הַשֵּׁנִי)

| Date | Day | Hebrew Date | Learning | Zmanim |
|---|---|---|---|---|
| 9 Feb | ראשון Sunday | יא 11 | **בבלי:** סנהדרין נד<br>**ירושלמי:** מגילה כג<br>**תוספתא:** ערובין ד<br>**נ״ך:** שמואל א י–יא<br>**רמב״ם:** שאר אבות הטומאה י | **עלות השחר** 5:44<br>**סו״ז קר״ש - מג״א** 8:57<br>**סו״ז תפלה - מג״א** 10:01<br>**שקיעה** 5:23<br>**נץ החמה** 6:57<br>**סו״ז קר״ש - גר״א** 9:33<br>**סו״ז תפלה - גר״א** 10:25<br>**צה״כ לשיטת ר״ת** 6:36 |
| 10 Feb | שני Monday | יב 12 | **בבלי:** סנהדרין נה<br>**ירושלמי:** מגילה כד<br>**תוספתא:** ערובין ה<br>**נ״ך:** שמואל א יב–יג<br>**רמב״ם:** שאר אבות הטומאה יא | **עלות השחר** 5:43<br>**סו״ז קר״ש - מג״א** 8:56<br>**סו״ז תפלה - מג״א** 10:01<br>**שקיעה** 5:25<br>**נץ החמה** 6:56<br>**סו״ז קר״ש - גר״א** 9:32<br>**סו״ז תפלה - גר״א** 10:25<br>**צה״כ לשיטת ר״ת** 6:38 |
| 11 Feb | שלישי Tuesday | יג 13 | **בבלי:** סנהדרין נו<br>**ירושלמי:** מגילה כה<br>**תוספתא:** ערובין ו<br>**נ״ך:** שמואל א יד–טו<br>**רמב״ם:** שאר אבות הטומאה יב | **עלות השחר** 5:42<br>**סו״ז קר״ש - מג״א** 8:56<br>**סו״ז תפלה - מג״א** 10:01<br>**שקיעה** 5:26<br>**נץ החמה** 6:55<br>**סו״ז קר״ש - גר״א** 9:32<br>**סו״ז תפלה - גר״א** 10:25<br>**צה״כ לשיטת ר״ת** 6:39 |
| 12 Feb | רביעי Wednesday | יד 14 | **בבלי:** סנהדרין נז<br>**ירושלמי:** מגילה כו<br>**תוספתא:** ערובין ז<br>**נ״ך:** שמואל א טז–יז<br>**רמב״ם:** שאר אבות הטומאה יג | **עלות השחר** 5:41<br>**סו״ז קר״ש - מג״א** 8:55<br>**סו״ז תפלה - מג״א** 10:00<br>**שקיעה** 5:27<br>**נץ החמה** 6:54<br>**סו״ז קר״ש - גר״א** 9:31<br>**סו״ז תפלה - גר״א** 10:24<br>**צה״כ לשיטת ר״ת** 6:40 |
| 13 Feb | חמישי Thursday | טו 15 | **בבלי:** סנהדרין נח<br>**ירושלמי:** מגילה כז<br>**תוספתא:** ערובין ח<br>**נ״ך:** שמואל א יח–יט<br>**רמב״ם:** שאר אבות הטומאה יד | **ט״ו בשבט** Tu B'Shevat<br>**עלות השחר** 5:39<br>**סו״ז קר״ש - מג״א** 8:55<br>**סו״ז תפלה - מג״א** 10:00<br>**שקיעה** 5:28<br>**נץ החמה** 6:52<br>**סו״ז קר״ש - גר״א** 9:31<br>**סו״ז תפלה - גר״א** 10:24<br>**צה״כ לשיטת ר״ת** 6:41 |
| 14 Feb | ששי Friday<br>הדלקת הנרות **5:12** Candle Lighting | טז 16 | **בבלי:** סנהדרין נט<br>**ירושלמי:** מגילה כח<br>**תוספתא:** פסחים א<br>**נ״ך:** שמואל א כ–כא<br>**רמב״ם:** שאר אבות הטומאה טו | **עלות השחר** 5:38<br>**סו״ז קר״ש - מג״א** 8:54<br>**סו״ז תפלה - מג״א** 9:59<br>**שקיעה** 5:29<br>**נץ החמה** 6:51<br>**סו״ז קר״ש - גר״א** 9:30<br>**סו״ז תפלה - גר״א** 10:23<br>**צה״כ לשיטת ר״ת** 6:43 |
| 15 Feb | הילולת כ״ק מוהרא״ש זי״ע<br>הפטרה: בשנת<br>שב״ק Shabbos<br>זמן מוצש״ק **6:44** Shabbos Ends | יז 17 | **בבלי:** סנהדרין ס<br>**ירושלמי:** מגילה כט<br>**תוספתא:** פסחים ב<br>**נ״ך:** שמואל א כב–כג<br>**רמב״ם:** שאר אבות הטומאה טז | **יתרו**<br>**עלות השחר** 5:37<br>**סו״ז קר״ש - מג״א** 8:53<br>**סו״ז תפלה - מג״א** 9:59<br>**שקיעה** 5:31<br>**נץ החמה** 6:50<br>**סו״ז קר״ש - גר״א** 9:29<br>**סו״ז תפלה - גר״א** 10:23<br>**צה״כ לשיטת ר״ת** 6:44 |

אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן עֶר הָאט נִישְׁט פַּארְשְׁטַאנֶען דִי רִיכְטִיגֶע כַּוָּנָה פוּן דֶעם לִימּוּד, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין עֶס צוּ פַּארְשְׁטֵיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לִימּוּד סִימָן ח')

מוֹהַרָא"ש זָאגְט אַז דֶער עִיקָר הַצְלָחָה פוּן אַ מֶענְטְש אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז וֶוען עֶר לֶעבְּט מִיט אַ סֵדֶר, מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת, עֶר הָאט אַ סֵדֶר אוּן אַ חֶשְׁבּוֹן וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּפוּלְן דֶעם טָאג. וֶוען מֶען הָאט אַ סֵדֶר, אִיז דֶער סֵדֶר מְחַיֵּיב צוּ טוּן, אוּן נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְגְן דִי צַייט, אוּן אַפִילוּ וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד, שְׁטוּפְּט אָבֶער דֶער סֵדֶר, אוּן פַארְלַאנְגְט: "יֶעצְט דַארְפְסְטוּ דַאוֶוענֶען, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ לֶערְנֶען, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ אַרְבֶּעטְן," אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אָבֶער וִויסְן, אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן וֶוען עֶס וֶוערְט צוּמִישְׁט דִי סֵדֶר. וֶוען עֶס קוּמְט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע צַייט וִוי לְמָשָׁל אֱלוּל, שׁוֹבָבִי"ם, אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן אַ אִיד זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ מִיט אַ צֶעטְל אוּן שְׁרַייבְּט אַרָאפּ אַ גַאנְצֶע פְּלַאן וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט אוֹיסְנִיצְן דֶעם טָאג צוּם גוּטְן, צוּפְרִי וֶועט עֶר אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן לוֹיפְן אִין מִקְוֶה נָאכְדֶעם וֶועט עֶר לֶערְנֶען פַאר'ן דַאוֶוענֶען, נָאכְדֶעם וֶועט עֶר דַאוֶוענֶען, נָאכְדֶעם עֶסְן פַּת שַׁחְרִית אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר לֶערְנֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע סֵדֶר, וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט אוֹיסְנוּצְן דֶעם טָאג צוּם גוּטְן. עֶר כַאפְּט אָבֶער נִישְׁט, אַז אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זֶעצְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע אַרָאפּ אַנְטְקֶעגְן אִיבֶּער אִים, אוּן שְׁטֶעלְט אוֹיךְ אוֹיס אַ גַאנְצֶע צֶעטְל וִוי אַזוֹי אִים צוּ שְׁטֶערְן זַיין פְּלַאן, "אִין דִי שָׁעוֹת וֶועל אִיךְ צוּשְׁטֶעלְן דִי מְנִיעָה, אִין דִי שָׁעוֹת וֶועל אִיךְ אִים שְׁטֶערְן אוֹיף דִי וֶועג, אִין דִי שָׁעוֹת וֶועל אִיךְ אִים שְׁטֶערְן אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג"

דֶערְפַאר דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אָן אַ סֵדֶר, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַ סְגוּלָה, וֶוען אֵיינֶער וִויל עֶפֶּעס אוֹיסְפִירְן סַיי וֶועלְכֶע דָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, אַז עֶר זָאל נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין אַז עֶס זָאל זַיין אִין אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע סֵדֶר, לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער גִיבְּט אַרוֹיס אַ סֵפֶר, זָאל עֶר נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין אַז עֶס זָאל מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע סֵדֶר בִּשְׁלֵימוּת, אוּן דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט קֶענֶען אוֹיסְפִירְן דִי זַאכְן אָן קַיין שְׁטֶערוּנְגֶען.

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| **16**<br>Feb | **ראשון**<br>Sunday | **יח**<br>18 | **בבלי:** סנהדרין סא<br>**ירושלמי:** מגילה ל<br>**תוספתא:** פסחים ג<br>**נ״ך:** שמואל א כד-כה<br>**רמב״ם:** שאר אבות הטומאה יז | נץ החמה.......6:48<br>סו״ז קר״ש - גר״א....9:29<br>סו״ז תפלה - גר״א..10:22<br>צה״כ לשיטת ר״ת.....6:45 | עלות השחר.......5:35<br>סו״ז קר״ש - מג״א...8:53<br>סו״ז תפלה - מג״א...9:58<br>שקיעה.......5:32 |
| **17**<br>Feb | **שני**<br>Monday | **יט**<br>19 | **בבלי:** סנהדרין סב<br>**ירושלמי:** מגילה לא<br>**תוספתא:** פסחים ד<br>**נ״ך:** שמואל א כו-כז<br>**רמב״ם:** שאר אבות הטומאה יח | נץ החמה.......6:47<br>סו״ז קר״ש - גר״א....9:28<br>סו״ז תפלה - גר״א..10:22<br>צה״כ לשיטת ר״ת.....6:46 | עלות השחר.......5:34<br>סו״ז קר״ש - מג״א...8:52<br>סו״ז תפלה - מג״א...9:58<br>שקיעה.......5:33 |
| **18**<br>Feb | **שלישי**<br>Tuesday | **כ**<br>20 | **בבלי:** סנהדרין סג<br>**ירושלמי:** מגילה לב<br>**תוספתא:** פסחים ה<br>**נ״ך:** שמואל א כח-כט<br>**רמב״ם:** שאר אבות הטומאה יט | נץ החמה.......6:46<br>סו״ז קר״ש - גר״א....9:27<br>סו״ז תפלה - גר״א..10:21<br>צה״כ לשיטת ר״ת.....6:47 | עלות השחר.......5:33<br>סו״ז קר״ש - מג״א...8:51<br>סו״ז תפלה - מג״א...9:57<br>שקיעה.......5:34 |
| **19**<br>Feb | **רביעי**<br>Wednesday | **כא**<br>21 | **בבלי:** סנהדרין סד<br>**ירושלמי:** מגילה לג<br>**תוספתא:** פסחים ו<br>**נ״ך:** שמואל א ל-לא<br>**רמב״ם:** שאר אבות הטומאה כ | נץ החמה.......6:44<br>סו״ז קר״ש - גר״א....9:26<br>סו״ז תפלה - גר״א..10:21<br>צה״כ לשיטת ר״ת.....6:48 | עלות השחר.......5:31<br>סו״ז קר״ש - מג״א...8:50<br>סו״ז תפלה - מג״א...9:57<br>שקיעה.......5:35 |
| **20**<br>Feb | **חמישי**<br>Thursday | **כב**<br>22 | **בבלי:** סנהדרין סה<br>**ירושלמי:** מגילה לד<br>**תוספתא:** פסחים ז<br>**נ״ך:** שמואל ב א-ב<br>**רמב״ם:** טומאת אוכלין א | נץ החמה.......6:43<br>סו״ז קר״ש - גר״א....9:26<br>סו״ז תפלה - גר״א..10:20<br>צה״כ לשיטת ר״ת.....6:50 | עלות השחר.......5:30<br>סו״ז קר״ש - מג״א...8:50<br>סו״ז תפלה - מג״א...9:56<br>שקיעה.......5:37 |
| **21**<br>Feb | **ששי**<br>Friday<br>Candle Lighting **5:20** הדלקת הנרות | **כג**<br>23 | **בבלי:** סנהדרין סו<br>**ירושלמי:** חגיגה א<br>**תוספתא:** פסחים ח<br>**נ״ך:** שמואל ב ג-ד<br>**רמב״ם:** טומאת אוכלין ב | נץ החמה.......6:42<br>סו״ז קר״ש - גר״א....9:25<br>סו״ז תפלה - גר״א..10:20<br>צה״כ לשיטת ר״ת.....6:51 | עלות השחר.......5:29<br>סו״ז קר״ש - מג״א...8:49<br>סו״ז תפלה - מג״א...9:56<br>שקיעה.......5:38 |
| **22**<br>Feb | הפטרה: הדבר אשר היה<br>**שב״ק**<br>Shabbos<br>Shabbos Ends **6:52** זמן מוצש״ק | **כד**<br>24 | **בבלי:** סנהדרין סז<br>**ירושלמי:** חגיגה ב<br>**תוספתא:** פסחים ט<br>**נ״ך:** שמואל ב ה-ו<br>**רמב״ם:** טומאת אוכלין ג | **משפטים, מבה״ח**<br>נץ החמה.......6:40<br>סו״ז קר״ש - גר״א....9:24<br>סו״ז תפלה - גר״א..10:19<br>צה״כ לשיטת ר״ת.....6:52 | עלות השחר.......5:27<br>סו״ז קר״ש - מג״א...8:48<br>סו״ז תפלה - מג״א...9:55<br>שקיעה.......5:39 |

**מברכים חודש אדר** המולד: דאנערשטאג ביינאכט 2 מינוט נאך 7. **ראש חודש:** ששי ולמחרתו ביום שב״ק

וֶוען עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּם צַדִּיק, דַאן הֶעלְפְט דָאס צוּ צוּ קֶענֶען בֶּעסֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק סִימָן י״ב)

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) "מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", ס'אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵייליךְ אַלֶעמָאל, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט מַאֲרִיךְ אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרךְ צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן אִין זַיין לֶעבְּן, דַארְף עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין נָאר פְרֵייליךְ שְׁטֶענְדִיג, אוּן זִיךְ אֲפִילוּ נַארִישׁ מַאכְן מִיט שְׁטוּתִים, אַבִּי עֶר זָאל זַיין פְרֵייליךְ.

רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד', אוֹת ה') אַז וֶוען אַ אִיד זָאל וֶוען אֱמֶת'דִיג ווִיסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין ווִי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים לִיבּ, ווִי חָשׁוּב עֶר אִיז אִין הִימְל, ווִי גְרוֹיס עֶס אִיז דִי חֲשִׁיבוּת פוּן זַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, ווִי טֵייעֶר עֶר אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּלוֹיז דֶערְפַאר וָואס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְס אִיד; וָואלְט עֶר פוּן דֶעם אַלֵיין שׁוֹין גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵייליךְ, אַז עֶר וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַ גַאנְצְן טָאג.

נָאר לֵיידֶער זֶענֶען מִיר אִין גָלוּת, מִיר זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר שְׁפִּירְן נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז אוּן עֶר הָאט אוּנְז לִיבּ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען טְרֶעפְן אַלֶע סָארְט עֵצוֹת אוּן וֶועגְן ווִי אַזוֹי זִיךְ פְרֵייליךְ צוּ מַאכְן. אָבֶּער ווִי נָאר אַ אִיד וֶוערְט פְרֵייליךְ, וֶוערְט עֶר שׁוֹין דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הוֹיבְּט שׁוֹין אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶוערְט עֶר שׁוֹין פְרֵייליךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפְן זַיין רֶבִּי'ן בַּיי אַ חֲתוּנָה פוּן אַ וַוייטֶע קָרוֹב, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דָארְט זֵייעֶר גֶעטַאנְצְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט, דֶער תַּלְמִיד הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס רֶבִּי נָתָן טַאנְצְט אַזוֹיפִיל אוּן פְרֵיידְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיי דִי חֲתוּנָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּלוֹיז אַ וַוייטֶער קָרוֹב, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל נָאנְט מִיט דִי מְחוּתָּנִים. הָאט אִים רֶבִּי נָתָן עֶרְקְלֶערְט אַז עֶר טַאנְצְט בִּכְלַל נִישְׁט צוּלִיבּ דִי חֲתוּנָה, עֶר טַאנְצְט בְּלוֹיז וַוייל עֶר פְרֵיידְט זִיךְ אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז אַ אִיד, אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען טַאנְצְן סְתָם אַזוֹי אִין אַ גְרִינֶעם דִינְסְטָאג, וֶועט דָאס אוֹיסְזֶען זֵייעֶר מָאדְנֶע, אָבֶּער אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אִים אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט אַז עֶר אִיז בַּיי אַ חֲתוּנָה, הָאט עֶר דָאךְ שׁוֹין אַלֶע רֶעכְטְן צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן דָארְט, אוּן דֶערִיבֶּער נוּצְט עֶר דָאס טַאקֶע אוֹיס צוּ דִי מַאקְסִימוּם.

## 23 Feb — ראשון Sunday — כה 25

**בבלי:** סנהדרין סח
**ירושלמי:** חגיגה ג
**תוספתא:** פסחים י
**נ"ך:** שמואל ב ז-ח
**רמב"ם:** טומאת אוכלין ד

| | |
|---|---|
| עלות השחר.......5:26 | נץ החמה.......6:39 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:47 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:23 |
| סו"ז תפלה - מג"א...9:55 | סו"ז תפלה - גר"א..10:19 |
| שקיעה.......5:40 | צה"כ לשיטת ר"ת.....6:53 |

## 24 Feb — שני Monday — כו 26

**בבלי:** סנהדרין סט
**ירושלמי:** חגיגה ד
**תוספתא:** שקלים א
**נ"ך:** שמואל ב ט-י
**רמב"ם:** טומאת אוכלין ה

| | |
|---|---|
| עלות השחר.......5:24 | נץ החמה.......6:37 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:47 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:23 |
| סו"ז תפלה - מג"א...9:54 | סו"ז תפלה - גר"א..10:18 |
| שקיעה.......5:41 | צה"כ לשיטת ר"ת.....6:54 |

## 25 Feb — שלישי Tuesday — כז 27

**בבלי:** סנהדרין ע
**ירושלמי:** חגיגה ה
**תוספתא:** שקלים ב
**נ"ך:** שמואל ב יא-יב
**רמב"ם:** טומאת אוכלין ו

| | |
|---|---|
| עלות השחר.......5:23 | נץ החמה.......6:36 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:46 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:22 |
| סו"ז תפלה - מג"א...9:53 | סו"ז תפלה - גר"א..10:17 |
| שקיעה.......5:42 | צה"כ לשיטת ר"ת.....6:56 |

## 26 Feb — רביעי Wednesday — כח 28

**בבלי:** סנהדרין עא
**ירושלמי:** חגיגה ו
**תוספתא:** שקלים ג
**נ"ך:** שמואל ב יג-יד
**רמב"ם:** טומאת אוכלין ז

| | |
|---|---|
| עלות השחר.......5:21 | נץ החמה.......6:34 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:45 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:21 |
| סו"ז תפלה - מג"א...9:53 | סו"ז תפלה - גר"א..10:17 |
| שקיעה.......5:44 | צה"כ לשיטת ר"ת.....6:57 |

## 27 Feb — חמישי Thursday — כט 29

**בבלי:** סנהדרין עב
**ירושלמי:** חגיגה ז
**תוספתא:** יומא א
**נ"ך:** שמואל ב טו-טז
**רמב"ם:** טומאת אוכלין ח

יום כפור קטן

| | |
|---|---|
| עלות השחר.......5:20 | נץ החמה.......6:33 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:44 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:20 |
| סו"ז תפלה - מג"א...9:52 | סו"ז תפלה - גר"א..10:16 |
| שקיעה.......5:45 | צה"כ לשיטת ר"ת.....6:58 |

## 28 Feb — ששי Friday — ל 30

Candle Lighting **5:28** הדלקת הנרות

**בבלי:** סנהדרין עג
**ירושלמי:** חגיגה ח
**תוספתא:** יומא ב
**נ"ך:** שמואל ב יז-יח
**רמב"ם:** טומאת אוכלין ט

א' דראש חודש אדר — Rosh Chodesh Adar

| | |
|---|---|
| עלות השחר.......5:18 | נץ החמה.......6:31 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:43 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:19 |
| סו"ז תפלה - מג"א...9:52 | סו"ז תפלה - גר"א..10:16 |
| שקיעה.......5:46 | צה"כ לשיטת ר"ת.....6:59 |

## 1 Mar — שב"ק Shabbos — א 1

הפטרה: בן שבע שנים

Shabbos Ends **7:00** זמן מוצש"ק

**בבלי:** סנהדרין עד
**ירושלמי:** חגיגה ט
**תוספתא:** יומא ג
**נ"ך:** שמואל ב יט-כ
**רמב"ם:** טומאת אוכלין י

תרומה, שקלים, ב' דראש חודש אדר — Sabbos Shkolim, Rosh Chodesh Adar

| | |
|---|---|
| עלות השחר.......5:17 | נץ החמה.......6:30 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:42 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:18 |
| סו"ז תפלה - מג"א...9:51 | סו"ז תפלה - גר"א..10:15 |
| שקיעה.......5:47 | צה"כ לשיטת ר"ת.....7:00 |

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְֿרֵיילִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג, אִיז אִים גְרִינְג אַרָאפְּצוּנֶעמֶען אַ צַייט
אִין טָאג זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ')

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז דִי עִיקָר מִצְוָה פוּן דֶערְמַאנֶען וָואס עֲמָלֵק הָאט אוּנְז גֶעטוּן, אִיז צוּ גֶעדֶענְקֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים פוּן עֲמָלֵק אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן דָאס מֶער נִישְׁט אִיבֶּערְצוּ'חַזְרְ'ן. מוֹהַרָא"ש זָאגְט אַז דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק אִיז גֶעוֶוען אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן מִיר דַארְפְן מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט זֵיי דוּרְכְ'ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוּן מְגַלֶה זַיין פַאר יֶעדְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז דֶער עֲמָלֵק צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִין פָארֶעם פוּן דִי עֵרֶב רַב וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ פַארְמָאסְטְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ מַלְכוּת הָרִשְׁעָה אוּן מִיט דֶעם זֶענֶען זֵיי מוֹרֵד אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָפֶּענֶערְהֵייט בְּרֵישׁ גְלֵי, אוֹיסֶער דֶעם וָואס זֵיי פִירְן לַיידֶער אַרָאפּ מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן אִידִישְׁקַייט רח"ל. דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן מִיר דַארְפְן מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט זֵיי מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. מִיר דַארְפְן מְגַלֶה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז יֶעדֶער זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן זֵיי אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וֶוערְן. אֵיינְמָאל מֶען דֶעקְט אוֹיף אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דַאן וֶוערְט שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ בָּטֵל אַלֶע כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע שְׁפַּאצִירְט מִיט אַ תַּלְמִיד אִין אַ מִדְבָּר וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין וַואסֶער, דֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דָארְשְׁטִיג, מַמָּשׁ בִּיז צוּ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת. עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט פַארְ'ן בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואס הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "צִי גְלֵייבְּסְטוּ אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַאפְן דִי וֶועלְט הָאט עֶר שׁוֹין צוּגֶעגְרֵייט פַאר דִיר וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען?" דֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעטְרַאכְט אַבִּיסְל אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַז עֶר גְלֵייבְּט אִין דֶעם. "אוֹיבּ אַזוֹי" - הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט - "דַאן וַוארְט אַ מִינוּט, אוּן זֶע וָואס עֶס גֵייט דָא פַּאסִירְן".

פְּלוּצְלִינְג זֶעעֶן זֵיי וִוי אַ גוֹי קוּמְט זֵיי אַקֶעגְן מִיט צְוֵויי אַמְפֶּערְס וַואסֶער. זֵיי הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן עֶטְלִיכֶע פְּרוּטוֹת אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן וַואסֶער. דֶער גוֹי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זַיין הַאר אִיז מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן אוּן אִים גֶעהֵייסְן אָנְפוּלְן צְוֵויי אַמְפֶּערְס וַואסֶער אוּן לוֹיפְן דֶערְמִיט אִין וַואלְד אַרַיין... הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט צוּם תַּלְמִיד: "זֶעסְטוּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַאפְן דֶעם הַאר, אוּן אִים מְשׁוּגָע גֶעמַאכְט, אַלֶעס נָאר אַז דוּ זָאלְסְט יֶעצְט בַּאקוּמֶען וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען".

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| **2** Mar | **ראשון** Sunday | **ב** 2 | **בבלי:** סנהדרין עה<br>**ירושלמי:** חגיגה י<br>**תוספתא:** יומא ד<br>**נ"ך:** שמואל ב כא-כב<br>**רמב"ם:** טומאת אוכלין יא | נץ החמה 6:28<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:18<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:14<br>צה"כ לשיטת ר"ת 7:01 | עלות השחר 5:15<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:42<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:50<br>שקיעה 5:48 |
| **3** Mar | **שני** Monday | **ג** 3 | **בבלי:** סנהדרין עו<br>**ירושלמי:** חגיגה יא<br>**תוספתא:** סכה א<br>**נ"ך:** שמואל ב כג-כד<br>**רמב"ם:** טומאת אוכלין יב | נץ החמה 6:27<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:17<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:14<br>צה"כ לשיטת ר"ת 7:02 | עלות השחר 5:14<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:41<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:50<br>שקיעה 5:49 |
| **4** Mar | **שלישי** Tuesday | **ד** 4 | **בבלי:** סנהדרין עז<br>**ירושלמי:** חגיגה יב<br>**תוספתא:** סכה ב<br>**נ"ך:** מלכים א א-ב<br>**רמב"ם:** טומאת אוכלין יג | נץ החמה 6:25<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:16<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:13<br>צה"כ לשיטת ר"ת 7:03 | עלות השחר 5:12<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:40<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:49<br>שקיעה 5:50 |
| **5** Mar | **רביעי** Wednesday | **ה** 5 | **בבלי:** סנהדרין עח<br>**ירושלמי:** חגיגה יג<br>**תוספתא:** סכה ג<br>**נ"ך:** מלכים א ג-ד<br>**רמב"ם:** טומאת אוכלין יד | נץ החמה 6:24<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:15<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:12<br>צה"כ לשיטת ר"ת 7:05 | עלות השחר 5:11<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:39<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:48<br>שקיעה 5:52 |
| **6** Mar | **חמישי** Thursday | **ו** 6 | **בבלי:** סנהדרין עט<br>**ירושלמי:** חגיגה יד<br>**תוספתא:** סכה ד<br>**נ"ך:** מלכים א ה-ו<br>**רמב"ם:** טומאת אוכלין טו | נץ החמה 6:22<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:14<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:12<br>צה"כ לשיטת ר"ת 7:06 | עלות השחר 5:09<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:38<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:48<br>שקיעה 5:53 |
| **7** Mar | **ששי** Friday<br>Candle Lighting **5:36** הדלקת הנרות | **ז** 7 | **בבלי:** סנהדרין פ<br>**ירושלמי:** חגיגה טו<br>**תוספתא:** יום טוב (ביצה) א<br>**נ"ך:** מלכים א ז-ח<br>**רמב"ם:** טומאת אוכלין טז | נץ החמה 6:20<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:13<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:11<br>צה"כ לשיטת ר"ת 7:07 | עלות השחר 5:07<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:37<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:47<br>שקיעה 5:54 |
| **8** Mar | הפטרה: כה אמר ה׳<br>**שב"ק** Shabbos<br>Shabbos Ends **7:08** זמן מוצש"ק | **ח** 8 | **בבלי:** סנהדרין פא<br>**ירושלמי:** חגיגה טז<br>**תוספתא:** יום טוב (ביצה) ב<br>**נ"ך:** מלכים א ט-י<br>**רמב"ם:** כלים א | Shabbos Zachor<br>נץ החמה 6:19<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:12<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:10<br>צה"כ לשיטת ר"ת 7:08 | **תצוה, זכור**<br>עלות השחר 5:06<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:36<br>סו"ז תפלה - מג"א 9:46<br>שקיעה 5:55 |

סֵיי וִוי אַזוֹי אַ אִיד זֶעט נָאר אוֹיס, דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, עֶר קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן בְּלוֹיז מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַלְס אִיד אוּן עֶר אִיז נִישְׁט קַיין גוֹי. (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן מ"ג)

די גְרוֹיסְקַייט און הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן, אַזוֹי ווִי דֶער אֲרִ"י הק' זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר הַפּוּרִים) אַז אִין יוֹם טוֹב פּוּרִים שַׁיינְט אַזַא לִיכְטִיגְקַייט וָואס שַׁיינְט נִישְׁט אֲפִילוּ שַׁבָּת און אִין אַנְדֶערֶע יָמִים טוֹבִים.

די סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן אוֹיף דֶעם וָואס דֶער זֹהַר הק' זָאגְט (תִּיקוּנֵי זֹהַר, תִּיקוּן כ"א) אַז פּוּרִים הֵייסְט אַזוֹי ווִי יוֹם כִּפּוּרִים, אַז יוֹם כִּיפּוּר אִיז נָאר אַזוֹי ווִי פּוּרִים "כְּ'פּוּרִים" - "אַזוֹי ווִי פּוּרִים", אָבֶּער פּוּרִים אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּיפּוּר.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ד) אַז הַיינְט הֵייבְּן זִיךְ אָן אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים, דָאס מֵיינְט אַז פּוּרִים אִיז אַ טָאג וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען אָנְהֵייבְּן פוּן דָאסְנַיי, צוּ זַיין עֶרְלִיךְ און וואוּיל און צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ אִיד קֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן בַּאנַייעֶן, אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אוֹיסְנוּצְן דֶעם טָאג זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, און אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, און דֶעמָאלְט קֶען מֶען פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס גוּטְס. ווִי די חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָה א, ד) אַז אִין פּוּרִים "כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד נוֹתְנִין לוֹ" - וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס די הַאנְט גֶעבְּט מֶען אִים, זָאגְן אוֹיף דֶעם די סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים אַז דָאס מֵיינְט אוֹיךְ אַז וָואס מֶען בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פּוּרִים בַּאקוּמְט מֶען.

דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער שָׂטָן אוֹיף דֶעם טָאג, אַז מֶען זָאל פַארְבְּרֶענְגֶען די צַייט און וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אִיז דֶער טָאג שׁוֹין פַארִיבֶּער. אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל גַנְבְ'ט אַרָאפּ עֶטְלִיכֶע מִינוּט און עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס די גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, און דֶעמָאלְט קֶען עֶר זַיין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט פּוֹעֶלְ'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת פַאר זִיךְ און פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען וואוּנְטְשְׁן און בֶּענְטְשְׁן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת, ווַייל פּוּרִים קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעְלְ'ן, און אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס אִידְן וואוּנְטְשְׁן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**9** Mar | **ראשון** Sunday | **ט** 9

Daylight Savings Time

**בבלי:** סנהדרין פב
**ירושלמי:** חגיגה יז
**תוספתא:** יום טוב (ביצה) ג
**נ״ך:** מלכים א יא-יב
**רמב״ם:** כלים ב

| | |
|---|---|
| עלות השחר ............ 6:04 | נץ החמה ................. 7:17 |
| סו״ז קר״ש - מג״א ... 9:35 | סו״ז קר״ש - גר״א... 10:11 |
| סו״ז תפלה - מג״א . 10:45 | סו״ז תפלה - גר״א.. 11:09 |
| שקיעה ..................... 6:56 | צה״כ לשיטת ר״ת..... 8:09 |

**10** Mar | **שני** Monday | **י** 10

**בבלי:** סנהדרין פג
**ירושלמי:** חגיגה יח
**תוספתא:** יום טוב (ביצה) ד
**נ״ך:** מלכים א יג-יד
**רמב״ם:** כלים ג

| | |
|---|---|
| עלות השחר ............ 6:03 | נץ החמה ................. 7:16 |
| סו״ז קר״ש - מג״א ... 9:34 | סו״ז קר״ש - גר״א.. 10:10 |
| סו״ז תפלה - מג״א . 10:45 | סו״ז תפלה - גר״א.. 11:09 |
| שקיעה ..................... 6:57 | צה״כ לשיטת ר״ת..... 8:10 |

**11** Mar | **שלישי** Tuesday | **יא** 11

**בבלי:** סנהדרין פד
**ירושלמי:** חגיגה יט
**תוספתא:** ראש השנה א
**נ״ך:** מלכים א טו-טז
**רמב״ם:** כלים ד

| | |
|---|---|
| עלות השחר ............ 6:01 | נץ החמה ................. 7:14 |
| סו״ז קר״ש - מג״א ... 9:33 | סו״ז קר״ש - גר״א.. 10:09 |
| סו״ז תפלה - מג״א . 10:44 | סו״ז תפלה - גר״א.. 11:08 |
| שקיעה ..................... 6:58 | צה״כ לשיטת ר״ת..... 8:11 |

**12** Mar | **רביעי** Wednesday | **יב** 12

**בבלי:** סנהדרין פה
**ירושלמי:** חגיגה כ
**תוספתא:** ראש השנה ב
**נ״ך:** מלכים א יז-יח
**רמב״ם:** כלים ה

| | |
|---|---|
| עלות השחר ............ 5:59 | נץ החמה ................. 7:12 |
| סו״ז קר״ש - מג״א ... 9:32 | סו״ז קר״ש - גר״א.. 10:08 |
| סו״ז תפלה - מג״א . 10:43 | סו״ז תפלה - גר״א.. 11:07 |
| שקיעה ..................... 6:59 | צה״כ לשיטת ר״ת..... 8:12 |

**13** Mar | **חמישי** Thursday | **יג** 13

**תענית אסתר** Fast of Esther

**בבלי:** סנהדרין פו
**ירושלמי:** חגיגה כא
**תוספתא:** תענית א
**נ״ך:** מלכים א יט-כ
**רמב״ם:** כלים ו

| | |
|---|---|
| עלות השחר ............ 5:58 | נץ החמה ................. 7:11 |
| סו״ז קר״ש - מג״א ... 9:31 | סו״ז קר״ש - גר״א.. 10:07 |
| סו״ז תפלה - מג״א . 10:43 | סו״ז תפלה - גר״א.. 11:07 |
| שקיעה ..................... 7:00 | צה״כ לשיטת ר״ת..... 8:13 |

**14** Mar | **ששי** Friday | **יד** 14

**פורים** Purim

**בבלי:** סנהדרין פז
**ירושלמי:** חגיגה כב
**תוספתא:** תענית ב
**נ״ך:** מלכים א כא-כב
**רמב״ם:** כלים ז

| | |
|---|---|
| עלות השחר ............ 5:56 | נץ החמה ................. 7:09 |
| סו״ז קר״ש - מג״א ... 9:30 | סו״ז קר״ש - גר״א.. 10:06 |
| סו״ז תפלה - מג״א . 10:42 | סו״ז תפלה - גר״א.. 11:06 |
| שקיעה ..................... 7:01 | צה״כ לשיטת ר״ת..... 8:14 |

Candle Lighting **6:43** הדלקת הנרות

**15** Mar | **שב״ק** Shabbos | **טו** 15

הפטרה: ויהי ימים רבים

**כי תשא, שושן פורים** Shushan Purim

**בבלי:** סנהדרין פח
**ירושלמי:** מועד קטן א
**תוספתא:** תענית ג
**נ״ך:** מלכים ב א-ב
**רמב״ם:** כלים ח

| | |
|---|---|
| עלות השחר ............ 5:55 | נץ החמה ................. 7:08 |
| סו״ז קר״ש - מג״א ... 9:30 | סו״ז קר״ש - גר״א.. 10:06 |
| סו״ז תפלה - מג״א . 10:41 | סו״ז תפלה - גר״א.. 11:05 |
| שקיעה ..................... 7:02 | צה״כ לשיטת ר״ת..... 8:15 |

Shabbos Ends **8:15** זמן מוצש״ק

וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה מִיט אַ גַאנְצֶע הַארְץ, וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ.
(סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן ד׳)

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דִי וֶועלְט בְּשָׁלוֹם נָאר מִיט דִי מִדַּת הַשִּׂמְחָה, וֶוען מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אַלְץ גְרִינְגֶער וֶוערְט זַיין לֶעבְּן. אָבֶּער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת זֶענֶען אַסאךְ גְרִינְגֶער צוּ טוּן וִוי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריקַייטְן, בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן חֲלִישַׁת הַדַּעַת, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַ מֶענְטְשׁ, מֶען פַארְלִירְט דִי מוּט, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶר קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, זָאל עֶר נָאךְ אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ. וֶוען עֶס גֵייט פַאר אַ מֶענְטְשׁ גוּט אוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קוּנְץ, נָאר פַארְקֶערְט וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט דֶערְקֶענְט זִיךְ דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ אִיד.

שִׂמְחָה קוּמְט דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, עֶר הֶעלְפְּט אִים, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֶעשֶׁעט אִיז נִישְׁט פוּנְקְט גֶעשֶׁען בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, נָאר יֶעדֶע זַאךְ מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, וָואלְט עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד') אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי רִשְׁעוּת פוּן הָמָן וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, וְדָתֵיהֶם שׁוֹנוֹת מִכָּל עָם, הָמָן הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ יֶעדֶע פָאלְק אוּן לַאנְד הָאט אוֹיךְ גֶעזֶעצְן, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין, אָבֶּער בַּיי דִי אִידְן, וֶוען זֵיי טוּן מִצְוֹת זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעקְרֶענְקְט פַאר הָמָן, דָאס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת, אִיז אַ סִימָן אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ הֶעכֶערֶע כֹּחַ.

אוּן דָאס זֶעט מֶען טַאקֶע, אַז דִי גֶעזֶעצְן פוּנֶעם לַאנְד זוּכְט מֶען נָאר וִוי אַזוֹי אוֹיסצוּשְׁפִּילְן. אוּן וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, וֶועט מֶען זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן. אָבֶּער אִידִישֶׁע קִינְדֶער פָאלְגְן דִי תּוֹרָה וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעהֵייסְן אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט.

| Date | Day | | Learning | Zmanim | |
|---|---|---|---|---|---|
| 16 Mar | ראשון Sunday | טז 16 | **בבלי:** סנהדרין פט<br>**ירושלמי:** מועד קטן ב<br>**תוספתא:** מגילה א<br>**נ"ך:** מלכים ב ג-ד<br>**רמב"ם:** כלים ט | נץ החמה 7:06<br>סו"ז קר"ש - גר"א 10:05<br>סו"ז תפלה - גר"א 11:04<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:17 | עלות השחר 5:53<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:29<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:40<br>שקיעה 7:04 |
| 17 Mar | שני Monday | יז 17 | **בבלי:** סנהדרין צ<br>**ירושלמי:** מועד קטן ג<br>**תוספתא:** מגילה ב<br>**נ"ך:** מלכים ב ה-ו<br>**רמב"ם:** כלים י | נץ החמה 7:04<br>סו"ז קר"ש - גר"א 10:04<br>סו"ז תפלה - גר"א 11:04<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:18 | עלות השחר 5:51<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:28<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:40<br>שקיעה 7:05 |
| 18 Mar | שלישי Tuesday | יח 18 | **בבלי:** סנהדרין צא<br>**ירושלמי:** מועד קטן ד<br>**תוספתא:** מגילה ג<br>**נ"ך:** מלכים ב ז-ח<br>**רמב"ם:** כלים יא | נץ החמה 7:03<br>סו"ז קר"ש - גר"א 10:03<br>סו"ז תפלה - גר"א 11:03<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:19 | עלות השחר 5:50<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:27<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:39<br>שקיעה 7:06 |
| 19 Mar | רביעי Wednesday | יט 19 | **בבלי:** סנהדרין צב<br>**ירושלמי:** מועד קטן ה<br>**תוספתא:** מועד קטן א<br>**נ"ך:** מלכים ב ט-י<br>**רמב"ם:** כלים יב | נץ החמה 7:01<br>סו"ז קר"ש - גר"א 10:02<br>סו"ז תפלה - גר"א 11:02<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:20 | עלות השחר 5:48<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:26<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:38<br>שקיעה 7:07 |
| 20 Mar | חמישי Thursday | כ 20 | **בבלי:** סנהדרין צג<br>**ירושלמי:** מועד קטן ו<br>**תוספתא:** מועד קטן ב<br>**נ"ך:** מלכים ב יא-יב<br>**רמב"ם:** כלים יג | נץ החמה 6:59<br>סו"ז קר"ש - גר"א 10:01<br>סו"ז תפלה - גר"א 11:01<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:21 | עלות השחר 5:46<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:25<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:37<br>שקיעה 7:08 |
| 21 Mar | ששי Friday<br>הדלקת הנרות 6:51 Candle Lighting | כא 21 | **בבלי:** סנהדרין צד<br>**ירושלמי:** מועד קטן ז<br>**תוספתא:** חגיגה א<br>**נ"ך:** מלכים ב יג-יד<br>**רמב"ם:** כלים יד | נץ החמה 6:58<br>סו"ז קר"ש - גר"א 10:00<br>סו"ז תפלה - גר"א 11:01<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:22 | עלות השחר 5:45<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:24<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:37<br>שקיעה 7:09 |
| 22 Mar | הפטרה: ויהי דבר ה'<br>שב"ק Shabbos<br>זמן מוצש"ק 8:23 Shabbos Ends | כב 22 | **בבלי:** סנהדרין צה<br>**ירושלמי:** מועד קטן ח<br>**תוספתא:** חגיגה ב<br>**נ"ך:** מלכים ב טו-טז<br>**רמב"ם:** כלים טו | Shabbos Parah<br>נץ החמה 6:56<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:59<br>סו"ז תפלה - גר"א 11:00<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:23 | **ויקהל, פרה**<br>עלות השחר 5:43<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:23<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:36<br>שקיעה 7:10 |

וֶוען אַ אִיד אִיז אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ, בְּרֶענְגְט דָאס אִים הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.
(סֵפֶר הַמִדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב' סִימָן א')

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז אַ אִיד דַארְף יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי. פוּן שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, קֶען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען אַ פְרִישֶׁע הִתְחַדְשׁוּת, זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן, אַרַיינְצוּנֶעמֶען קְלָאר אִין קָאפּ: "נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן זֶען וָואס אִיךְ קֶען אוֹיפְטוּן גוּטֶע זַאכְן".

דֶער פָּסוּק זָאגְט: "'הַחוֹדֶשׁ' הַזֶה לָכֶם רֹאשׁ 'חֳדָשִׁים', רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם 'לְחָדְשֵׁי' הַשָּׁנָה", עֶס וֶוערְט דְרֵיי מָאל דֶערְמַאנְט דֶער וָוארְט "חָדָשׁ - נֵיי". דְרֵיי מָאל אִיז אַ חֲזָקָה, יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אִינְגַאנְצְן.

וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָּה פוּן הִתְחַדְשׁוּת, אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וָואס עֶס וֶועט זַיין וַוייטֶער, נָאר אִיךְ זָאל זִיךְ שְׁטֶענְדִיג קָאנְצֶענְטְרִירְן נָאר אוֹיף דִי יֶעצְטִיגְן מִינוּט, וָואס אִיךְ קֶען יֶעצְט טוּן גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין".

דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, דִי מִצְוָה פוּן קִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז דִי אִידְן זָאלְן צֵיילְן דִי חֳדָשִׁים לוֹיט דִי לְבָנָה צוּ וַוייזְן אַז אִידְן זֶענֶען אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה, סוֹף חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶס קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס בַּאנַייעֶט אוּן וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ אִיד, מֶען פִילְט אַסַאךְ מָאל אַז מֶען פַאלְט אוּן פַאלְט, מֶען וֶוערְט קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם בַּאנַייעֶט מֶען זִיךְ אוּן מֶען וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס. אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

| Date | Day | יום | לימוד | זמנים | זמנים |
|---|---|---|---|---|---|
| 23 Mar | ראשון<br>Sunday | כג<br>23 | **בבלי:** סנהדרין צו<br>**ירושלמי:** מועד קטן ט<br>**תוספתא:** חגיגה ג<br>**נ"ך:** מלכים ב יז-יח<br>**רמב"ם:** כלים טז | נץ החמה 6:54<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:58<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:59<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:24 | עלות השחר 5:41<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:22<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:35<br>שקיעה 7:11 |
| 24 Mar | שני<br>Monday | כד<br>24 | **בבלי:** סנהדרין צז<br>**ירושלמי:** מועד קטן י<br>**תוספתא:** יבמות א<br>**נ"ך:** מלכים ב יט-כ<br>**רמב"ם:** כלים יז | נץ החמה 6:53<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:57<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:58<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:25 | עלות השחר 5:40<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:21<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:34<br>שקיעה 7:12 |
| 25 Mar | שלישי<br>Tuesday | כה<br>25 | **בבלי:** סנהדרין צח<br>**ירושלמי:** מועד קטן יא<br>**תוספתא:** יבמות ב<br>**נ"ך:** מלכים ב כא-כב<br>**רמב"ם:** כלים יח | נץ החמה 6:51<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:56<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:58<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:26 | עלות השחר 5:38<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:20<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:34<br>שקיעה 7:13 |
| 26 Mar | רביעי<br>Wednesday | כו<br>26 | **בבלי:** סנהדרין צט<br>**ירושלמי:** מועד קטן יב<br>**תוספתא:** יבמות ג<br>**נ"ך:** מלכים ב כג-כד<br>**רמב"ם:** כלים יט | נץ החמה 6:49<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:55<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:57<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:27 | עלות השחר 5:36<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:19<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:33<br>שקיעה 7:14 |
| 27 Mar | חמישי<br>Thursday | כז<br>27 | **בבלי:** סנהדרין ק<br>**ירושלמי:** מועד קטן יג<br>**תוספתא:** יבמות ד<br>**נ"ך:** מלכים ב כה - ישעיה א<br>**רמב"ם:** כלים כ | **יום כיפור קטן מוקדם**<br>נץ החמה 6:48<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:54<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:56<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:28 | עלות השחר 5:35<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:18<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:32<br>שקיעה 7:15 |
| 28 Mar | ששי<br>Friday<br>Candle Lighting **6:58** הדלקת הנרות | כח<br>28 | **בבלי:** סנהדרין קא<br>**ירושלמי:** מועד קטן יד<br>**תוספתא:** יבמות ה<br>**נ"ך:** ישעיה ב-ג<br>**רמב"ם:** כלים כא | נץ החמה 6:46<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:53<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:55<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:29 | עלות השחר 5:33<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:17<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:31<br>שקיעה 7:16 |
| 29 Mar | הפטרה: כל העם<br>שב"ק<br>Shabbos<br>Shabbos Ends **8:30** זמן מוצש"ק | כט<br>29 | **בבלי:** סנהדרין קב<br>**ירושלמי:** מועד קטן טו<br>**תוספתא:** יבמות ו<br>**נ"ך:** ישעיה ד-ה<br>**רמב"ם:** כלים כב | Shabbos Hachodesh<br>נץ החמה 6:44<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:52<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:55<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:30 | **פקודי, החודש, מבה"ח**<br>עלות השחר 5:31<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:16<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:31<br>שקיעה 7:17 |

**מברכים חודש ניסן** המולד: שבת צופרי 46 מינוט און 1 חלק נאך 7. **ראש חודש:** ראשון

וֶוען מֶען דַאוְונְט פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אִיז דָאס זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.
(סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִלָּה סִימָן פ"א)

װען עס קומט חודש ניסן איז די ריכטיגע צייט זיך צו באַנייען, צו פאַרגעסן אַלעס װאס עס איז געװען ביז יעצט, און אָנהייבן פון פריש צו דינען דעם אייבערשטן.

דער רבי איז געבוירן געװארן ראש חודש ניסן, װייל דאס איז דער גאַנצער ענין פון רבי'ן, שטענדיג זיך צו באַנייען, אַזוי װי דער רבי האט דערציילט (שבחי הר"ן סימן ו') אַז ער אַליין פלעגט שטענדיג אָנהייבן פון ניי.

אין די יונגע יאָרן פון רבי'ן, װען עס האט זיך געמאַכט אַז ער איז אַראָפּגעפאַלן ברוחניות, האט ער נישט אויפגעגעבן, נאר ער האט געזאָגט: "איך הייב יעצט אָן די ערשטע מאָל אַזוי װי איך װאלט נאך קיינמאָל נישט געדינט דעם אייבערשטן", אַזוי פלעגט ער טון יעדע מאָל װאס ער איז אַראָפּגעפאַלן. דאס פלעגט זיין ביי אים יעדן טאָג, און אַפילו עטליכע מאָל אַ טאָג. װאס ער איז אַראָפּגעפאַלן און אָנגעהויבן פון פריש. און אַזוי האט ער מצליח געװען און געװארן אַ גרויסער צדיק.

דער רבי האט געזאָגט: (חיי מוהר"ן סימן רמ"ז) "אַזא חידוש װי מיר איז נאך קיינמאָל נישט געװען". אַנשי שלומינו האבן געזאָגט אויף דעם אַז דער רבי איז געװען אַ געװאַלדיגער "חידוש" טאַקע אין דעם ענין פון "התחדשות", זיך שטענדיג צו באַנייען. און דאס לערנט דער רבי אויס אויך פאַר אונז, אַז מיר זאָלן זיך אויך אַלעמאָל באַנייען, און דערפאַר איז זייער פאַסיג װאס דער רבי איז געבוירן געװארן ראש חודש ניסן, װאס דעמאָלט איז די צייט שטאַרק מסוגל זיך צו באַנייען.

דער עיקר דאַרף מען זיך יעצט באַנייען אין די זאַך פון רעדן צום אייבערשטן, אַזוי װי דער רבי זאָגט (שיחות הר"ן סימן צ"ח) אַז אין װינטער שטאַרבן אָפּ אַלע ביימער און גראָזן, און װען עס קומט זומער לעבן זיי אַלע אויף, און דעמאָלט קען זיך דער מענטש מיטכאַפּן מיט די ביימער, און זיך אויך באַנייען אַזוי װי זיי. און דעמאָלט איז זייער גוט צו רעדן צום אייבערשטן אויפ'ן פעלד צװישן די גראָז און ביימער, און דער אמת איז, אַז די גאַנצע װעלט איז איין גרויסע פעלד, מען קען איבעראַל רעדן צום אייבערשטן, און די גראָז און ביימער העלפן צו דעם מענטש צו רעדן צום אייבערשטן.

| Date | Day | Hebrew Date | Learning | Zmanim |
|---|---|---|---|---|
| 30 Mar | ראשון Sunday | א 1 | **בבלי:** סנהדרין קג<br>**ירושלמי:** מועד קטן טז<br>**תוספתא:** יבמות ז<br>**נ"ך:** ישעיה ו-ז<br>**רמב"ם:** כלים כג | **ראש חודש ניסן** Rosh Chodesh Nisan<br>עלות השחר 5:30<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:15<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:30<br>שקיעה 7:18<br>נץ החמה 6:43<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:51<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:54<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:31 |
| 31 Mar | שני Monday | ב 2 | **בבלי:** סנהדרין קד<br>**ירושלמי:** מועד קטן יז<br>**תוספתא:** יבמות ח<br>**נ"ך:** ישעיה ח-ט<br>**רמב"ם:** כלים כד | עלות השחר 5:28<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:14<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:29<br>שקיעה 7:19<br>נץ החמה 6:41<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:50<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:53<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:32 |
| 1 Apr | שלישי Tuesday | ג 3 | **בבלי:** סנהדרין קה<br>**ירושלמי:** מועד קטן יח<br>**תוספתא:** יבמות ט<br>**נ"ך:** ישעיה י-יא<br>**רמב"ם:** כלים כה | עלות השחר 5:27<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:13<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:29<br>שקיעה 7:20<br>נץ החמה 6:40<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:49<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:53<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:33 |
| 2 Apr | רביעי Wednesday | ד 4 | **בבלי:** סנהדרין קו<br>**ירושלמי:** מועד קטן יט<br>**תוספתא:** יבמות י<br>**נ"ך:** ישעיה יב-יג<br>**רמב"ם:** כלים כו | עלות השחר 5:25<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:12<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:28<br>שקיעה 7:21<br>נץ החמה 6:38<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:48<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:52<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:34 |
| 3 Apr | חמישי Thursday | ה 5 | **בבלי:** סנהדרין קז<br>**ירושלמי:** יבמות א<br>**תוספתא:** יבמות יא<br>**נ"ך:** ישעיה יד-טו<br>**רמב"ם:** כלים כז | עלות השחר 5:23<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:11<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:27<br>שקיעה 7:23<br>נץ החמה 6:36<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:47<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:51<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:36 |
| 4 Apr | ששי Friday<br>הדלקת הנרות 7:06 Candle Lighting | ו 6 | **בבלי:** סנהדרין קח<br>**ירושלמי:** יבמות ב<br>**תוספתא:** יבמות יב<br>**נ"ך:** ישעיה טז-יז<br>**רמב"ם:** כלים כח | עלות השחר 5:22<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:10<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:26<br>שקיעה 7:24<br>נץ החמה 6:35<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:46<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:50<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:37 |
| 5 Apr | הפטרה: עם זו יצרתי<br>שב"ק Shabbos<br>זמן מוצש"ק 8:38 Shabbos Ends | ז 7 | **בבלי:** סנהדרין קט<br>**ירושלמי:** יבמות ג<br>**תוספתא:** יבמות יג<br>**נ"ך:** ישעיה יח-יט<br>**רמב"ם:** מקוואות א | **ויקרא**<br>עלות השחר 5:20<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:09<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:26<br>שקיעה 7:25<br>נץ החמה 6:33<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:45<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:50<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:38 |

דִּי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן זֶענֶען טֶעג פוּן תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי דִּי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי.
(לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ט)

שַׁבָּת הַגָּדוֹל זָאגְט מֶען דִי הַפְטוֹרָה פוּן "וְעָרְבָה לַה'", דָאס הָאט שַׁייכוּת מִיט שַׁבָּת הַגָּדוֹל, אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט דָארְט בַּיים סוֹף דֶעם פָּסוּק "הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' 'הַגָּדוֹל' וְהַנּוֹרָא", מִיר וַוארְטְן שׁוֹין וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער "יוֹם הַגָּדוֹל", וֶוען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען מְבַשֵּׂר זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ קוּמְט אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'" - וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּיי דִי מְעָרָה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, הָאט עֶר זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט ווִי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, אַ בָּשָׂר וָדָם, אוּן עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי גְרוֹיס אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַז עֶר וֶועט זַיין דֶער וָואס וֶועט קוּמֶען זָאגְן דִי בְּשׂוֹרָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז מָשִׁיחַ קוּמְט אוּן יֶעדֶער וֶועט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר אִים דִינֶען.

אוּן דָאס אִיז דִי הֲכָנָה וָואס מִיר גְרֵייטְן זִיךְ יֶעצְט צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וֶוען מֶען וֶועט צוּגְרֵייטְן דֶעם כּוֹס פַאר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוּן עֶפֶענֶען דִי טִיר פַאר אִים, צוּ וַוייזְן אַז מִיר נֶעמֶען אָן דִי לִמּוּדִים וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת.

וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט אִים זִיס דָאס לֶעבְּן, אוּן מִיט דֶעם הוֹיבְּט מֶען אָן דִי הַפְטוֹרָה "וְעָרְבָה לַה'" - דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַ זִיסְקַייט פַארְן מֶענְטְשׁ.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זִיךְ צוּ אוֹיפְפְּרִישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

| Date | Day | Hebrew Date | Learning | Zmanim |
|---|---|---|---|---|
| 6 Apr | ראשון Sunday | ח 8 | **בבלי:** סנהדרין קי<br>**ירושלמי:** יבמות ד<br>**תוספתא:** יבמות יד<br>**נ"ך:** ישעיה כ-כא<br>**רמב"ם:** מקוואות ב | עלות השחר 5:18<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:08<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:25<br>שקיעה 7:26<br>נץ החמה 6:31<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:44<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:49<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:39 |
| 7 Apr | תקופת ניסן 6:00PM<br>שני Monday | ט 9 | **בבלי:** סנהדרין קיא<br>**ירושלמי:** יבמות ה<br>**תוספתא:** כתובות א<br>**נ"ך:** ישעיה כב-כג<br>**רמב"ם:** מקוואות ג | עלות השחר 5:17<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:07<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:24<br>שקיעה 7:27<br>נץ החמה 6:30<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:43<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:48<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:40 |
| 8 Apr | שלישי Tuesday | י 10 | **בבלי:** סנהדרין קיב<br>**ירושלמי:** יבמות ו<br>**תוספתא:** כתובות ב<br>**נ"ך:** ישעיה כד-כה<br>**רמב"ם:** מקוואות ד | עלות השחר 5:15<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:06<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:23<br>שקיעה 7:28<br>נץ החמה 6:28<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:42<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:47<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:41 |
| 9 Apr | רביעי Wednesday | יא 11 | **בבלי:** סנהדרין קיג<br>**ירושלמי:** יבמות ז<br>**תוספתא:** כתובות ג<br>**נ"ך:** ישעיה כו-כז<br>**רמב"ם:** מקוואות ה | עלות השחר 5:14<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:23<br>שקיעה 7:29<br>נץ החמה 6:27<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:47<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:42 |
| 10 Apr | חמישי Thursday | יב 12 | **בבלי:** מכות ב<br>**ירושלמי:** יבמות ח<br>**תוספתא:** כתובות ד<br>**נ"ך:** ישעיה כח-כט<br>**רמב"ם:** מקוואות ו | **בדיקת חמץ, תענית בכורים** Search for Chometz<br>עלות השחר 5:12<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:22<br>שקיעה 7:30<br>נץ החמה 6:25<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:46<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:43 |
| 11 Apr | סו"ז שריפת חמץ: 11:39<br>ששי Friday<br>Candle Lighting **7:13** הדלקת הנרות | יג 13 | **בבלי:** מכות ג<br>**ירושלמי:** יבמות ט<br>**תוספתא:** כתובות ה<br>**נ"ך:** ישעיה ל-לא<br>**רמב"ם:** מקוואות ז | עלות השחר 5:11<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:04<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:21<br>שקיעה 7:31<br>נץ החמה 6:24<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:40<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:45<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:44 |
| 12 Apr | סו"ז אכילת חמץ: 10:21<br>אומרים כל חמירא<br>שב"ק Shabbos<br>הפטרה: וערבה<br>Candle Lighting **8:45** הדלקת הנרות | יד 14 | **בבלי:** מכות ד<br>**ירושלמי:** יבמות י<br>**תוספתא:** כתובות ו<br>**נ"ך:** ישעיה לב-לג<br>**רמב"ם:** מקוואות ח | **צו, הגדול, ערב פסח** Shabbos Hagadol, Pesach Eve<br>עלות השחר 5:09<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:03<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:21<br>שקיעה 7:32<br>נץ החמה 6:22<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:39<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:45<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:45 |

וֶוער עֶס אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיב אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט רָאוּי דֶערְצוּ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אַוֶועק דִי צָארְן פוּן אִים. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן מ"ח)

אֵיינְמָאל פַּאר פֶּסַח אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן זַיין טָאכְטֶער חַנָּה צִירְל אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט: אַז סְ'אִיז שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּ פֶּסַח אוּן מֶען נָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיף פֶּסַח. דֶעמָאלְט אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען גָאר שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר אַ גֶעדְרִיקְטֶע מַצָּב. הָאט רֶבִּי נָתָן אִיר גֶעזָאגְט: "טָאכְטֶער'ל דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן, אוּן מִיר וֶועלְן הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח".

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער צוּ פֶּסַח, דֶער מִנְהָג אִיז גֶעוֶוען אָנְצוּשֶׁעפְּן וַואסֶער פוּן פַּאר פֶּסַח אוֹיף אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהָאלְפְן פַּאר רֶבִּי נָתָן אָנְצוּשֶׁעפְּן עֶטְלִיכֶע פֶּעסֶער וַואסֶער. הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין טָאכְטֶער: "בָּרוּךְ ה' אַז וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אִיז שׁוֹין דָא", אָבֶּער דִי טָאכְטֶער הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט: "אָבֶּער טַאטֶע, אוֹיסֶער וַואסֶער הָאבְּן מִיר נָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיף פֶּסַח", רֶבִּי נָתָן הָאט אִיר וַוייטֶער מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נִישְׁט פַארְלָאזְן, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וֶועט אוֹיךְ זַיין".

עֶרֶב פֶּסַח הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַן עוֹשֶׁר, אִיז נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אוּן גֶעטְרַאכְט: "וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיף פֶּסַח צוּ מַאכְן?", אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶענוּמֶען אַ וָואגְן אָנְגֶעפוּלְט מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, מַצוֹת, וַויין, קַארְטָאפְל, אֵייעֶר, אוּן נָאךְ, עֶר הָאט אַלֶעס אַרִיבֶּער גֶעבְּרֶענְגְט צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן עֶס הָאט מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט זַיין שְׁטוּבּ.

בַּיים סֵדֶר נַאכְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוֹיף פֶּסַח. אוּן גֶעזָאגְט צוּ זַיין טָאכְטֶער: "וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן, הָאבּ אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ", דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, עֶר הָאט פָּשׁוּט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹנוֹת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים טַאקֶע גֶעהָאלְפְן.

דֶערְפַאר, יֶעדֶער אִיד וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח, אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

## 13 Apr — ראשון Sunday — טו 15

**בבלי:** מכות ה
**ירושלמי:** יבמות יא
**תוספתא:** כתובות ז
**נ"ך:** ישעיה לד-לה
**רמב"ם:** מקוואות ט

**א דפסח, טל** — 1st Day Pesach

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:07 | נץ החמה 6:20 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:02 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:38 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:20 | סו"ז תפלה - גר"א 10:44 |
| שקיעה 7:33 | צה"כ לשיטת ר"ת 8:46 |

הדלקת הנרות 8:46 Candle Lighting

## 14 Apr — שני Monday — טז 16

**בבלי:** מכות ו
**ירושלמי:** יבמות יב
**תוספתא:** כתובות ח
**נ"ך:** ישעיה לו-לז
**רמב"ם:** מקוואות י

**ב דפסח, א לעומר, ותן ברכה** — 2nd Day Pesach

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:06 | נץ החמה 6:19 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:01 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:37 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:19 | סו"ז תפלה - גר"א 10:43 |
| שקיעה 7:34 | צה"כ לשיטת ר"ת 8:47 |

זמן מוציו"ט 8:47 Yom Tov Ends

## 15 Apr — שלישי Tuesday — יז 17

**בבלי:** מכות ז
**ירושלמי:** יבמות יג
**תוספתא:** כתובות ט
**נ"ך:** ישעיה לח-לט
**רמב"ם:** מקוואות יא

**א דחוה"מ פסח, ב לעומר** — 1st Day Chol Hamoed

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:04 | נץ החמה 6:17 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 9:00 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:36 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:19 | סו"ז תפלה - גר"א 10:43 |
| שקיעה 7:35 | צה"כ לשיטת ר"ת 8:48 |

## 16 Apr — רביעי Wednesday — יח 18

**בבלי:** מכות ח
**ירושלמי:** יבמות יד
**תוספתא:** כתובות י
**נ"ך:** ישעיה מ-מא
**רמב"ם:** נזקי ממון א

**ב דחוה"מ פסח, ג לעומר** — 2nd Day Chol Hamoed

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:03 | נץ החמה 6:16 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 8:59 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:35 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:18 | סו"ז תפלה - גר"א 10:42 |
| שקיעה 7:36 | צה"כ לשיטת ר"ת 8:49 |

## 17 Apr — חמישי Thursday — יט 19

**בבלי:** מכות ט
**ירושלמי:** יבמות טו
**תוספתא:** כתובות יא
**נ"ך:** ישעיה מב-מג
**רמב"ם:** נזקי ממון ב

**ג דחוה"מ פסח, ד לעומר** — 3rd Day Chol Hamoed

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:01 | נץ החמה 6:14 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 8:58 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:34 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:17 | סו"ז תפלה - גר"א 10:41 |
| שקיעה 7:37 | צה"כ לשיטת ר"ת 8:50 |

## 18 Apr — ששי Friday — כ 20

**בבלי:** מכות י
**ירושלמי:** יבמות טז
**תוספתא:** כתובות יב
**נ"ך:** ישעיה מד-מה
**רמב"ם:** נזקי ממון ג

**ד דחוה"מ פסח, ה לעומר** — 4th Day Chol Hamoed

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:00 | נץ החמה 6:13 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 8:57 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:33 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:17 | סו"ז תפלה - גר"א 10:41 |
| שקיעה 7:38 | צה"כ לשיטת ר"ת 8:51 |

הדלקת הנרות 7:20 Candle Lighting

## 19 Apr — שיר השירים — שב"ק Shabbos — כא 21

**בבלי:** מכות יא
**ירושלמי:** יבמות יז
**תוספתא:** גטין א
**נ"ך:** ישעיה מו-מז
**רמב"ם:** נזקי ממון ד

**שביעי של פסח, ו לעומר** — th Day Pesach

| | |
|---|---|
| עלות השחר 4:58 | נץ החמה 6:11 |
| סו"ז קר"ש - מג"א 8:57 | סו"ז קר"ש - גר"א 9:33 |
| סו"ז תפלה - מג"א 10:16 | סו"ז תפלה - גר"א 10:40 |
| שקיעה 7:39 | צה"כ לשיטת ר"ת 8:52 |

הדלקת הנרות 8:52 Candle Lighting

---

דִי כַּזַיִת מָרוֹר וָואס מֶען עֶסְט פֶּסַח, אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה.
(סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת מָמוֹן סִימָן ל"ה)

חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק "וּסְפַרְתֶּם ׳לָכֶם׳" - "לְעַצְמְכֶם". יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף צֵיילְן סְפִירָה פַאר זִיךְ אַלֵיין. דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיז דָא אַ פַארְקֶערְטֶע יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זֶען וִוי אַזוֹי זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקַייט, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען חֲלִישַׁת הַדַעַת פוּן דֶעם, "יֶענֶער אִיז אַזוֹי וואוֹיל אוּן גוּט, אוּן אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט בַּאוַוייזְן". אוֹיבְּן אוֹיף זֶעט דָאס אוֹיס וִוי דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ קְלֵיין אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט. אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גַאֲוָה, דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אַז אִים פַּאסְט נִישְׁט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁטַאפְּל וואוּ עֶר הַאלְט, עֶר וֶועט נָאר זַיין צוּפְרִידְן אוֹיבּ עֶר קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פּוּנְקְט וִוי זַיין חַבֵר. דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע מַצָב, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיינֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סָארְט נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, אוּן מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סֵיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז עֶרְגֶער אוּן סֵיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם" אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן אוּן נָאר קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס מֶען זֶעהט אַז אַ צְוֵוייטֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ.

(לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, פֶּסַח, ה"ט אוֹת כ"ב)

## 20 Apr · ראשון Sunday · כב 22

**אחרון של פסח, יזכור, ז לעומר** — 8th Day Pesach / Yizkor

**בבלי:** מכות יב
**ירושלמי:** יבמות יח
**תוספתא:** גטין ב
**נ"ך:** ישעיה מח-מט
**רמב"ם:** נזקי ממון ה

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:57 | נץ החמה | 6:10 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:56 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:32 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:15 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:39 |
| שקיעה | 7:40 | צה"כ לשיטת ר"ת | 8:53 |

זמן מוציו"ט **8:53** Shabbos Ends

## 21 Apr · שני Monday · כג 23

**אסרו חג, ח לעומר**

**בבלי:** מכות יג
**ירושלמי:** יבמות יט
**תוספתא:** גטין ג
**נ"ך:** ישעיה נ-נא
**רמב"ם:** נזקי ממון ו

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:55 | נץ החמה | 6:08 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:55 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:31 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:15 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:39 |
| שקיעה | 7:41 | צה"כ לשיטת ר"ת | 8:54 |

## 22 Apr · שלישי Tuesday · כד 24

**ט לעומר**

**בבלי:** מכות יד
**ירושלמי:** יבמות כ
**תוספתא:** גטין ד
**נ"ך:** ישעיה נב-נג
**רמב"ם:** נזקי ממון ז

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:54 | נץ החמה | 6:07 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:54 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:30 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:14 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:38 |
| שקיעה | 7:42 | צה"כ לשיטת ר"ת | 8:55 |

## 23 Apr · רביעי Wednesday · כה 25

**י לעומר**

**בבלי:** מכות טו
**ירושלמי:** יבמות כא
**תוספתא:** גטין ה
**נ"ך:** ישעיה נד-נה
**רמב"ם:** נזקי ממון ח

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:53 | נץ החמה | 6:06 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:53 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:29 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:14 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:38 |
| שקיעה | 7:43 | צה"כ לשיטת ר"ת | 8:56 |

## 24 Apr · חמישי Thursday · כו 26

**יא לעומר**

**בבלי:** מכות טז
**ירושלמי:** יבמות כב
**תוספתא:** גטין ו
**נ"ך:** ישעיה נו-נז
**רמב"ם:** נזקי ממון ט

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:51 | נץ החמה | 6:04 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:52 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:28 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:13 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:37 |
| שקיעה | 7:44 | צה"כ לשיטת ר"ת | 8:57 |

## 25 Apr · ששי Friday · כז 27

**יב לעומר**

**בבלי:** מכות יז
**ירושלמי:** יבמות כג
**תוספתא:** גטין ז
**נ"ך:** ישעיה נח-נט
**רמב"ם:** נזקי ממון י

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:50 | נץ החמה | 6:03 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:52 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:28 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:12 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:36 |
| שקיעה | 7:45 | צה"כ לשיטת ר"ת | 8:58 |

הדלקת הנרות **7:27** Candle Lighting

## 26 Apr · שב"ק Shabbos · כח 28

הפטרה: ויוסף עוד דוד

**שמיני, מבה"ח, יג לעומר, פרק א**

**בבלי:** מכות יח
**ירושלמי:** יבמות כד
**תוספתא:** קדושין א
**נ"ך:** ישעיה ס-סא
**רמב"ם:** נזקי ממון יא

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:48 | נץ החמה | 6:01 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:51 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:27 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:12 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:36 |
| שקיעה | 7:47 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:00 |

זמן מוצש"ק **9:00** Shabbos Ends

**מברכים חודש אייר** המולד: זונטאג ביינאכט 30 מינוט און 2 חלקים נאך 8. **ראש חודש:** שני ולמחרתו ביום השלישי

דורְכ'ן צֵיילְן סְפִירַת הָעוֹמֶר, וֶוערְט מֶען גְערַאטֶעוֶועט נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְטְרִיבְּן.
(סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת סְפִירַת הָעוֹמֶר סִימָן א')

וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, זֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין דִי סְפִירָה טֶעג. דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶר וִויל שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, עֶר מַאכְט אָפּ: "דָאס אִיז עֶס, פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". קוּמְט מֶען נָאכְנִישְׁט גְלַייךְ אָן דֶערְצוּ, עֶס דַארְף קוֹדֶם אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים דִי סְפִירָה טֶעג, אֵיין טָאג "חֶסֶד שֶׁבִּגְבוּרָה", אֵיין טָאג "גְבוּרָה שֶׁבִּגְבוּרָה", דָאס מֵיינְט אַז יֶעדְן טָאג דְרֵייעֶן זִיךְ אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַלֶע מִינֵי מַצָּבִים אוּן שְׁוֶוערִיקַייטְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶר פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן וִויפִיל תּוֹרָה וּמִצְוֹת עֶר קֶען, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אָנְקוּמֶען צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז פַאר מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דַארְף מֶען קוֹדֶם צֵיילְן דִי טֶעג, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אַ ווִיכְטִיגֶער טָאג, יֶעדְן טָאג קֶען מֶען גוּט אוֹיסְנִיצְן מִיט גוּטֶע זַאכְן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים ד) "מִקְצַת הַיּוֹם כְּכֻלּוֹ", אַ חֵלֶק פוּנֶעם טָאג אִיז אַזוֹי וִוי אַ גַאנְצֶע טָאג, מְמֵילָא אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען רוֹב טָאג, אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ קוּק אָן וִוי אַזוֹי דֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דֶעם טָאג אוּן טְרַאכְטְן "דִי הַיינְטִיגֶע טָאג אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען, מָארְגְן וֶועל אִיךְ דַאוֶוענֶען", ווַייל אֲפִילוּ אוֹיב עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן נָאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט פוּנֶעם טָאג, קֶען מֶען נָאךְ פַארֶעכְטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג, אוֹיב וֶועט מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי עֶטְלִיכֶע מִינוּט וָואס עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה, צוּ טוּן עֶפֶּעס מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וֶועט מֶען מִיט דֶעם אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם גַאנְצְן טָאג.

## 27 Apr — ראשון Sunday — כט 29

**יד לעומר, א"א יו"כ קטן**

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............4:47 | נץ החמה.................6:00 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:50 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:26 |
| סו"ז תפלה - מג"א..10:11 | סו"ז תפלה - גר"א..10:35 |
| שקיעה.....................7:48 | צה"כ לשיטת ר"ת.....9:01 |

**בבלי:** מכות יט
**ירושלמי:** יבמות כה
**תוספתא:** קדושין ב
**נ"ך:** ישעיה סב-סג
**רמב"ם:** נזקי ממון יב

## 28 Apr — שני Monday — ל 30

**א' דראש חודש אייר, טו לעומר** Rosh Chodesh Iyar

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............4:46 | נץ החמה.................5:59 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:49 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:25 |
| סו"ז תפלה - מג"א..10:11 | סו"ז תפלה - גר"א..10:35 |
| שקיעה.....................7:49 | צה"כ לשיטת ר"ת.....9:02 |

**בבלי:** מכות כ
**ירושלמי:** יבמות כו
**תוספתא:** קדושין ג
**נ"ך:** ישעיה סד-סה
**רמב"ם:** נזקי ממון יג

## 29 Apr — שלישי Tuesday — א 1

**ב' דראש חודש אייר, טז לעומר** Rosh Chodesh Iyar

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............4:44 | נץ החמה.................5:57 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:49 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:25 |
| סו"ז תפלה - מג"א.10:10 | סו"ז תפלה - גר"א..10:34 |
| שקיעה.....................7:50 | צה"כ לשיטת ר"ת.....9:03 |

**בבלי:** מכות כא
**ירושלמי:** יבמות כז
**תוספתא:** קדושין ד
**נ"ך:** ישעיה סו - ירמיה א
**רמב"ם:** נזקי ממון יד

## 30 Apr — רביעי Wednesday — ב 2

**יז לעומר**

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............4:43 | נץ החמה.................5:56 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:48 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:24 |
| סו"ז תפלה - מג"א.10:10 | סו"ז תפלה - גר"א..10:34 |
| שקיעה.....................7:51 | צה"כ לשיטת ר"ת.....9:04 |

**בבלי:** מכות כב
**ירושלמי:** יבמות כח
**תוספתא:** קדושין ה
**נ"ך:** ירמיה ב-ג
**רמב"ם:** גניבה א

## 1 May — חמישי Thursday — ג 3

**יח לעומר**

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............4:42 | נץ החמה.................5:55 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:47 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:23 |
| סו"ז תפלה - מג"א.10:09 | סו"ז תפלה - גר"א..10:33 |
| שקיעה.....................7:52 | צה"כ לשיטת ר"ת.....9:05 |

**בבלי:** מכות כג
**ירושלמי:** יבמות כט
**תוספתא:** נדרים א
**נ"ך:** ירמיה ד-ה
**רמב"ם:** גניבה ב

## 2 May — ששי Friday — ד 4

**יט לעומר**

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............4:41 | נץ החמה.................5:54 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:47 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:23 |
| סו"ז תפלה - מג"א.10:09 | סו"ז תפלה - גר"א..10:33 |
| שקיעה.....................7:53 | צה"כ לשיטת ר"ת.....9:06 |

**בבלי:** מכות כד
**ירושלמי:** יבמות ל
**תוספתא:** נדרים ב
**נ"ך:** ירמיה ו-ז
**רמב"ם:** גניבה ג

הדלקת הנרות **7:35** Candle Lighting

## 3 May — שב"ק Shabbos — ה 5

הפטרה: וארבעה אנשים

**תזריע - מצורע, מברכין בה"ב, כ לעומר, פרק ב**

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............4:39 | נץ החמה.................5:52 |
| סו"ז קר"ש - מג"א...8:46 | סו"ז קר"ש - גר"א....9:22 |
| סו"ז תפלה - מג"א.10:08 | סו"ז תפלה - גר"א..10:32 |
| שקיעה.....................7:54 | צה"כ לשיטת ר"ת.....9:07 |

**בבלי:** שבועות ב
**ירושלמי:** יבמות לא
**תוספתא:** נדרים ג
**נ"ך:** ירמיה ח-ט
**רמב"ם:** גניבה ד

זמן מוצש"ק **9:07** Shabbos Ends

---

גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְש טְרַאכְט נָאר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן זַיינֶע תְּפִלּוֹת. (סֵפֶר הַמִדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן ס"ה)

עס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא בַּיים עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט "לָמָּה נִגָּרַע?" - פַארְוָואס זָאלְן מִיר זַיין וֵוייניגֶער? מִיר ווילְן אוֹיךְ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן קֶענֶען מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין פֶּסַח שֵׁנִי.

דָאס אִיז אַ מוּסַר הַשֵּׂכֶל פַאר יֶעדְן אִיד. אֲפִילוּ וֶוען עֶס לוֹיפְן אַדוּרְךְ טֶעג וָואכְן אוּן חֳדָשִׁים מִיט גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי ווִי דִי אִידְן וָואס הָאבְּן פַארְפַאסְט דֶעם עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי אִידְן אַרַיין אִין דִי קְדוּשָׁה, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְאַלְץ גֶעהַאט אַ תַּקָנָה.

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זַ"ל אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ שׁוּסְטֶער אַבִּיסְל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַארְ'ן קוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט, אָבֶּער מַמָשׁ יֶעצְט הָאט זִיךְ זַיין שִׁיךְ צוּרִיסְן, אוּן עֶר ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דֶער שׁוּסְטֶער קֶען עֶס נָאךְ פַארֶעכְטְן. הָאט דֶער שׁוּסְטֶער גֶעזָאגְט: "ווִי לַאנְג דִי לִיכְט בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען אִיךְ עֶס נָאךְ פַארֶעכְטְן".

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל זַ"ל אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, "דָאס אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מוּסָר הַשֵּׂכֶל. ווִי לַאנְג דִי לִיכְט, וָואס דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה, בְּרֶענְט נָאךְ; קֶען מֶען אַלֶעס פַארֶעכְטְן", אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס אֵייבִּיג אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן, "ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאךְ, קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') "קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן", "אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ פַארֶעכְטְן" (שָׁם, קי"ב), ווַייל ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקְן אַז דָאס דַארְף גֵיין דוּרְךְ אַ צַדִיק. אַזוֹי ווִי דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח הָאבְּן גֶעדַארְפְט גֵיין צוּם צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אִין אַלֶע דוֹרוֹת, וֶוען אַ אִיד כַאפְּט זִיךְ אַז עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי יָארְן מִיט נַארִישְׁקַייטְן, אוּן עֶר גֵייט צוּם צַדִיק, אוּן עֶר פָאלְגְט וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אַלֶעס פַארֶעכְטְן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**4** May | **ראשון** Sunday | **ו** 6

**בבלי:** שבועות ג
**ירושלמי:** יבמות לב
**תוספתא:** נדרים ד
**נ"ך:** ירמיה י-יא
**רמב"ם:** גניבה ה

**כא לעומר**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:38 | נץ החמה | 5:51 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:45 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:21 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:08 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:32 |
| שקיעה | 7:55 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:08 |

**5** May | **שני** Monday | **ז** 7

**בבלי:** שבועות ד
**ירושלמי:** יבמות לג
**תוספתא:** נדרים ה
**נ"ך:** ירמיה יב-יג
**רמב"ם:** גניבה ו

**תענית שני קמא, כב לעומר**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:37 | נץ החמה | 5:50 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:45 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:21 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:07 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:31 |
| שקיעה | 7:56 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:09 |

**6** May | **שלישי** Tuesday | **ח** 8

**בבלי:** שבועות ה
**ירושלמי:** יבמות לד
**תוספתא:** נדרים ו
**נ"ך:** ירמיה יד-טו
**רמב"ם:** גניבה ז

**כג לעומר**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:36 | נץ החמה | 5:49 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:44 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:20 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:07 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:31 |
| שקיעה | 7:57 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:10 |

**7** May | **רביעי** Wednesday | **ט** 9

**בבלי:** שבועות ו
**ירושלמי:** יבמות לה
**תוספתא:** נדרים ז
**נ"ך:** ירמיה טז-יז
**רמב"ם:** גניבה ח

**כד לעומר**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:35 | נץ החמה | 5:48 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:43 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:19 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:06 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:30 |
| שקיעה | 7:58 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:11 |

**8** May | **חמישי** Thursday | **י** 10

**בבלי:** שבועות ז
**ירושלמי:** יבמות לו
**תוספתא:** נזיר א
**נ"ך:** ירמיה יח-יט
**רמב"ם:** גניבה ט

**תענית חמישי, כה לעומר**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:33 | נץ החמה | 5:46 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:43 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:19 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:06 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:30 |
| שקיעה | 7:59 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:12 |

**9** May | **ששי** Friday | **יא** 11

Candle Lighting **7:42** הדלקת הנרות

**בבלי:** שבועות ח
**ירושלמי:** יבמות לז
**תוספתא:** נזיר ב
**נ"ך:** ירמיה כ-כא
**רמב"ם:** גזלה ואבדה א

**כו לעומר**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:32 | נץ החמה | 5:45 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:42 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:18 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:06 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:30 |
| שקיעה | 8:00 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:13 |

**10** May | **שב"ק** Shabbos | **יב** 12

הפטרה: הלא כבני כושיים

Shabbos Ends **9:14** זמן מוצש"ק

**בבלי:** שבועות ט
**ירושלמי:** יבמות לח
**תוספתא:** נזיר ג
**נ"ך:** ירמיה כב-כג
**רמב"ם:** גזלה ואבדה ב

**אחרי - קדושים, כז לעומר פרק ג**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:31 | נץ החמה | 5:44 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:42 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:18 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:05 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:29 |
| שקיעה | 8:01 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:14 |

**אַלֶעס וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן אִין דִי סְפִירָה טֶעג, רֶעדְן זֵיי נָאר פוּן דִי סְפִירָה פוּן יֶענֶעם טָאג, אוּן וֶוער עֶס פַארְשְׁטֵייט גוּט קֶען דָאס הֶערְן אוּן אוֹיפְכַאפְּן.** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קפ"ב)

דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי "יוֹמָא דְהִילוּלָא" פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, דֶער טָאג אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂמְחָה. עֶר טֵיילְט דֶעמָאלְט אוֹיס טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי רַייכֶע מְחוּתָּנִים פִירְן זִיךְ צוּ טֵיילְן בַּיי אַ שִׂמְחָה טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, אוּן אַזוֹי טֵיילְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ. דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ט.) "כְּדַאי הוּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְחַק". צַדִיקִים הָאבְּן דָאס גֶעטַייטְשְׁט אַז וֶוען אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁעַת הַדְחַק, עֶס אִיז אִים עֶנְג, עֶר אִיז אִין אַ צָרָה, קֶען עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אִין דִי זְכוּת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי.

אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דֶעם טָאג פוּן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען זִיךְ אָבֶער בַּאהֶעפְטְן צוּם צַדִיק פוּן וואוּ עֶר אִיז. דָאס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מֶען אִיז דָארְט, ווייל וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ סֵפֶר הַזֹּהַר, מֶען זִיצְט אוֹיפְ'ן סֵפֶר, אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיים צִיוּן. אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "מְאוֹר עֵינַיִם" (יִשְׂמַח לֵב, מַסֶכֶת שַׁבָּת) אַז דֶער צַדִיק אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר. אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דֶער פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים סֵפֶר פוּנֶעם צַדִיק וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיי זַיין צִיוּן.

אַוַדַאי וֶוער עֶס אִיז יָא זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין מַמָּשׁ בַּיים צִיוּן אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּ קֶבֶר פוּן אַ צַדִיק, אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס אִיז אִין דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן דֶעם צַדִיק. אוּן נָאכְדֶערְצוּ בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען מֶען זִיכֶער פוּעְלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

## 11 May — ראשון Sunday — יג 13

**בבלי:** שבועות י
**ירושלמי:** יבמות לט
**תוספתא:** נזיר ד
**נ"ך:** ירמיה כד-כה
**רמב"ם:** גזלה ואבדה ג

**כח לעומר**

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............4:30 | נץ החמה.................5:43 |
| סו"ז קר"ש - מג"א ... 8:41 | סו"ז קר"ש - גר"א.... 9:17 |
| סו"ז תפלה - מג"א . 10:05 | סו"ז תפלה - גר"א.. 10:29 |
| שקיעה...................8:02 | צה"כ לשיטת ר"ת..... 9:15 |

## 12 May — שני Monday — יד 14

**בבלי:** שבועות יא
**ירושלמי:** יבמות מ
**תוספתא:** נזיר ה
**נ"ך:** ירמיה כו-כז
**רמב"ם:** גזלה ואבדה ד

**פסח שני, תענית שני בתרא, כט לעומר** Pesach Sheini

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............4:29 | נץ החמה.................5:42 |
| סו"ז קר"ש - מג"א ... 8:41 | סו"ז קר"ש - גר"א.... 9:17 |
| סו"ז תפלה - מג"א . 10:04 | סו"ז תפלה - גר"א.. 10:28 |
| שקיעה...................8:03 | צה"כ לשיטת ר"ת..... 9:16 |

## 13 May — שלישי Tuesday — טו 15

**בבלי:** שבועות יב
**ירושלמי:** יבמות מא
**תוספתא:** נזיר ו
**נ"ך:** ירמיה כח-כט
**רמב"ם:** גזלה ואבדה ה

**ל לעומר**

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............4:28 | נץ החמה.................5:41 |
| סו"ז קר"ש - מג"א ... 8:40 | סו"ז קר"ש - גר"א.... 9:16 |
| סו"ז תפלה - מג"א . 10:04 | סו"ז תפלה - גר"א.. 10:28 |
| שקיעה...................8:04 | צה"כ לשיטת ר"ת..... 9:17 |

## 14 May — רביעי Wednesday — טז 16

**בבלי:** שבועות יג
**ירושלמי:** יבמות מב
**תוספתא:** סוטה א
**נ"ך:** ירמיה ל-לא
**רמב"ם:** גזלה ואבדה ו

**לא לעומר**

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............4:27 | נץ החמה.................5:40 |
| סו"ז קר"ש - מג"א ... 8:40 | סו"ז קר"ש - גר"א.... 9:16 |
| סו"ז תפלה - מג"א . 10:04 | סו"ז תפלה - גר"א.. 10:28 |
| שקיעה...................8:05 | צה"כ לשיטת ר"ת..... 9:18 |

## 15 May — חמישי Thursday — יז 17

**בבלי:** שבועות יד
**ירושלמי:** יבמות מג
**תוספתא:** סוטה ב
**נ"ך:** ירמיה לב-לג
**רמב"ם:** גזלה ואבדה ז

**לב לעומר**

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............4:26 | נץ החמה.................5:39 |
| סו"ז קר"ש - מג"א ... 8:39 | סו"ז קר"ש - גר"א.... 9:15 |
| סו"ז תפלה - מג"א . 10:03 | סו"ז תפלה - גר"א.. 10:27 |
| שקיעה...................8:06 | צה"כ לשיטת ר"ת..... 9:19 |

## 16 May — ששי Friday — יח 18

Candle Lighting **7:49** הדלקת הנרות

**בבלי:** שבועות טו
**ירושלמי:** יבמות מד
**תוספתא:** סוטה ג
**נ"ך:** ירמיה לד-לה
**רמב"ם:** גזלה ואבדה ח

**ל"ג בעומר** Lag B'Omer

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............4:25 | נץ החמה.................5:38 |
| סו"ז קר"ש - מג"א ... 8:39 | סו"ז קר"ש - גר"א.... 9:15 |
| סו"ז תפלה - מג"א . 10:03 | סו"ז תפלה - גר"א.. 10:27 |
| שקיעה...................8:07 | צה"כ לשיטת ר"ת..... 9:20 |

## 17 May — שב"ק Shabbos — יט 19

הפטרה: והכהנים הלוים

Shabbos Ends **9:21** זמן מוצש"ק

**בבלי:** שבועות טז
**ירושלמי:** יבמות מה
**תוספתא:** סוטה ד
**נ"ך:** ירמיה לו-לז
**רמב"ם:** גזלה ואבדה ט

**אמור, לד לעומר, פרק ד**

| | |
|---|---|
| עלות השחר.............4:24 | נץ החמה.................5:37 |
| סו"ז קר"ש - מג"א ... 8:38 | סו"ז קר"ש - גר"א.... 9:14 |
| סו"ז תפלה - מג"א . 10:03 | סו"ז תפלה - גר"א.. 10:27 |
| שקיעה...................8:08 | צה"כ לשיטת ר"ת..... 9:21 |

צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער. אוֹיךְ דָאס דַאוָוענֶען שַׁיין פַארְ'ן עָמוּד, אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ג)

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן. אֵיין טָאג, וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהֵייבְּן דִי שְׁוֶוערֶע אָרִימְקַייט, הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרוּקְן אוֹיף אִיר מַאן אַז עֶר זָאל גֵיין צוּ דִי שְׁטַאל פוּן פֶערְד פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן נֶעמֶען אֵיין פֶערְד, עֶר זָאל כָאטְשׁ קֶענֶען אָנְהֵייבְּן צוּ טוּן עֶפֶּעס פַאר פַּרְנָסָה, "דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶענוּג פֶערְד, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אֵיין פֶערְד".

דֶער מַאן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן אַזַא זַאךְ, אָבֶּער זִי הָאט אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ מוּטְשֶׁען בִּיז עֶר הָאט גֶעמוּזְט מַסְכִּים זַיין, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז בַּיינַאכְט וֶועט עֶר גֵיין נֶעמֶען אֵיין פֶערְד.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואס הָאט דָאס אַלֶעס גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, הָאט גֶעהֵייסְן פַארְ'ן גוֹי וָואס הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיפְ'ן שְׁטַאל, אַז עֶר זָאל לָאזְן דִי פֶערְד אוֹיף הֶפְקֶר בַּיינַאכְט, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען נֶעמֶען אַ פֶערְד זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן, בַּיינַאכְט הָאט טַאקֶע דֶער תַּלְמִיד גֶענוּמֶען אַ פֶערְד.

אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ עָנִי וְאֶבְיוֹן, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן עֶסְן פַאר דִי פֶערְד... אוּן נָאךְ דְרֵיי טֶעג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, וָואס אִיז אִים אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן אַז דֶער פֶערְד וֶועט שְׁטַארְבְּן? וֶועסְטוּ דָאךְ הָאבְּן נָאךְ גְרֶעסֶערֶע צָרוֹת וִוי אַזוֹי פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּנֶעם פֶערְד"...

דֶעמָאלְט הָאט דֶער תַּלְמִיד פַארְשְׁטַאנֶען אַז זַיין רֶבִּי הָאט אַלֶעס גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, עֶר הָאט זַייעֶר חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן עֶר אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין וַוייבּ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן זֵיי הָאבְּן צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי גֶע'גַנְבְ'טֶע פֶערְד.

זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן פַאר פַּרְנָסָה וֶוען מֶען גַנְבְ'ט, עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן. וֶוען דִי פַּרְנָסָה גֵייט זֵייעֶר שְׁוֶוער אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן, וַוייל עֶס לִיגְט נָאר אִין זַיינֶע הֶענְט.

| Date | Day | Hebrew date | Learning | Zmanim |
|---|---|---|---|---|
| 18 May | ראשון Sunday | כ 20 | **בבלי:** שבועות יז<br>**ירושלמי:** יבמות מו<br>**תוספתא:** סוטה ה<br>**נ"ך:** ירמיה לח-לט<br>**רמב"ם:** גזלה ואבדה י | **לה לעומר**<br>עלות השחר 4:24<br>נץ החמה 5:37<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:38<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:14<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:03<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:27<br>שקיעה 8:09<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:22 |
| 19 May | שני Monday | כא 21 | **בבלי:** שבועות יח<br>**ירושלמי:** יבמות מז<br>**תוספתא:** סוטה ו<br>**נ"ך:** ירמיה מ-מא<br>**רמב"ם:** גזלה ואבדה יא | **לו לעומר**<br>עלות השחר 4:23<br>נץ החמה 5:36<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:37<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:13<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:02<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:26<br>שקיעה 8:10<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:23 |
| 20 May | שלישי Tuesday | כב 22 | **בבלי:** שבועות יט<br>**ירושלמי:** יבמות מח<br>**תוספתא:** סוטה ז<br>**נ"ך:** ירמיה מב-מג<br>**רמב"ם:** גזלה ואבדה יב | **לז לעומר**<br>עלות השחר 4:22<br>נץ החמה 5:35<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:37<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:13<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:02<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:26<br>שקיעה 8:11<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:24 |
| 21 May | רביעי Wednesday | כג 23 | **בבלי:** שבועות כ<br>**ירושלמי:** יבמות מט<br>**תוספתא:** סוטה ח<br>**נ"ך:** ירמיה מד-מה<br>**רמב"ם:** גזלה ואבדה יג | **לח לעומר**<br>עלות השחר 4:21<br>נץ החמה 5:34<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:37<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:13<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:02<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:26<br>שקיעה 8:11<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:24 |
| 22 May | חמישי Thursday | כד 24 | **בבלי:** שבועות כא<br>**ירושלמי:** יבמות נ<br>**תוספתא:** סוטה ט<br>**נ"ך:** ירמיה מו-מז<br>**רמב"ם:** גזלה ואבדה יד | **לט לעומר**<br>עלות השחר 4:20<br>נץ החמה 5:33<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:36<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:12<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:02<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:26<br>שקיעה 8:12<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:25 |
| 23 May | ששי Friday<br>הדלקת הנרות 7:55 Candle Lighting | כה 25 | **בבלי:** שבועות כב<br>**ירושלמי:** יבמות נא<br>**תוספתא:** סוטה י<br>**נ"ך:** ירמיה מח-מט<br>**רמב"ם:** גזלה ואבדה טו | **מ לעומר**<br>עלות השחר 4:20<br>נץ החמה 5:33<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:36<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:12<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:02<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:26<br>שקיעה 8:13<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:26 |
| 24 May | הפטרה: ד' עזי ומעזי<br>שב"ק Shabbos<br>זמן מוצש"ק 9:27 Shabbos Ends | כו 26 | **בבלי:** שבועות כג<br>**ירושלמי:** יבמות נב<br>**תוספתא:** סוטה יא<br>**נ"ך:** ירמיה נ-נא<br>**רמב"ם:** גזלה ואבדה טז | **בהר - בחקתי, מבה"ח, מא לעומר, פרק ה**<br>עלות השחר 4:19<br>נץ החמה 5:32<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:36<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:12<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:01<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:25<br>שקיעה 8:14<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:27 |

**מברכים חודש סיון** המולד: דינסטאג צופרי 14 מינוט און 3 חלקים נאך 9. **ראש חודש:** רביעי

"אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, דַארְף זִיךְ כָאטְשׁ מַאכְן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ,
און דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אַז עֶר וֶועט טַאקֶע אֱמֶת'דִיג וֶוערְן פְרֵיילִיךְ. (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ד)

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַ מָשָׁל (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תמ"ז) אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר וָואס הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ מֶעלְדוּנְג אַז וֶוער עֶס וויל בָּארְגְן גֶעלְט קֶען קוּמֶען צוּ אִים אוּן בָּארְגְן וויפִיל מֶען וויל. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶענוּג מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט דֶערְצוּ אוּן דֶער עוֹשֶׁר הָאט טַאקֶע גֶעבָּארְגְט פַאר יֶעדְן וויפִיל מֶען הָאט נָאר גֶעוָואלְט, אוּן הָאט פַארְשְׁרִיבְּן אַלֶעס אִין זַיין בּוּךְ.

אֵיין טָאג אִיז דֶער עוֹשֶׁר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען זַיינֶע בִּיכֶער אוּן גֶעזֶען אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעבָּארְגְט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶּער דִי מֶענְטְשְׁן קִימֶערְן נִישְׁט צוּרִיק צוּ קוּמֶען אוּן בַּאצָאלְן דָאס גֶעלְט, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט. צְווִישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעבָּארְגְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעבָּארְגְט אַבִּיסְל גֶעלְט אוּן עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים פוּן דֶעם אַז עֶר קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן.

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן, דַארְף עֶר כָאטְשׁ אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם עוֹשֶׁר אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן. וֶוען עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן דֶעם עוֹשֶׁר הָאט אִים דֶער עוֹשֶׁר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס גֵייט מִיר אָן דָאס בִּיסְל גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעבָּארְגְט? דָאס אִיז מַמָשׁ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג, אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַרוּמְצוּגֵיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן מִיר בַּאצָאלְן, אֲפִילוּ זֵיי זָאלְן נָאר בַּאצָאלְן אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן זֵייעֶר חוֹב, וֶועט עֶס נָאכְאַלְץ אוֹיסְקוּמֶען טוֹיזְנְטֶער מָאל מֶער גֶעלְט פוּן וויפִיל דוּ בִּיזְט מִיר שׁוּלְדִיג, אוּן דַאן וֶועל אִיךְ דִיר אִינְגַאנְצְן מוֹחֵל זַיין אוֹיף דֶעם חוֹב".

מִיט דֶעם מָשָׁל הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן מְעוֹרֵר זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד אִיז מְחַזֵק אַנְדֶערֶע אִידְן, עֶר שְׁטַארְקְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

## 25 May · ראשון Sunday · כז 27

**בבלי:** שבועות כד
**ירושלמי:** יבמות נג
**תוספתא:** סוטה יב
**נ"ך:** ירמיה נב - יחזקאל א
**רמב"ם:** גזלה ואבדה יז

**מב לעומר**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:18 | נץ החמה | 5:31 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:35 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:11 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:01 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:25 |
| שקיעה | 8:15 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:28 |

## 26 May · שני Monday · כה 28

**בבלי:** שבועות כה
**ירושלמי:** יבמות נד
**תוספתא:** סוטה יג
**נ"ך:** יחזקאל ב-ג
**רמב"ם:** גזלה ואבדה יח

**מג לעומר**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:18 | נץ החמה | 5:31 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:35 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:11 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:01 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:25 |
| שקיעה | 8:16 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:29 |

## 27 May · שלישי Tuesday · כט 29

**בבלי:** שבועות כו
**ירושלמי:** יבמות נה
**תוספתא:** סוטה יד
**נ"ך:** יחזקאל ד-ה
**רמב"ם:** חובל ומזיק א

**יום כפור קטן, מד לעומר**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:17 | נץ החמה | 5:30 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:35 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:11 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:01 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:25 |
| שקיעה | 8:17 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:30 |

## 28 May · רביעי Wednesday · א 1

**בבלי:** שבועות כז
**ירושלמי:** יבמות נו
**תוספתא:** סוטה טו
**נ"ך:** יחזקאל ו-ז
**רמב"ם:** חובל ומזיק ב

**ראש חודש סיון, מה לעומר** Rosh Chodesh Sivan

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:17 | נץ החמה | 5:30 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:35 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:11 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:01 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:25 |
| שקיעה | 8:17 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:30 |

## 29 May · חמישי Thursday · ב 2

**בבלי:** שבועות כח
**ירושלמי:** יבמות נז
**תוספתא:** בבא קמא א
**נ"ך:** יחזקאל ח-ט
**רמב"ם:** חובל ומזיק ג

**מו לעומר**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:16 | נץ החמה | 5:29 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:35 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:11 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:01 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:25 |
| שקיעה | 8:18 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:31 |

## 30 May · ששי Friday · ג 3

Candle Lighting **8:01** הדלקת הנרות

**בבלי:** שבועות כט
**ירושלמי:** יבמות נח
**תוספתא:** בבא קמא ב
**נ"ך:** יחזקאל י-יא
**רמב"ם:** חובל ומזיק ד

**מז לעומר, שלשת ימי הגבלה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:16 | נץ החמה | 5:29 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:34 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:10 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:01 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:25 |
| שקיעה | 8:19 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:32 |

## 31 May · שב"ק Shabbos · ד 4

הפטרה: והיה מספר

Shabbos Ends **9:33** זמן מוצש"ק

**בבלי:** שבועות ל
**ירושלמי:** יבמות נט
**תוספתא:** בבא קמא ג
**נ"ך:** יחזקאל יב-יג
**רמב"ם:** חובל ומזיק ה

**במדבר, מח לעומר, פרק ו**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:15 | נץ החמה | 5:28 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:34 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:10 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:01 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:25 |
| שקיעה | 8:20 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:33 |

וֶוען דוּ וֶועסְט מְחַזֵּק זַיְין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר דִיר לִיבּ הָאבְּן. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אַהֲבָה סִימָן ז')

מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ עֶסְן מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי, מוֹהֲרַא״ש זָאגְט אוֹיף דֶעם אַ טַעַם וַוייל וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי, וֶוערְן מִיר מַמָּשׁ ווִי אַ קְלֵיין קִינְד וָואס אִיז יֶעצְט נֵיי גֶעבּוֹירְן, אוּן פַאר אַ קְלֵיין קִינְד גֶעבְּט מֶען נָאר מִילְךְ, עֶר קֶען נָאכְנִישְׁט עֶסְן קַיין פְלֵייש.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן, עֶר דַארְף פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער וֶועט אִים דָאס שְׁטֶערְן פוּן קֶענֶען וַוייטֶער מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת ה׳, אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (קלא, ב) ״כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ כַּגָּמֻל עָלַי נַפְשִׁי״ - עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג ווִי אַ נֵיי גֶעבּוֹירְן קִינְד.

דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר (דְרָשׁוֹת חת״ס לְשָׁבוּעוֹת רפח:) זָאגְט אַ רֶמֶז אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כח, כו) ״מִ׳נְחָה חֲ׳דָשָׁה לַ׳ה׳ בְּ׳שָׁבֻעֹתֵיכֶם״ אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דֶעם פָּסוּק אִיז ״מֵחָלָב״, אַ רֶמֶז אַז מֶען עֶסְט מִילְכִיגְס אוּם שָׁבוּעוֹת. אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין דֶעם פָּסוּק זֶעט מֶען אַז דֶער פָּסוּק זָאגְט ״מִנְחָה חֲדָשָׁה״, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי מִדָּה פוּן הִתְחַדְּשׁוּת, אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהוֹיבְּן פוּן נֵיי, אֲפִילוּ בִּיז יֶעצְט הָאט עֶר נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאל עֶר אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ, אוּן דֶער כֹּחַ פוּנֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט טַאקֶע קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן א׳) אַז דִי וָוארְט ״חָלָב״ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (תְּהִלִּים קט, כב) ״לִ׳בִּי חָ׳לַל בְּ׳קִרְבִּי״. וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אָנְצוּהוֹיבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן פְרִישׁ, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ אַלֶעמָאל ווִי אַ קְלֵיין קִינְד וָואס טְרִינְקְט נָאךְ מִילְךְ, אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין לֶעבְן, דַאן אִיז עֶר זוֹכֶה אַז עֶר הַרְגְ׳ט זַיין יֵצֶר הָרַע אַיְנְגַאנְצְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה אִין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וֶועט דָאס אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר, עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

| Date | Day | Hebrew Date | Learning | Day Notes | עלות השחר | נץ החמה | סו"ז קר"ש - מג"א | סו"ז קר"ש - גר"א | סו"ז תפלה - מג"א | סו"ז תפלה - גר"א | שקיעה | צה"כ לשיטת ר"ת |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 Jun | ראשון Sunday | ה 5 | **בבלי:** שבועות לא<br>**ירושלמי:** יבמות ס<br>**תוספתא:** בבא קמא ד<br>**נ"ך:** יחזקאל יד-טו<br>**רמב"ם:** חובל ומזיק ו | ערב שבועות, מט לעומר / Shavuos Eve<br>Candle Lighting 8:02 הדלקת הנרות | 4:15 | 5:28 | 8:34 | 9:10 | 10:01 | 10:25 | 8:20 | 9:33 |
| 2 Jun | שני Monday | ו 6 | **בבלי:** שבועות לב<br>**ירושלמי:** יבמות סא<br>**תוספתא:** בבא קמא ה<br>**נ"ך:** יחזקאל טז-יז<br>**רמב"ם:** חובל ומזיק ז | א דשבועות / 1st Day Shavuos<br>Candle Lighting 9:34 הדלקת הנרות | 4:14 | 5:27 | 8:34 | 9:10 | 10:01 | 10:25 | 8:21 | 9:34 |
| 3 Jun | שלישי Tuesday | ז 7 | **בבלי:** שבועות לג<br>**ירושלמי:** יבמות סב<br>**תוספתא:** בבא קמא ו<br>**נ"ך:** יחזקאל יח-יט<br>**רמב"ם:** חובל ומזיק ח | ב דשבועות, יזכור / 2nd Day Shavuos / Yizkor<br>Yom Tov Ends 9:35 זמן מוציו"ט | 4:14 | 5:27 | 8:34 | 9:10 | 10:01 | 10:25 | 8:22 | 9:35 |
| 4 Jun | רביעי Wednesday | ח 8 | **בבלי:** שבועות לד<br>**ירושלמי:** יבמות סג<br>**תוספתא:** בבא קמא ז<br>**נ"ך:** יחזקאל כ-כא<br>**רמב"ם:** רוצח ושמירת הנפש א | אסרו חג | 4:14 | 5:27 | 8:34 | 9:10 | 10:00 | 10:24 | 8:22 | 9:35 |
| 5 Jun | חמישי Thursday | ט 9 | **בבלי:** שבועות לה<br>**ירושלמי:** יבמות סד<br>**תוספתא:** בבא קמא ח<br>**נ"ך:** יחזקאל כב-כג<br>**רמב"ם:** רוצח ושמירת הנפש ב | | 4:13 | 5:26 | 8:34 | 9:10 | 10:01 | 10:25 | 8:23 | 9:36 |
| 6 Jun | ששי Friday | י 10 | **בבלי:** שבועות לו<br>**ירושלמי:** יבמות סה<br>**תוספתא:** בבא קמא ט<br>**נ"ך:** יחזקאל כד-כה<br>**רמב"ם:** רוצח ושמירת הנפש ג | Candle Lighting 8:06 הדלקת הנרות | 4:13 | 5:26 | 8:34 | 9:10 | 10:01 | 10:25 | 8:24 | 9:37 |
| 7 Jun | שב"ק Shabbos | יא 11 | **בבלי:** שבועות לז<br>**ירושלמי:** יבמות סו<br>**תוספתא:** בבא קמא י<br>**נ"ך:** יחזקאל כו-כז<br>**רמב"ם:** רוצח ושמירת הנפש ד | נשא, פרק א<br>הפטרה: ויהי איש אחד<br>Shabbos Ends 9:37 זמן מוצש"ק | 4:13 | 5:26 | 8:34 | 9:10 | 10:01 | 10:25 | 8:24 | 9:37 |

וֶוער עֶס לֶערְנְט אוֹיפְּן קוֹל וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לַאנְגֶע יָארְן אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט זִיךְ הַאלְטְן בַּיי אִים. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לִימוּד סִימָן ט"ז)

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל אִים בַּאדִינֶען אוּמְזִיסְט, אֲפִילוּ עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶענוּג אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרֵייט אִים צוּ בַּאדִינֶען, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט אַ בַּאצָאלְטֶער שַׁמָשׁ וָואס הָאט אִים בַּאדִינְט.

אֵיינְמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ תַּלְמִיד צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהן וִוי דִי גַאנְצֶע הוֹיז אִיז פוּל מִיט רוֹיךְ, עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּם שַׁמָשׁ, וֶועלְכֶער הָאט דַאן גֶעדְרִימְלְט, אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים "וָואס גֵייט פָּאר מִיט דִיר? דֶער רֶבִּי לַיידְט אוֹיף דִי לוּנְגֶען, אוּן דוּ לָאזְט דִי גַאנְצֶע הוֹיז זַיין פוּל מִיט רוֹיךְ?!" דֶער רוֹיךְ אִיז גֶעקוּמֶען פוּן עֶפֶּעס וָואס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹיוְון, דֶער תַּלְמִיד הָאט עֶס גְלַייךְ אַרָאפְּגֶענוּמֶען, אוּן גֶעעֶפֶענְט דִי פֶענְסְטֶער אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער תַּלְמִיד אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי לִיגְט אוֹיפְ'ן בֶּעט רוּאִיגֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "פַארְוָואס הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעזָאגְט פַארְ'ן שַׁמָשׁ אַז עֶר זָאל קֶער נֶעמֶען פוּן דִי רוֹיךְ?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל בֶּעט מֶען, דִי צְוֵוייטֶע מָאל שְׁרַייט מֶען, אוּן דִי דְרִיטֶע מָאל רֶעגְט מֶען זִיךְ. אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען צוּם דְרִיטֶע מָאל, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע"... דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער יְסוֹד, עֶס לוֹינְט זִיךְ אֵייבִּיג צוּ מְוַותֵּר זַיין בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל, אוּן מִיט דֶעם זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ מַחְלוֹקֶת אוּן צַעַר שְׁפֶּעטֶער.

ווֹאוּיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ וַתְּרָן, עֶר זָאל נִישְׁט מוּזְן אֵייבִּיג זַיין גֶערֶעכְט אוּן אֵייבִּיג אוֹיסְפִירְן. דַאן וֶועט אִים זַיין גוּט שְׁטֶענְדִיג בְּרוּחֲנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת.

| Date | Day | Hebrew date | Learning | Zmanim | |
|---|---|---|---|---|---|
| **8** Jun | **ראשון** Sunday | **יב** 12 | **בבלי:** שבועות לח<br>**ירושלמי:** יבמות סז<br>**תוספתא:** בבא קמא יא<br>**נ"ך:** יחזקאל כח-כט<br>**רמב"ם:** רוצח ושמירת הנפש ה | **נץ החמה** 5:25<br>**סו"ז קר"ש - גר"א** 9:10<br>**סו"ז תפלה - גר"א** 10:25<br>**צה"כ לשיטת ר"ת** 9:38 | **עלות השחר** 4:12<br>**סו"ז קר"ש - מג"א** 8:34<br>**סו"ז תפלה - מג"א** 10:01<br>**שקיעה** 8:25 |
| **9** Jun | **שני** Monday | **יג** 13 | **בבלי:** שבועות לט<br>**ירושלמי:** יבמות סח<br>**תוספתא:** בבא מציעא א<br>**נ"ך:** יחזקאל ל-לא<br>**רמב"ם:** רוצח ושמירת הנפש ו | **נץ החמה** 5:25<br>**סו"ז קר"ש - גר"א** 9:10<br>**סו"ז תפלה - גר"א** 10:25<br>**צה"כ לשיטת ר"ת** 9:38 | **עלות השחר** 4:12<br>**סו"ז קר"ש - מג"א** 8:34<br>**סו"ז תפלה - מג"א** 10:01<br>**שקיעה** 8:25 |
| **10** Jun | **שלישי** Tuesday | **יד** 14 | **בבלי:** שבועות מ<br>**ירושלמי:** יבמות סט<br>**תוספתא:** בבא מציעא ב<br>**נ"ך:** יחזקאל לב-לג<br>**רמב"ם:** רוצח ושמירת הנפש ז | **נץ החמה** 5:25<br>**סו"ז קר"ש - גר"א** 9:10<br>**סו"ז תפלה - גר"א** 10:25<br>**צה"כ לשיטת ר"ת** 9:39 | **עלות השחר** 4:12<br>**סו"ז קר"ש - מג"א** 8:34<br>**סו"ז תפלה - מג"א** 10:01<br>**שקיעה** 8:26 |
| **11** Jun | **רביעי** Wednesday | **טו** 15 | **בבלי:** שבועות מא<br>**ירושלמי:** יבמות ע<br>**תוספתא:** בבא מציעא ג<br>**נ"ך:** יחזקאל לד-לה<br>**רמב"ם:** רוצח ושמירת הנפש ח | **נץ החמה** 5:25<br>**סו"ז קר"ש - גר"א** 9:10<br>**סו"ז תפלה - גר"א** 10:25<br>**צה"כ לשיטת ר"ת** 9:39 | **עלות השחר** 4:12<br>**סו"ז קר"ש - מג"א** 8:34<br>**סו"ז תפלה - מג"א** 10:01<br>**שקיעה** 8:26 |
| **12** Jun | **חמישי** Thursday | **טז** 16 | **בבלי:** שבועות מב<br>**ירושלמי:** יבמות עא<br>**תוספתא:** בבא מציעא ד<br>**נ"ך:** יחזקאל לו-לז<br>**רמב"ם:** רוצח ושמירת הנפש ט | **נץ החמה** 5:25<br>**סו"ז קר"ש - גר"א** 9:10<br>**סו"ז תפלה - גר"א** 10:25<br>**צה"כ לשיטת ר"ת** 9:40 | **עלות השחר** 4:12<br>**סו"ז קר"ש - מג"א** 8:34<br>**סו"ז תפלה - מג"א** 10:01<br>**שקיעה** 8:27 |
| **13** Jun | **ששי** Friday<br>Candle Lighting **8:09** הדלקת הנרות | **יז** 17 | **בבלי:** שבועות מג<br>**ירושלמי:** יבמות עב<br>**תוספתא:** בבא מציעא ה<br>**נ"ך:** יחזקאל לח-לט<br>**רמב"ם:** רוצח ושמירת הנפש י | **נץ החמה** 5:25<br>**סו"ז קר"ש - גר"א** 9:10<br>**סו"ז תפלה - גר"א** 10:25<br>**צה"כ לשיטת ר"ת** 9:40 | **עלות השחר** 4:12<br>**סו"ז קר"ש - מג"א** 8:34<br>**סו"ז תפלה - מג"א** 10:01<br>**שקיעה** 8:27 |
| **14** Jun | הפטרה: רני ושמחי<br>**שב"ק** Shabbos<br>Shabbos Ends **9:41** זמן מוצש"ק | **יח** 18 | **בבלי:** שבועות מד<br>**ירושלמי:** יבמות עג<br>**תוספתא:** בבא מציעא ו<br>**נ"ך:** יחזקאל מ-מא<br>**רמב"ם:** רוצח ושמירת הנפש יא | **בהעלותך, פרק ב**<br>**נץ החמה** 5:25<br>**סו"ז קר"ש - גר"א** 9:10<br>**סו"ז תפלה - גר"א** 10:25<br>**צה"כ לשיטת ר"ת** 9:41 | <br>**עלות השחר** 4:12<br>**סו"ז קר"ש - מג"א** 8:34<br>**סו"ז תפלה - מג"א** 10:01<br>**שקיעה** 8:28 |

וֶוער עֶס אִיז אַ וַתְּרָן, קֶענֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת נִישְׁט אִיבֶּערְוֶועגְן זַיינֶע מִצְוֹת.

(סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת וַתְּרָן חֵלֶק ב׳ סִימָן א׳)

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת עַצְבוּת, סִימָן ל"ד) "כָּל הַנִּמְשָׁךְ אַחַר צַעֲרוֹ יוֹתֵר מִדַּי, הַצַּעַר נִמְשָׁךְ אַחֲרָיו" - וֶוער עֶס טְרַאכְט צוּ סַאךְ פוּן זַיינֶע צָרוֹת, וֶועלְן דִי צָרוֹת אִים נָאכְלוֹיפְן. אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (מוֹעֵד קָטָן כ"ז:) אַז וֶוער עֶס טְרוֹיעֶרְט צוּפִיל אוֹיף אֵיין צָרָה, וֶועט קוּמֶען אוֹיף אִים נָאךְ צָרוֹת.

וֶוען אַ מֶענְטְש גֵייט אַרוּם מִיט אַן אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע נָאז, עֶר הַאלְט אִין אֵיין וֵויינֶען אוּן זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף זַיינֶע צָרוֹת, אוֹיף דֶעם שְׁלִימַזְל וָואס לוֹיפְט אִים נָאךְ אַ גַאנְצְן טָאג, ווִי שְׁלֶעכְט עֶס גֵייט אִים זַיין לֶעבְּן; וֶוערְט עֶר דוּרְךְ דֶעם נָאךְ מֶער אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין זַיין בִּיטֶער מַזָל. וֶוען אַ מֶענְטְש הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל אוּן טְרַאכְט נָאר פוּן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, ווִי גוּט עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן, עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי פִילֶע טוֹבוֹת וָואס עֶר טוּט מִיט אִים; דַאן וֶועט זַיין לֶעבְּן אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶר וֶועט שְׁפִּירְן מַמָּשׁ ווִי אִין גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ב').

חֲזַ"ל זָאגְן (אוֹצַר הָאַגָּדָה) וֶוער אִיז אַן אֶמֶת'עֶר עוֹשֶׁר? דֶער וָואס הָאט דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן "עָשִׁיר" וָואס דָאס אִיז "עֵ'ינַיִם שִׁ'נַּיִם יָ'דַיִם רַ'גְלַיִם" - עֶר הָאט בָּרוּךְ ה' אוֹיגְן צוּ זֶען, צֵיין צוּ עֶסְן, הֶענְט זִיךְ צוּ רִירְן, אוּן פִּיס צוּ גֵיין. אַ מֶענְטְש מֵיינְט אַז דִי אַלֶע זַאכְן קוּמֶען זִיךְ פַּאר אִים, "אִיךְ מוּז דָאךְ הָאבְּן פִּיס צוּ קֶענֶען אַרוּמְגֵיין אוּן הֶענְט צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אוּן זִיךְ רִירְן אִין לֶעבְּן, אִיךְ מוּז דָאךְ הָאבְּן אוֹיגְן צוּ זֶען אוּן צֵיין צוּ קֶענֶען עֶסְן", וֶוען אַ מֶענְטְש זָאל אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם פַּארְלִירְן זַיינֶע אוֹיגְן אוּן אוֹיפְהֶערְן צוּ זֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאגְן חֲזַ"ל (נְדָרִים ס"ד:) אַז עֶר אִיז ווִי אַ גֶעשְׁטָארְבֶּענֶער מֶענְטְש, אוּן נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (יוֹמָא ע"ד:) אַז אַ בְּלִינְדֶער וֶוערְט נִישְׁט זַאט, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין עֶסְן, עֶר הָאט מֶער נִישְׁט קַיין לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

וֶוען אַ אִיד זָאגְט אִינְדֶערְפְרִי דִי בְּרָכָה פוּן "פּוֹקֵחַ עִוְרִים" דַארְף עֶר וֶוערְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ פוּן דֶעם, עֶר דַארְף אַ גַאנְצְן טָאג טַאנְצְן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט בָּרוּךְ ה' יָא אוֹיגְן צוּ זֶען, עֶר אִיז נִישְׁט בְּלִינְד. ווִי אַזוֹי קֶען עֶר זִיךְ נָאךְ אָפְּרֶעדְן אוּן הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף דָאס אוּן אוֹיף יֶענְץ, וָואס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט ווִי עֶר ווִיל, עֶר אִיז דָאךְ אַזַא גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְש אַז עֶר הָאט אוֹיגְן אוּן עֶר קֶען זֶען.

## 15 Jun — ראשון Sunday — יט 19

**בבלי:** שבועות מה
**ירושלמי:** יבמות עד
**תוספתא:** בבא מציעא ז
**נ"ך:** יחזקאל מב-מג
**רמב"ם:** רוצח ושמירת הנפש יב

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:12 | נץ החמה | 5:25 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:34 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:10 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:01 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:25 |
| שקיעה | 8:28 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:41 |

## 16 Jun — שני Monday — כ 20

**בבלי:** שבועות מו
**ירושלמי:** יבמות עה
**תוספתא:** בבא מציעא ח
**נ"ך:** יחזקאל מד-מה
**רמב"ם:** רוצח ושמירת הנפש יג

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:12 | נץ החמה | 5:25 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:34 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:10 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:02 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:26 |
| שקיעה | 8:29 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:42 |

## 17 Jun — שלישי Tuesday — כא 21

**בבלי:** שבועות מז
**ירושלמי:** יבמות עו
**תוספתא:** בבא מציעא ט
**נ"ך:** יחזקאל מו-מז
**רמב"ם:** מכירה א

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:12 | נץ החמה | 5:25 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:34 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:10 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:02 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:26 |
| שקיעה | 8:29 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:42 |

## 18 Jun — רביעי Wednesday — כב 22

**בבלי:** שבועות מח
**ירושלמי:** יבמות עז
**תוספתא:** בבא מציעא י
**נ"ך:** יחזקאל מח - הושע א
**רמב"ם:** מכירה ב

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:12 | נץ החמה | 5:25 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:34 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:10 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:02 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:26 |
| שקיעה | 8:29 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:42 |

## 19 Jun — חמישי Thursday — כג 23

**בבלי:** שבועות מט
**ירושלמי:** יבמות עח
**תוספתא:** בבא מציעא יא
**נ"ך:** הושע ב-ג
**רמב"ם:** מכירה ג

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:12 | נץ החמה | 5:25 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:35 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:11 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:02 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:26 |
| שקיעה | 8:29 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:42 |

## 20 Jun — ששי Friday — כד 24

Candle Lighting 8:12 הדלקת הנרות

**בבלי:** עבודה זרה ב
**ירושלמי:** יבמות עט
**תוספתא:** בבא בתרא א
**נ"ך:** הושע ד-ה
**רמב"ם:** מכירה ד

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:13 | נץ החמה | 5:26 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:35 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:11 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:02 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:26 |
| שקיעה | 8:30 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:43 |

## 21 Jun — שב"ק Shabbos — כה 25

הפטרה: וישלח יהושע

Shabbos Ends 9:43 זמן מוצש"ק

**בבלי:** עבודה זרה ג
**ירושלמי:** יבמות פ
**תוספתא:** בבא בתרא ב
**נ"ך:** הושע ו-ז
**רמב"ם:** מכירה ה

**שלח, מבה"ח, פרק ג**

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:13 | נץ החמה | 5:26 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 8:35 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:11 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:02 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:26 |
| שקיעה | 8:30 | צה"כ לשיטת ר"ת | 9:43 |

**מברכים חודש תמוז** המולד: מיטוואך ביינאכט 58 מינוט און 4 חלקים נאך 9. **ראש חודש:** חמישי ולמחרתו ביום הששי

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז גַאנְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.
(סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א')

חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ״ח:) ״כְּשֵׁם שֶׁפַּרְצוּפֵיהֶם שׁוֹנִים, כַּךְ דֵּעוֹתֵיהֶם שׁוֹנוֹת״ - אַזוֹי וִוי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אוֹיס אַנְדֶערְשׁ; דִי זֶעלְבֶּע הָאט אוֹיךְ יֶעדֶער אַנְדֶערֶע דֵעוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן

דָאס אִיז זֵייעֶר נָארְמַאל אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן חִילוּקֵי דֵעוֹת, דָאס מֵיינְט אָבֶער נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיךְ קְרִיגְן צוּלִיב דֶעם, אוּן דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן אַרוֹיפְצוּצְווִינְגֶען זַיין פַארְשְׁטַאנְד אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַז יֶענֶער זָאל מוּזְן הַאלְטְן אַזוֹי וִוי אִים. אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן יֶענֶעם וַוייל עֶר פַארְשְׁטֵייט אַנְדֶערְשׁ.

חַזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ד׳) ״אֵיזֶהוּ מַחְלוֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם? זוֹהִי מַחְלוֹקֶת שַׁמַאי וְהִלֵּל, אֵיזֶהוּ מַחְלוֹקֶת שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם? זוֹהִי מַחְלוֹקֶת קֹרַח וַעֲדָתוֹ״ - דִי מַחְלוֹקֶת פוּן שַׁמַאי אוּן הִלֵּל אִיז דֶער סִימְבָּאל פוּן אַ מַחְלוֹקֶת פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן, אוּן דִי מַחְלוֹקֶת פוּן קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן קֶעגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דָאס אִיז דֶער סִימְבָּאל פוּן אַ מַחְלוֹקֶת שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם.

שַׁמַאי אוּן הִלֵּל הָאבְּן זִיךְ אַסַאךְ גֶעקְרִיגְט, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר שַׁארְף גֶעהַאלְטְן אֵיינֶער קֶעגְן דֶעם צְוֵוייטְן. אַ זַאךְ וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעהַאלְטְן אַז ס׳אִיז מוּתָּר אוּן מֶען מֶעג דָאס טוּן, הָאט דֶער צְוֵוייטֶער גֶעהַאלְטְן אוֹיף דֶעם אַז עֶס אִיז אָסוּר, אוּן מֶען דֶערְצֶערְנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיב מֶען טוּט עֶס. פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז דִי מַחְלוֹקֶת גֶעוֶוען נָאר וֶועגְן דִי הֲלָכָה זַאךְ, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם פֶּערְזֶענְלִיכְן לֶעבְּן הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט. דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת ט״ו.) אַז אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט אִין הֲלָכָה, הָאבְּן זֵיי זִיךְ וַוייטֶער מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם.

דָאס מֵיינְט אַ מַחְלוֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם. יֶעדֶער הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּיי זַיינְס, לוֹיט וִוי אַזוֹי עֶר הַאלְט אַז דִי הֲלָכָה אִיז, אוּן עֶר אִיז בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט מַסְכִּים צוּ וָואס דֶער אַנְדֶערֶער זָאגְט. אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבְּן זֵיי זִיךְ וַוייטֶער לִיבּ, אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי זֶענֶען גְרֵייט זִיךְ מְשַׁדֵךְ צוּ זַיין אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן.

## 22 Jun — ראשון Sunday — כו 26

**בבלי:** עבודה זרה ד
**ירושלמי:** יבמות פא
**תוספתא:** בבא בתרא ג
**נ״ך:** הושע ח-ט
**רמב״ם:** מכירה ו

| | |
|---|---|
| עלות השחר ... 4:13 | נץ החמה ... 5:26 |
| סו״ז קר״ש - מג״א ... 8:35 | סו״ז קר״ש - גר״א ... 9:11 |
| סו״ז תפלה - מג״א . 10:03 | סו״ז תפלה - גר״א .. 10:27 |
| שקיעה ... 8:30 | צה״כ לשיטת ר״ת ... 9:43 |

## 23 Jun — שני Monday — כז 27

**בבלי:** עבודה זרה ה
**ירושלמי:** יבמות פב
**תוספתא:** בבא בתרא ד
**נ״ך:** הושע י-יא
**רמב״ם:** מכירה ז

| | |
|---|---|
| עלות השחר ... 4:13 | נץ החמה ... 5:26 |
| סו״ז קר״ש - מג״א ... 8:36 | סו״ז קר״ש - גר״א ... 9:12 |
| סו״ז תפלה - מג״א . 10:03 | סו״ז תפלה - גר״א .. 10:27 |
| שקיעה ... 8:30 | צה״כ לשיטת ר״ת ... 9:43 |

## 24 Jun — שלישי Tuesday — כח 28

**בבלי:** עבודה זרה ו
**ירושלמי:** יבמות פג
**תוספתא:** בבא בתרא ה
**נ״ך:** הושע יב-יג
**רמב״ם:** מכירה ח

| | |
|---|---|
| עלות השחר ... 4:14 | נץ החמה ... 5:27 |
| סו״ז קר״ש - מג״א ... 8:36 | סו״ז קר״ש - גר״א ... 9:12 |
| סו״ז תפלה - מג״א . 10:03 | סו״ז תפלה - גר״א .. 10:27 |
| שקיעה ... 8:30 | צה״כ לשיטת ר״ת ... 9:43 |

## 25 Jun — רביעי Wednesday — כט 29

**בבלי:** עבודה זרה ז
**ירושלמי:** יבמות פד
**תוספתא:** בבא בתרא ו
**נ״ך:** הושע יד - יואל א
**רמב״ם:** מכירה ט

**יום כפור קטן**

| | |
|---|---|
| עלות השחר ... 4:14 | נץ החמה ... 5:27 |
| סו״ז קר״ש - מג״א ... 8:36 | סו״ז קר״ש - גר״א ... 9:12 |
| סו״ז תפלה - מג״א . 10:03 | סו״ז תפלה - גר״א .. 10:27 |
| שקיעה ... 8:30 | צה״כ לשיטת ר״ת ... 9:43 |

## 26 Jun — חמישי Thursday — ל 30

**בבלי:** עבודה זרה ח
**ירושלמי:** יבמות פה
**תוספתא:** בבא בתרא ז
**נ״ך:** יואל ב-ג
**רמב״ם:** מכירה י

**א׳ דראש חודש תמוז** — Rosh Chodesh Tamuz

| | |
|---|---|
| עלות השחר ... 4:14 | נץ החמה ... 5:27 |
| סו״ז קר״ש - מג״א ... 8:36 | סו״ז קר״ש - גר״א ... 9:12 |
| סו״ז תפלה - מג״א . 10:04 | סו״ז תפלה - גר״א .. 10:28 |
| שקיעה ... 8:30 | צה״כ לשיטת ר״ת ... 9:43 |

## 27 Jun — ששי Friday — א 1

Candle Lighting **8:12** הדלקת הנרות

**בבלי:** עבודה זרה ט
**ירושלמי:** כתובות א
**תוספתא:** בבא בתרא ח
**נ״ך:** יואל ד - עמוס א
**רמב״ם:** מכירה יא

**ב׳ דראש חודש תמוז** — Rosh Chodesh Tamuz

| | |
|---|---|
| עלות השחר ... 4:15 | נץ החמה ... 5:28 |
| סו״ז קר״ש - מג״א ... 8:37 | סו״ז קר״ש - גר״א ... 9:13 |
| סו״ז תפלה - מג״א . 10:04 | סו״ז תפלה - גר״א .. 10:28 |
| שקיעה ... 8:30 | צה״כ לשיטת ר״ת ... 9:43 |

## 28 Jun — שב״ק Shabbos — ב 2

הפטרה: ויאמר שמואל

Shabbos Ends **9:43** זמן מוצש״ק

**בבלי:** עבודה זרה י
**ירושלמי:** כתובות ב
**תוספתא:** בבא בתרא ט
**נ״ך:** עמוס ב-ג
**רמב״ם:** מכירה יב

**קרח, פרק ד**

| | |
|---|---|
| עלות השחר ... 4:15 | נץ החמה ... 5:28 |
| סו״ז קר״ש - מג״א ... 8:37 | סו״ז קר״ש - גר״א ... 9:13 |
| סו״ז תפלה - מג״א . 10:04 | סו״ז תפלה - גר״א .. 10:28 |
| שקיעה ... 8:30 | צה״כ לשיטת ר״ת ... 9:43 |

מַחְלוֹקֶת בְּרֶענְגְט אָרִימְקֵייט.

(סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן כ״ז)

אײדער רֶבִּי נָתָן איז מְקוּרָב געװאָרן צום הײליגן רֶבִּין, איז ער געװען בײם הײליגן קְדוּשַׁת לֵוִי זי"ע. אײנמאל איז ער געזיצן אינאײנעם מיט די חֲסִידִים בײ מְלַוֶּה מַלְכָּה, מען האט געמאכט דארט א גוֹרָל װער עס זאל גײן קױפן בײגעלעך פאר די סְעוּדָה. דער גוֹרָל איז געפאלן אױף רֶבִּי נָתָן, און רֶבִּי נָתָן איז געגאנגען צום בעקער. אױפ'ן װעג איז ער אבער געװאָרן זײער דערביטערט: "צוליב דעם בין איך באשאפן געװאָרן? צו קױפן בײגעלעך?!" ער האט נישט געקענט גײן װײטער צו קױפן די בײגעלעך. ער איז געגאנגען אין עפעס א לײדיגן בֵּית הַמִּדְרָשׁ אין די װײבער שוּל, ער האט גענומען א תְּהִלִּים און אנגעהױבן צו זאגן און ער האט זײער געװײנט, ער איז אנגעקומען ביז קאפיטל נ' מיט גרױסע בְּכִיּוֹת, און פון גרױס אױסמוטשעניש האט ער אײנגעדרימלט.

ער האט גע'חָלוֹמ'ט װי ער זעט א גרױסע לײטער ביז'ן הימל און ער פרובירט ארױפצוקריכן אױפ'ן לײטער. ער איז ארױף עטליכע טרעפ, און ער איז צוריק אראפגעפאלן, ער האט נאכאמאל פרובירט ארױף צו קריכן, ער איז אבער אלץ צוריק געפאלן, װי העכער ער איז געקראכן, אלץ שטערקער איז געװען דער קלאפ װען ער איז געפאלן. ביז ער איז ארױפגעקראכן גאר הױך, און דאן איז ער געפאלן מיט א שטארקע קלאפ, און ער האט אױפגעגעבן... מער קען ער נישט.

און דאן האט ער געזען װי אײנער שטײט פון אױבן און שרײט אראפ צו אים: "דראפע זיך, און האלט זיך!" - קריך און האלט זיך שטארק אן!

דאס איז געװען אומגעפער א יאר אײדער ער איז געקומען צום רֶבִּין. װען ער איז אנגעקומען צום הײליגן רֶבִּין האט ער דערקענט אז דער רֶבִּי איז געװען דער װאס האט אים דאן מְחַזֵּק געװען אז ער זאל זיך דערהאלטן מיט אלע כּוֹחוֹת.

דערנאך האט אים דער רֶבִּי ארױסגענומען אױף א שפאציר, רֶבִּי נָתָן האט זיך אױסגערעדט פאר'ן רֶבִּין אלעס װאס ליגט אים אױפ'ן הַאַרְץ, דער רֶבִּי האט דאן ארױפגעלײגט די האנט אױף זײן אַקְסְל און אים געזאגט: "נאך דעם אלעם איז גוט װען מען רעדט זיך אױס צום אײבערשטן אזױ װי מער רעדט זיך אױס צו א גוטער פרײנד". דאן האט רֶבִּי נָתָן פארשטאנען דער װעג װי אזױ מען קען זיך דערהאלטן און ארױפקריכן אױף דעם שװערן לײטער-לעבן, דורך דעם װאס מען געװאױנט זיך צו צו רעדן צום אײבערשטן, דאס געבט די כֹּחַ און שטארקײט פאר'ן מענטש איבערצוקומען אלע סארט שװעריקײטן און ארױפקריכן טרעפל נאך טרעפל ביז'ן אנקומען צו די העכסטע שטאפל פון הַצְלָחָה.

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| **29**<br>Jun | **ראשון**<br>**Sunday** | **ג**<br>3 | **בבלי:** עבודה זרה יא<br>**ירושלמי:** כתובות ג<br>**תוספתא:** בבא בתרא י<br>**נ"ך:** עמוס ד-ה<br>**רמב"ם:** מכירה יג | **עלות השחר**.............4:15<br>**סו"ז קר"ש - מג"א**...8:37<br>**סו"ז תפלה - מג"א**.10:04<br>**שקיעה**.....................8:30<br>**נץ החמה**.................5:28<br>**סו"ז קר"ש - גר"א**....9:13<br>**סו"ז תפלה - גר"א**..10:28<br>**צה"כ לשיטת ר"ת**.....9:43 |
| **30**<br>Jun | **שני**<br>**Monday** | **ד**<br>4 | **בבלי:** עבודה זרה יב<br>**ירושלמי:** כתובות ד<br>**תוספתא:** בבא בתרא יא<br>**נ"ך:** עמוס ו-ז<br>**רמב"ם:** מכירה יד | **עלות השחר**.............4:16<br>**סו"ז קר"ש - מג"א**...8:38<br>**סו"ז תפלה - מג"א**.10:05<br>**שקיעה**.....................8:30<br>**נץ החמה**.................5:29<br>**סו"ז קר"ש - גר"א**....9:14<br>**סו"ז תפלה - גר"א**..10:29<br>**צה"כ לשיטת ר"ת**.....9:43 |
| **1**<br>Jul | **שלישי**<br>**Tuesday** | **ה**<br>5 | **בבלי:** עבודה זרה יג<br>**ירושלמי:** כתובות ה<br>**תוספתא:** סנהדרין א<br>**נ"ך:** עמוס ח-ט<br>**רמב"ם:** מכירה טו | **עלות השחר**.............4:16<br>**סו"ז קר"ש - מג"א**...8:38<br>**סו"ז תפלה - מג"א**.10:05<br>**שקיעה**.....................8:30<br>**נץ החמה**.................5:29<br>**סו"ז קר"ש - גר"א**....9:14<br>**סו"ז תפלה - גר"א**..10:29<br>**צה"כ לשיטת ר"ת**.....9:43 |
| **2**<br>Jul | **רביעי**<br>**Wednesday** | **ו**<br>6 | **בבלי:** עבודה זרה יד<br>**ירושלמי:** כתובות ו<br>**תוספתא:** סנהדרין ב<br>**נ"ך:** עובדיה א - יונה א<br>**רמב"ם:** מכירה טז | **עלות השחר**.............4:17<br>**סו"ז קר"ש - מג"א**...8:38<br>**סו"ז תפלה - מג"א**.10:05<br>**שקיעה**.....................8:30<br>**נץ החמה**.................5:30<br>**סו"ז קר"ש - גר"א**....9:14<br>**סו"ז תפלה - גר"א**..10:29<br>**צה"כ לשיטת ר"ת**.....9:43 |
| **3**<br>Jul | **חמישי**<br>**Thursday** | **ז**<br>7 | **בבלי:** עבודה זרה טו<br>**ירושלמי:** כתובות ז<br>**תוספתא:** סנהדרין ג<br>**נ"ך:** יונה ב-ג<br>**רמב"ם:** מכירה יז | **עלות השחר**.............4:18<br>**סו"ז קר"ש - מג"א**...8:39<br>**סו"ז תפלה - מג"א**.10:06<br>**שקיעה**.....................8:30<br>**נץ החמה**.................5:31<br>**סו"ז קר"ש - גר"א**....9:15<br>**סו"ז תפלה - גר"א**..10:30<br>**צה"כ לשיטת ר"ת**.....9:43 |
| **4**<br>Jul | **ששי**<br>**Friday**<br>הדלקת הנרות **8:12** Candle Lighting | **ח**<br>8 | **בבלי:** עבודה זרה טז<br>**ירושלמי:** כתובות ח<br>**תוספתא:** סנהדרין ד<br>**נ"ך:** יונה ד - מיכה א<br>**רמב"ם:** מכירה יח | **עלות השחר**.............4:18<br>**סו"ז קר"ש - מג"א**...8:39<br>**סו"ז תפלה - מג"א**.10:06<br>**שקיעה**.....................8:30<br>**נץ החמה**.................5:31<br>**סו"ז קר"ש - גר"א**....9:15<br>**סו"ז תפלה - גר"א**..10:30<br>**צה"כ לשיטת ר"ת**.....9:43 |
| **5**<br>Jul | הפטרה: ויפתח הגלעדי<br>**שב"ק**<br>**Shabbos**<br>זמן מוצש"ק **9:42** Shabbos Ends | **ט**<br>9 | **בבלי:** עבודה זרה יז<br>**ירושלמי:** כתובות ט<br>**תוספתא:** סנהדרין ה<br>**נ"ך:** מיכה ב-ג<br>**רמב"ם:** מכירה יט | **חקת, פרק ה**<br>**עלות השחר**.............4:19<br>**סו"ז קר"ש - מג"א**...8:39<br>**סו"ז תפלה - מג"א**.10:06<br>**שקיעה**.....................8:29<br>**נץ החמה**.................5:32<br>**סו"ז קר"ש - גר"א**....9:15<br>**סו"ז תפלה - גר"א**..10:30<br>**צה"כ לשיטת ר"ת**.....9:42 |

וָוען אַ מֶענְטְש הָאט אֱמוּנָה, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ל"ג)

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס הַאלְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אִיז דָאס וָואס עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר מֵיינְט דָאךְ נִישְׁט אֱמֶת'דִיג וָואס עֶר זָאגְט. עֶר זָאגְט טַאקֶע פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין פוּן יֶעצְט אֵייבִּיג זַיין עֶרְלִיךְ, עֶר וֵוייסְט דָאךְ אָבֶּער טִיף אִין הַארְץ דֶעם אֱמֶת אַז עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְאַמָאל דוּרְכְפַאלְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אֱמֶת'דִיג אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן עֶס נוּצְט אוֹיךְ. אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן בִּלְעָם, זָאגְט דָארְט דֶער פָּסוּק (בַּמִדְבָּר כה, לד) "וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל מַלְאַךְ ה' חָטָאתִי" - בִּלְעָם הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן מַלְאָךְ אַז עֶר אִיז זִיךְ מוֹדֶה אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִדְבָּר רַבָּה כ', ל"ו) אַז בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז ווִי נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה אוּן זָאגְט "אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט", דַאן קֶען קֵיין שׁוּם מַלְאָךְ אִים נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן שְׁלֶעכְטְס טוּן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ אַזַא רָשָׁע ווִי בִּלְעָם, וָואס עֶר הָאט זִיכֶער גֶעוָואלְט וַוייטֶער אוֹיךְ שְׁלֶעכְטְס טוּן; ווִיבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער מִתְוַודֶה גֶעוֶוען, הָאט מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטְרָאפְן. אִיז דָאךְ זִיכֶער בַּיי אוּנְז, וָואס מִיר זֶענֶען גָאר וַוייט פוּן צוּ זַיין אַזוֹי ווִי בִּלְעָם, יֶעדֶער אִיד ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, נָאר עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרַע; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים אַלֶעס מוֹחֵל, אוּן עֶס קֶען גָאר נִישְׁט פַּאסִירְן קֵיין שְׁלֶעכְטְס צוּ אִים.

וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְוַודֶה צוּ זַיין, אֲפִילוּ וֶוען אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶר עֶס נִישְׁט זָאגְן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, וֶועלְן אָבֶּער דִי וֶוערְטֶער צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיינְגֵיין מֶער אוּן מֶער אִין זַיין הַארְץ, בִּיז עֶר וֶועט עֶס טַאקֶע יָא זָאגְן מִיט אַן אֱמֶת. עֶר וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוּן וואוֹיל אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

| Date | Day | Hebrew Date | Learning | Zmanim |
|---|---|---|---|---|
| 6 Jul | ראשון Sunday | י 10 | **בבלי:** עבודה זרה יח<br>**ירושלמי:** כתובות י<br>**תוספתא:** סנהדרין ו<br>**נ"ך:** מיכה ד-ה<br>**רמב"ם:** מכירה כ | עלות השחר 4:19<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:40<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:07<br>שקיעה 8:29<br>נץ החמה 5:32<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:16<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:31<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:42 |
| 7 Jul | שני Monday | יא 11 | **בבלי:** עבודה זרה יט<br>**ירושלמי:** כתובות יא<br>**תוספתא:** סנהדרין ז<br>**נ"ך:** מיכה ו-ז<br>**רמב"ם:** מכירה כא | עלות השחר 4:20<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:40<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:07<br>שקיעה 8:29<br>נץ החמה 5:33<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:16<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:31<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:42 |
| 8 Jul | תקופת תמוז 1:30AM<br>שלישי Tuesday | יב 12 | **בבלי:** עבודה זרה כ<br>**ירושלמי:** כתובות יב<br>**תוספתא:** סנהדרין ח<br>**נ"ך:** נחום א-ב<br>**רמב"ם:** מכירה כב | עלות השחר 4:21<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:40<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:07<br>שקיעה 8:28<br>נץ החמה 5:34<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:16<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:31<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:41 |
| 9 Jul | רביעי Wednesday | יג 13 | **בבלי:** עבודה זרה כא<br>**ירושלמי:** כתובות יג<br>**תוספתא:** סנהדרין ט<br>**נ"ך:** נחום ג - חבקוק א<br>**רמב"ם:** מכירה כג | עלות השחר 4:21<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:41<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:07<br>שקיעה 8:28<br>נץ החמה 5:34<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:17<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:31<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:41 |
| 10 Jul | חמישי Thursday | יד 14 | **בבלי:** עבודה זרה כב<br>**ירושלמי:** כתובות יד<br>**תוספתא:** סנהדרין י<br>**נ"ך:** חבקוק ב-ג<br>**רמב"ם:** מכירה כד | עלות השחר 4:22<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:41<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:08<br>שקיעה 8:27<br>נץ החמה 5:35<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:17<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:32<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:40 |
| 11 Jul | ששי Friday<br>הדלקת הנרות 8:09 Candle Lighting | טו 15 | **בבלי:** עבודה זרה כג<br>**ירושלמי:** כתובות טו<br>**תוספתא:** סנהדרין יא<br>**נ"ך:** צפניה א-ב<br>**רמב"ם:** מכירה כה | עלות השחר 4:23<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:42<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:08<br>שקיעה 8:27<br>נץ החמה 5:36<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:18<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:32<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:40 |
| 12 Jul | הפטרה: והיה שארית<br>שב"ק Shabbos<br>זמן מוצש"ק 9:40 Shabbos Ends | טז 16 | **בבלי:** עבודה זרה כד<br>**ירושלמי:** כתובות טז<br>**תוספתא:** סנהדרין יב<br>**נ"ך:** צפניה ג - חגי א<br>**רמב"ם:** מכירה כו | **בלק, פרק ו**<br>עלות השחר 4:23<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:42<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:08<br>שקיעה 8:27<br>נץ החמה 5:36<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:18<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:32<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:40 |

דֶערְוַוייטֶער דִיךְ פוּן רְשָׁעִים אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן גֶעשְׁטְרָאפְט אִינְאֵיינֶעם מִיט זֵיי. וֶוער עֶס אִיז מְלַמֵּד זְכוּת אוֹיף אַ רָשָׁע, וֶוערְט עֶר אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן אַ רָשָׁע. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַרְחָקַת רְשָׁעִים סִימָן ב׳ וְסִימָן ו׳)

מוֹהַרָא"ש זָאגְט אַ מָשָׁל אַז אַ סוֹחֵר אִיז אַמָאל גֶעפָארְן פַאר גֶעשֶׁעפְטְן צוּ אַ וַוייטֶע לַאנְד, דֶער לַאנְד אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֶעמְד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם פְּלַאץ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר הָאט נִיטְאַמָאל גֶעקֶענְט דִי שְׁפְּרַאךְ. עֶר דְרֵייט זִיךְ דָארְט אַרוּם אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן צוּ פִירְן דָארְט גֶעשֶׁעפְטְן. פְּלוּצְלִינְג טְרֶעפְט עֶר אַ הֵיימִישְׁן מֶענְטְשׁ וָואס קֶען זַיין שְׁפְּרַאךְ אוּן עֶר קֶען זִיךְ אוֹיס אִין יֶענֶע לַאנְד, אוּן יֶענֶער הוֹיבְּט אִים אָן אוֹיסְצוּלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט זִיךְ אוּם אִין יֶענֶע לַאנְד, עֶר וַוייזְט אִים צוּ וואוּ מֶען קֶען גֵיין עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, וואוּ מֶען קֶען פִירְן גוּטֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן זִיךְ אַיינְהַאנְדְלֶען פֵיינֶע סְחוֹרָה פַאר בִּילִיג, אוּן וואוּ מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין הַאנְדְלֶען וַוייל דָארְט וֶועט מֶען וֶוערְן גוּט אָפְּגֶענַארְט.

דֶער סוֹחֵר דַארְף דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם וָואס הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אוּן וַוייזְט אִים דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אוּן שְׁפָּארְט אִים אַיין אַזוֹיפִיל אַרְבֶּעט. אוֹיבּ אָבֶער הָאט דֶער סוֹחֵר נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶועט עֶר זַיין אַן אוֹיבֶּער-חָכָם, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ יֶענֶעם, אוּן דַאן אִיז זֵייעֶר מֶעגְלִיךְ אַז עֶר וֶועט זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּרְכְפַאלְן אִין זַיין מִיסִיעֶ.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד וָואס קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט דָא צוּ טוּן, וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ דָא אַן עֵצָה? וָואס אִיז יָא גוּט צוּ טוּן אוּן וָואס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ טוּן? אוּן עֶס קוּמְט אַ צַדִיק וָואס גֶעבְּט אִים גוּטֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי דוּרְכְצוּגֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיפְ'ן שֶׁענְסְטְן אוֹפָן, אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, עֶר זָאל הָאבְּן אַ זִיסֶע גוּטֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיךְ נָאכְדֶעם זָאל עֶר אָנְקוּמֶען וואוּ עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; דַארְף דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ זַיין אַ גְרוֹיסֶער טִיפֵּשׁ אוֹיבּ עֶר וִויל זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן אוּן פָאלְגְן דֶעם צַדִיק.

## 13 Jul – ראשון Sunday – יז 17

**Fast of 17th of Tamuz** — **י״ז בתמוז**

**בבלי:** עבודה זרה כה
**ירושלמי:** כתובות יז
**תוספתא:** סנהדרין יג
**נ״ך:** חגי ב - זכריה א
**רמב״ם:** מכירה כז

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:24 | נץ החמה | 5:37 |
| סו״ז קר״ש - מג״א | 8:43 | סו״ז קר״ש - גר״א | 9:19 |
| סו״ז תפלה - מג״א | 10:09 | סו״ז תפלה - גר״א | 10:33 |
| שקיעה | 8:26 | צה״כ לשיטת ר״ת | 9:39 |

## 14 Jul – שני Monday – יח 18

**בבלי:** עבודה זרה כו
**ירושלמי:** כתובות יח
**תוספתא:** סנהדרין יד
**נ״ך:** זכריה ב-ג
**רמב״ם:** מכירה כח

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:25 | נץ החמה | 5:38 |
| סו״ז קר״ש - מג״א | 8:43 | סו״ז קר״ש - גר״א | 9:19 |
| סו״ז תפלה - מג״א | 10:09 | סו״ז תפלה - גר״א | 10:33 |
| שקיעה | 8:25 | צה״כ לשיטת ר״ת | 9:38 |

## 15 Jul – שלישי Tuesday – יט 19

**בבלי:** עבודה זרה כז
**ירושלמי:** כתובות יט
**תוספתא:** מכות א
**נ״ך:** זכריה ד-ה
**רמב״ם:** מכירה כט

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:26 | נץ החמה | 5:39 |
| סו״ז קר״ש - מג״א | 8:43 | סו״ז קר״ש - גר״א | 9:19 |
| סו״ז תפלה - מג״א | 10:09 | סו״ז תפלה - גר״א | 10:33 |
| שקיעה | 8:25 | צה״כ לשיטת ר״ת | 9:38 |

## 16 Jul – רביעי Wednesday – כ 20

**בבלי:** עבודה זרה כח
**ירושלמי:** כתובות כ
**תוספתא:** מכות ב
**נ״ך:** זכריה ו-ז
**רמב״ם:** מכירה ל

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:26 | נץ החמה | 5:39 |
| סו״ז קר״ש - מג״א | 8:44 | סו״ז קר״ש - גר״א | 9:20 |
| סו״ז תפלה - מג״א | 10:10 | סו״ז תפלה - גר״א | 10:34 |
| שקיעה | 8:24 | צה״כ לשיטת ר״ת | 9:37 |

## 17 Jul – חמישי Thursday – כא 21

**בבלי:** עבודה זרה כט
**ירושלמי:** כתובות כא
**תוספתא:** מכות ג
**נ״ך:** זכריה ח-ט
**רמב״ם:** זכיה ומתנה א

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:27 | נץ החמה | 5:40 |
| סו״ז קר״ש - מג״א | 8:44 | סו״ז קר״ש - גר״א | 9:20 |
| סו״ז תפלה - מג״א | 10:10 | סו״ז תפלה - גר״א | 10:34 |
| שקיעה | 8:24 | צה״כ לשיטת ר״ת | 9:37 |

## 18 Jul – ששי Friday – כב 22

**בבלי:** עבודה זרה ל
**ירושלמי:** כתובות כב
**תוספתא:** מכות ד
**נ״ך:** זכריה י-יא
**רמב״ם:** זכיה ומתנה ב

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:28 | נץ החמה | 5:41 |
| סו״ז קר״ש - מג״א | 8:45 | סו״ז קר״ש - גר״א | 9:21 |
| סו״ז תפלה - מג״א | 10:10 | סו״ז תפלה - גר״א | 10:34 |
| שקיעה | 8:23 | צה״כ לשיטת ר״ת | 9:36 |

Candle Lighting **8:05** הדלקת הנרות

## 19 Jul – שב״ק Shabbos – כג 23

הפטרה: דברי ירמיהו

**פינחס, מבה״ח, פרק א**

**בבלי:** עבודה זרה לא
**ירושלמי:** כתובות כג
**תוספתא:** שבועות א
**נ״ך:** זכריה יב-יג
**רמב״ם:** זכיה ומתנה ג

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 4:29 | נץ החמה | 5:42 |
| סו״ז קר״ש - מג״א | 8:45 | סו״ז קר״ש - גר״א | 9:21 |
| סו״ז תפלה - מג״א | 10:11 | סו״ז תפלה - גר״א | 10:35 |
| שקיעה | 8:22 | צה״כ לשיטת ר״ת | 9:35 |

Shabbos Ends **9:35** זמן מוצש״ק

**מברכים חודש אב** המולד: פרייטאג צופרי 42 מינוט און 5 חלקים נאך 10. **ראש חודש:** שב״ק

**מֶען דַארְף מֵקִיל זַיין און גְרִינְגֶער מַאכְן פַאר זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן.** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן י״ט)

אַנְשְׁטָאט צוּ בְּלַייבְּן פַּארְזוֹיעֶרְט מִיט דִי אֵייגֶענֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן נָאר טְרַאכְטְן פוּן דֶעם אַ גַאנְצְן טָאג, דַארְף מֶען עֶנְדֶערְשׁ גֵיין מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן, קְרוֹבִים אוּן בַּאקַאנְטֶע, וֶועלְכֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ אוֹיךְ מִיט זֵייעֶרֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. וֶוען מֶען אִיז מְחַזֵק אַ צְוֵוייטְן, מֶען שְׁטַארְקְט אַ צְוֵוייטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אִין זַיינֶע שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים, וַוייל אַלֶעס אִיז זִיכֶער צוּם גוּטְן, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז מְחַזֵק אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וֶוערְט מֶען אַלֵיין אוֹיךְ גֶעשְׁטַארְקְט.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה צוּ שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד אַז עֶר זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַוֶועקְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז דֶעמָאלְט וֶועט עֶר וֶוערְן פְרֵייליךְ, נָאר פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, עֶר זָאל נָאךְ מֶער לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ק"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ל"ב, א') "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָל", ווּאוֹיל אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט אַרַיין שֵׂכֶל אִין אַן אָרִימַאן. וֶוער אִיז אַן אָרִימַאן? נִישְׁט דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיז אַן אָרִימַאן, דֶער עִיקָר אָרִימְקֵייט אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען לוֹיפְן וֶוען מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּגֶעבְּן דֶעם שֵׂכֶל אִין אַן אָרִימַאן, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ.

חֲזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט אִיוֹב, תתקי"ח) אַז וֶוען נִישְׁט דֶעם וָואס אִיוֹב הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אוּן גֶעהַאט טַעֲנוֹת קֶעגְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע יִסוּרִים, וָואלְט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט "אֱלֹקֵי אַבְרָהָם, אֱלֹקֵי יִצְחָק, וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב", וָואלְט מֶען אוֹיךְ גֶעזָאגְט "אֱלֹקֵי אִיוֹב". אִיוֹב אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען אוֹיף אִים יִסוּרִים, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט קֶעגְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר פַּארְלוֹירְן דִי זְכִיָה צוּ קֶענֶען זַיין דֶער פֶערְטֶער פוּס פוּן דִי מֶרְכָּבָה. אַנְשְׁטָאט אִים אִיז גֶעקוּמֶען דָוִד הַמֶלֶךְ, וָואס מֶען עֶנְדִיגְט מִיט אִים דִי בְּרָכָה "מָגֵן דָוִד". וַוייל דָוִד הַמֶלֶךְ אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען פִילֶע צָרוֹת זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ יָא דֶערְהַאלְטְן, עֶר אִיז נָאר גֶעקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶעס מָאל אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּ אִים, אוּן נִישְׁט נָאר וָואס עֶר אַלֵיין הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, נָאר עֶר הָאט נָאךְ אוֹיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן פְרֵייליךְ גֶעמַאכְט אַלֶע אִידְן, אוּן עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיין סֵפֶר תְּהִלִּים וָואס בִּיז הַיינְט וֶוען אַ אִיד הָאט אַ צָרָה נֶעמְט עֶר דֶעם תְּהִלִּימ'ל אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס דֶערְמִיט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## 20 Jul · ראשון Sunday · כד 24

**בבלי:** עבודה זרה לב
**ירושלמי:** כתובות כד
**תוספתא:** שבועות ב
**נ"ך:** זכריה יד - מלאכי א
**רמב"ם:** זכיה ומתנה ד

עלות השחר 4:30 · נץ החמה 5:43
סו"ז קר"ש - מג"א 8:46 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:22
סו"ז תפלה - מג"א 10:11 · סו"ז תפלה - גר"א 10:35
שקיעה 8:21 · צה"כ לשיטת ר"ת 9:34

## 21 Jul · שני Monday · כה 25

**בבלי:** עבודה זרה לג
**ירושלמי:** כתובות כה
**תוספתא:** שבועות ג
**נ"ך:** מלאכי ב-ג
**רמב"ם:** זכיה ומתנה ה

עלות השחר 4:31 · נץ החמה 5:44
סו"ז קר"ש - מג"א 8:46 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:22
סו"ז תפלה - מג"א 10:11 · סו"ז תפלה - גר"א 10:35
שקיעה 8:21 · צה"כ לשיטת ר"ת 9:34

## 22 Jul · שלישי Tuesday · כו 26

**בבלי:** עבודה זרה לד
**ירושלמי:** כתובות כו
**תוספתא:** שבועות ד
**נ"ך:** משלי א-ב
**רמב"ם:** זכיה ומתנה ו

עלות השחר 4:31 · נץ החמה 5:44
סו"ז קר"ש - מג"א 8:47 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:23
סו"ז תפלה - מג"א 10:12 · סו"ז תפלה - גר"א 10:36
שקיעה 8:20 · צה"כ לשיטת ר"ת 9:33

## 23 Jul · רביעי Wednesday · כז 27

**בבלי:** עבודה זרה לה
**ירושלמי:** כתובות כז
**תוספתא:** שבועות ה
**נ"ך:** משלי ג-ד
**רמב"ם:** זכיה ומתנה ז

עלות השחר 4:32 · נץ החמה 5:45
סו"ז קר"ש - מג"א 8:47 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:23
סו"ז תפלה - מג"א 10:12 · סו"ז תפלה - גר"א 10:36
שקיעה 8:19 · צה"כ לשיטת ר"ת 9:32

## 24 Jul · חמישי Thursday · כח 28

**בבלי:** עבודה זרה לו
**ירושלמי:** כתובות כח
**תוספתא:** שבועות ו
**נ"ך:** משלי ה-ו
**רמב"ם:** זכיה ומתנה ח

**יום כיפור קטן מוקדם**

עלות השחר 4:33 · נץ החמה 5:46
סו"ז קר"ש - מג"א 8:47 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:23
סו"ז תפלה - מג"א 10:12 · סו"ז תפלה - גר"א 10:36
שקיעה 8:18 · צה"כ לשיטת ר"ת 9:31

## 25 Jul · ששי Friday · כט 29

**בבלי:** עבודה זרה לז
**ירושלמי:** כתובות כט
**תוספתא:** עדיות א
**נ"ך:** משלי ז-ח
**רמב"ם:** זכיה ומתנה ט

עלות השחר 4:34 · נץ החמה 5:47
סו"ז קר"ש - מג"א 8:48 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:24
סו"ז תפלה - מג"א 10:12 · סו"ז תפלה - גר"א 10:36
שקיעה 8:17 · צה"כ לשיטת ר"ת 9:30

Candle Lighting **7:59** הדלקת הנרות

## 26 Jul · שב"ק Shabbos · א 1

הפטרה: שמעו דבר ד'

**בבלי:** עבודה זרה לח
**ירושלמי:** כתובות ל
**תוספתא:** עדיות ב
**נ"ך:** משלי ט-י
**רמב"ם:** זכיה ומתנה י

**מטות - מסעי, ראש חודש מנחם אב, פרק ב** · Rosh Chodesh Av

עלות השחר 4:35 · נץ החמה 5:48
סו"ז קר"ש - מג"א 8:48 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:24
סו"ז תפלה - מג"א 10:13 · סו"ז תפלה - גר"א 10:37
שקיעה 8:16 · צה"כ לשיטת ר"ת 9:29

Shabbos Ends **9:29** זמן מוצש"ק

---

דָאס זָאגְן תְּהִלִים אִיז מְסוּגָל צוּ בְּרֶענְגֶען רֶעגְן. "תְּהִלִים" אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן לִ'מְטַר הַ'שָּׁמַיִם תִּ'שְׁתֶּה מָ'יִם. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת סְגוּלָה סִימָן ד')

דֶער שַׁבָּת פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שַׁבָּת חֲזוֹן. אִין סֵפֶר 'שַׁעַר הַמֶּלֶךְ' וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "חֲזוֹן" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חַ'צִי זַ'עַם וְ'חַצִי נֶ'חָמָה. דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס טַאקֶע אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע צַייט, מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז אוֹיךְ דָא אַ נֶחָמָה, אַ טְרֵייסְט, אַז דִי טֶעג וֶועלְן נָאךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ פְרֵיילִיכֶע טֶעג, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בְּקָרוֹב וֶועלְן דִי טֶעג וֶוערְן אַ יוֹם טוֹב.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (מַכּוֹת כ"ד) אַז וֶוען דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶעהְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע חוּרְבָּן אוֹיפְ'ן הַר הַבַּיִת הָאבְּן זֵיי גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט, אָבֶּער רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעלַאכְט. הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס לַאכְסְטוּ?", הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעזָאגְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ זֶעה אַז דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי נְבוּאָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק מְקוּיָּם גֶעוָוארְן, אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, גְלֵייבּ אִיךְ אַז דִי צְוֵוייטֶע הֶעלְפְט נְבוּאָה וֶועט אוֹיךְ מְקוּיָּם וֶוערְן, אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, אוּן דִי אִידְן וֶועלְן נָאךְ אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן".

דִי צַדִּיקִים קוּקְן אוֹיף דִי פְּנִימִיּוּת פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ יֶעצְט זֶעט אַלֶעס אוֹיס אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, אָבֶּער צוּם סוֹף וֶועלְן דִי טֶעג אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ יָמִים טוֹבִים, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

דֶערְפַאר וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנ"ב) אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן תִּשְׁעָה בְּאָב וַוייל תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מוֹעֵד" - אַ יוֹם טוֹב. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, אִיז עֶס דֶען אַ יוֹם טוֹב? פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מֶען טְרוֹיעֶרְט דָאךְ אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, מֶען טוּט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵילוּת אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען עֶס אָנְרוּפְן אַ יוֹם טוֹב?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז בִּפְנִימִיּוּת זֶענֶען דִי טֶעג פְרֵיילִיכֶע טֶעג, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ נִיגוּן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי מֶען לֵיינְט פּוּרִים דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר פְרֵיילִיכֶערְהֵייט. אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט זֶענֶען מִיר נָאךְ אִין גָלוּת, אוּן מֶען דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת, טָאר מֶען אָבֶּער נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִי גְאוּלָה הָעֲתִידָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נָאךְ אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב.

| Date | Day | | Study | Zmanim | |
|---|---|---|---|---|---|
| 27 Jul | ראשון Sunday | ב 2 | **בבלי:** עבודה זרה לט<br>**ירושלמי:** כתובות לא<br>**תוספתא:** עדיות ג<br>**נ"ך:** משלי יא-יב<br>**רמב"ם:** זכיה ומתנה יא | נץ החמה 5:49<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:25<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:37<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:28 | עלות השחר 4:36<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:49<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:13<br>שקיעה 8:15 |
| 28 Jul | שני Monday | ג 3 | **בבלי:** עבודה זרה מ<br>**ירושלמי:** כתובות לב<br>**תוספתא:** עבודה זרה א<br>**נ"ך:** משלי יג-יד<br>**רמב"ם:** זכיה ומתנה יב | נץ החמה 5:50<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:25<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:37<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:27 | עלות השחר 4:37<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:49<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:13<br>שקיעה 8:14 |
| 29 Jul | שלישי Tuesday | ד 4 | **בבלי:** עבודה זרה מא<br>**ירושלמי:** כתובות לג<br>**תוספתא:** עבודה זרה ב<br>**נ"ך:** משלי טו-טז<br>**רמב"ם:** שכנים א | נץ החמה 5:51<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:26<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:38<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:26 | עלות השחר 4:38<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:50<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:14<br>שקיעה 8:13 |
| 30 Jul | רביעי Wednesday | ה 5 | **בבלי:** עבודה זרה מב<br>**ירושלמי:** כתובות לד<br>**תוספתא:** עבודה זרה ג<br>**נ"ך:** משלי יז-יח<br>**רמב"ם:** שכנים ב | נץ החמה 5:52<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:26<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:38<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:25 | עלות השחר 4:39<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:50<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:14<br>שקיעה 8:12 |
| 31 Jul | חמישי Thursday | ו 6 | **בבלי:** עבודה זרה מג<br>**ירושלמי:** כתובות לה<br>**תוספתא:** עבודה זרה ד<br>**נ"ך:** משלי יט-כ<br>**רמב"ם:** שכנים ג | נץ החמה 5:53<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:27<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:38<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:24 | עלות השחר 4:40<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:51<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:14<br>שקיעה 8:11 |
| 1 Aug | ששי Friday<br>Candle Lighting 7:52 הדלקת הנרות | ז 7 | **בבלי:** עבודה זרה מד<br>**ירושלמי:** כתובות לו<br>**תוספתא:** עבודה זרה ה<br>**נ"ך:** משלי כא-כב<br>**רמב"ם:** שכנים ד | נץ החמה 5:54<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:27<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:38<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:23 | עלות השחר 4:41<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:51<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:14<br>שקיעה 8:10 |
| 2 Aug | הפטרה: חזון ישעי'<br>שב"ק Shabbos<br>Shabbos Ends 9:22 זמן מוצש"ק | ח 8 | **בבלי:** עבודה זרה מה<br>**ירושלמי:** כתובות לז<br>**תוספתא:** עבודה זרה ו<br>**נ"ך:** משלי כג-כד<br>**רמב"ם:** שכנים ה | Shabbos Chazon<br>נץ החמה 5:55<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:27<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:39<br>צה"כ לשיטת ר"ת 9:22 | דברים, חזון<br>עלות השחר 4:42<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:51<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:15<br>שקיעה 8:09 |

דורך תּיקון חֲצוֹת דערמאנט מען פארן אייבערשטן די טוֹבוֹת וואס ער האט צוגעזאגט צו טון פאר די אידן. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִלָּה סִימָן נ"ח)

װען מען זאָגט מגילת איכה דאַרף מען אויסטײַטשן די פּסוקים אויף זיך אַליין. אַזוי ווי דער רבי זאָגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סימן ק"א) אַז ווען מען זאָגט תהלים, תחינות, אָדער תיקון חצות זאָל מען אויסטײַטשן אַלע פּסוקים אויף זיך אַליין, די אַלע מלחמות וואָס שטייט אין תהלים, די אַלע שׂונאים וואָס דוד המלך רעדט זיך אָפּ וועגן זיי אין תהלים, דאָס גייט אַרויף אויף די אייגענע מלחמות וואָס יעדער מענטש האָט מיט זײַן יצר הרע, וואָס ער איז דער גרעסטער פײַנט פון אַ מענטש, ער וויל נאָר הרג'ענען דעם מענטש ברוחניות ובגשמיות, און אויף דעם בעט מען אין תהלים אַז דער אייבערשטער זאָל אונז ראַטעווען פון דעם יצר הרע און אַלע שלעכטע זאַכן.

די זעלבע איז מיט מגילת איכה. מען דאַרף בעיקר טרויערן אויף די אייגענע חורבן אַז מען האָט נאָכנישט זוכה געווען צו זײַן אַן ערליכער איד, וואָס דורך דעם האַלט מען צוריק דעם בית המקדש פון ווערן אויפגעבויעט, יעדער איד דאַרף בעטן דעם אייבערשטן אַז פון זײַן זײַט זאָל ער נישט שטערן דאָס אויפבוי פון דעם בית המקדש, אַז זײַנע מעשׂים זאָלן נישט צוריק האַלטן די גאולה און דעם בנין בית המקדש במהרה.

מוצאי תשעה באב פּירט מען זיך אַז מען איז מקדש די לבנה. דער אר"י הקדוש שרײַבט אויף דעם (פּרי עץ חיים, אחר סוד כוונת ת"ב) אַז דאָס איז זייער אַ גרויסע זאַך צו מקדש זײַן די לבנה מוצאי תשעה באב.

דער ענין דערפון איז, אַזוי ווי מען זעט בײַ די לבנה אַז דוקא ווען זי ווערט שוין זייער קליין ביז מען זעט עס שוין אינגאַנצן נישט, דוקא דעמאָלט טוט זי זיך באַנײַען, און הייבט אָן צו ווערן צוריק גרעסער. די זעלבע איז אויך יעצט, דוקא נאָך תשעה באב ווען מען האָט אַזוי שטאַרק געטרויערט אויפן חורבן, דעמאָלט איז די צײַט זיך צוריק אויפצוהייבן און אָנהייבן פון פריש צו דינען דעם אייבערשטן און זײַן וואויל און ערליך. און דערפאַר איז מוצאי תשעה באב די פּאַסיגסטע צײַט צו מחדש זײַן די לבנה.

| Date | Day | | Learning | Zmanim |
|---|---|---|---|---|
| 3 Aug | ראשון Sunday | ט 9 | **בבלי:** עבודה זרה מו<br>**ירושלמי:** -<br>**תוספתא:** עבודה זרה ז<br>**נ"ך:** משלי כה-כו<br>**רמב"ם:** שכנים ו | **תענית תשעה באב** Fast of Tisha B'Av<br>עלות השחר 4:43 · נץ החמה 5:56<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:52 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:28<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:15 · סו"ז תפלה - גר"א 10:39<br>שקיעה 8:08 · צה"כ לשיטת ר"ת 9:21 |
| 4 Aug | שני Monday | י 10 | **בבלי:** עבודה זרה מז<br>**ירושלמי:** כתובות לח<br>**תוספתא:** עבודה זרה ח<br>**נ"ך:** משלי כז-כח<br>**רמב"ם:** שכנים ז | עלות השחר 4:44 · נץ החמה 5:57<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:52 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:28<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:15 · סו"ז תפלה - גר"א 10:39<br>שקיעה 8:07 · צה"כ לשיטת ר"ת 9:20 |
| 5 Aug | שלישי Tuesday | יא 11 | **בבלי:** עבודה זרה מח<br>**ירושלמי:** כתובות לט<br>**תוספתא:** עבודה זרה ט<br>**נ"ך:** משלי כט-ל<br>**רמב"ם:** שכנים ח | עלות השחר 4:44 · נץ החמה 5:57<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:53 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:29<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:16 · סו"ז תפלה - גר"א 10:40<br>שקיעה 8:06 · צה"כ לשיטת ר"ת 9:19 |
| 6 Aug | רביעי Wednesday | יב 12 | **בבלי:** עבודה זרה מט<br>**ירושלמי:** כתובות מ<br>**תוספתא:** הוריות א<br>**נ"ך:** משלי לא - איוב א<br>**רמב"ם:** שכנים ט | עלות השחר 4:45 · נץ החמה 5:58<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:53 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:29<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:16 · סו"ז תפלה - גר"א 10:40<br>שקיעה 8:04 · צה"כ לשיטת ר"ת 9:17 |
| 7 Aug | חמישי Thursday | יג 13 | **בבלי:** עבודה זרה נ<br>**ירושלמי:** כתובות מא<br>**תוספתא:** הוריות ב<br>**נ"ך:** איוב ב-ג<br>**רמב"ם:** שכנים י | עלות השחר 4:46 · נץ החמה 5:59<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:54 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:30<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:16 · סו"ז תפלה - גר"א 10:40<br>שקיעה 8:03 · צה"כ לשיטת ר"ת 9:16 |
| 8 Aug | ששי Friday<br>Candle Lighting **7:44** הדלקת הנרות | יד 14 | **בבלי:** עבודה זרה נא<br>**ירושלמי:** כתובות מב<br>**תוספתא:** קרבנות א<br>**נ"ך:** איוב ד-ה<br>**רמב"ם:** שכנים יא | עלות השחר 4:47 · נץ החמה 6:00<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:54 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:30<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:16 · סו"ז תפלה - גר"א 10:40<br>שקיעה 8:02 · צה"כ לשיטת ר"ת 9:15 |
| 9 Aug | הפטרה: נחמו נחמו עמי<br>שב"ק Shabbos<br>Shabbos Ends **9:14** זמן מוצש"ק | טו 15 | **בבלי:** עבודה זרה נב<br>**ירושלמי:** כתובות מג<br>**תוספתא:** קרבנות ב<br>**נ"ך:** איוב ו-ז<br>**רמב"ם:** שכנים יב | **ואתחנן, נחמו, חמשה עשר באב, פרק ג** Shabbos Nachamu<br>עלות השחר 4:48 · נץ החמה 6:01<br>סו"ז קר"ש - מג"א 8:54 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:30<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:16 · סו"ז תפלה - גר"א 10:40<br>שקיעה 8:01 · צה"כ לשיטת ר"ת 9:14 |

וֶוער עֶס וֵוייְנְט בַּייְנַאכְט וֶוערְט זַיין קוֹל שְׁטַארְק גֶעהֶערְט, אוּן דִי שְׁטֶערְנְס אוּן דִי מַזָּלוֹת וֵוייְנֶען מִיט מִיט אִים. (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן י"ב)

עס איז אַמָאל געקומען אַ איד צום הייליגן חזון איש זצ"ל, און געוויינט אַז ער קומט יעצט פונעם דאָקטער, און דער דאָקטער זאָגט אַז מען האט געפינען ביי אים אַ געפערליכע קרענק און ער האט נישט מער ווי פיר טעג צו לעבן.

דער חזון איש זצ"ל האט געעפנט אַ חומש בראשית און אָנגעהויבן ליינען די פסוקים פון מעשה בראשית וואס דער אייבערשטער האט באַשאַפן די ערשטע טאָג "ויהי ערב ויהי בקר יום אחד".. און אַזוי ווייטער וואס דער אייבערשטער האט באַשאַפן די צווייטע טאָג און די דריטע טאָג און די פערטע טאָג "ויעש אלהים את שני המארת הגדלים".. "ויהי ערב ויהי בקר יום רביעי".. און דער חזון איש האט אויסגעפירט און געזאָגט פאַר דעם איד: "קוק וואס דער אייבערשטער האט אַלץ באַשאַפן אין פיר טעג. די הימל און ערד, הימלען, ימים און יבשה, גראָז מיטביימער, די זון און די לבנה מיט די שטערנס. און דו דערשרעקסט זיך נאָך פון דעם וואס דער דאָקטער געבט דיר נאָר פיר טעג צו לעבן?! דו ווייסט וואס דער אייבערשטער קען נאָך טוישן אין די פיר טעג?"

"איך וואלט דיר געראָטן" - האָט אים דער חזון איש געזאָגט - "אַז דו זאלסט זיך גוט אויסוויינען צום אייבערשטן, זאָלסט אים בעטן אַ גאַנצע רפואה, און דו וועסט נאָך זען ווי דו וועסט האָבן אריכת ימים ושנים געזונטערהייט".

דער איד האָט אַזוי געטון, ער האָט געטראָפן עפעס אַ ליידיגע שול, ער האָט זיך דאָרט גוט אויסגעוויינט צום אייבערשטן, און ער האָט טאַקע גע'פועל'ט אַ ישועה, ער איז געזונט געוואָרן און ער האָט נאָך געלעבט נאָכדעם צען יאָר געזונט און פריש.

דער יצר הרע האָט ליב צו צוברעכן דעם מוט פונעם מענטש, אַז דער מענטש זאָל זיך שפירן קליין, ער זאָל טראַכטן אַז ער איז דאָך נישט מער ווי אַ פשוטער איד, ווי אַזוי וועט ער קענען פועל'ן גרויסע זאַכן?

דער אמת איז אָבער אַז מיר האָבן אין זיך געוואַלדיגע מורא'דיגע כוחות, און מיר קענען בלויז מיט די מויל אויפטון גאָר גרויסע זאַכן. ווען מיר זאָלן זיך שטאַרקן און ווייסן אונזערע כוחות און בעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע זאַך וואס מיר דאַרפן, וואלטן מיר געקענט אויס'פועל'ן גאָר גרויסע ישועות.

## 10 Aug — Sunday — ראשון — טז (16)

| | |
|---|---|
| **בבלי:** עבודה זרה נג | עלות השחר 4:49 |
| **ירושלמי:** כתובות מד | סו"ז קר"ש - מג"א 8:55 |
| **תוספתא:** קרבנות ג | סו"ז תפלה - מג"א 10:17 |
| **נ"ך:** איוב ח-ט | שקיעה 7:59 |
| **רמב"ם:** שכנים יג | נץ החמה 6:02 |
| | סו"ז קר"ש - גר"א 9:31 |
| | סו"ז תפלה - גר"א 10:41 |
| | צה"כ לשיטת ר"ת 9:12 |

## 11 Aug — Monday — שני — יז (17)

| | |
|---|---|
| **בבלי:** עבודה זרה נד | עלות השחר 4:50 |
| **ירושלמי:** כתובות מה | סו"ז קר"ש - מג"א 8:55 |
| **תוספתא:** קרבנות ד | סו"ז תפלה - מג"א 10:17 |
| **נ"ך:** איוב י-יא | שקיעה 7:58 |
| **רמב"ם:** שכנים יד | נץ החמה 6:03 |
| | סו"ז קר"ש - גר"א 9:31 |
| | סו"ז תפלה - גר"א 10:41 |
| | צה"כ לשיטת ר"ת 9:11 |

## 12 Aug — Tuesday — שלישי — יח (18)

| | |
|---|---|
| **בבלי:** עבודה זרה נה | עלות השחר 4:51 |
| **ירושלמי:** כתובות מו | סו"ז קר"ש - מג"א 8:56 |
| **תוספתא:** קרבנות ה | סו"ז תפלה - מג"א 10:17 |
| **נ"ך:** איוב יב-יג | שקיעה 7:57 |
| **רמב"ם:** שלוחין ושתפין א | נץ החמה 6:04 |
| | סו"ז קר"ש - גר"א 9:32 |
| | סו"ז תפלה - גר"א 10:41 |
| | צה"כ לשיטת ר"ת 9:10 |

## 13 Aug — Wednesday — רביעי — יט (19)

| | |
|---|---|
| **בבלי:** עבודה זרה נו | עלות השחר 4:52 |
| **ירושלמי:** כתובות מז | סו"ז קר"ש - מג"א 8:56 |
| **תוספתא:** קרבנות ו | סו"ז תפלה - מג"א 10:17 |
| **נ"ך:** איוב יד-טו | שקיעה 7:55 |
| **רמב"ם:** שלוחין ושתפין ב | נץ החמה 6:05 |
| | סו"ז קר"ש - גר"א 9:32 |
| | סו"ז תפלה - גר"א 10:41 |
| | צה"כ לשיטת ר"ת 9:08 |

## 14 Aug — Thursday — חמישי — כ (20)

| | |
|---|---|
| **בבלי:** עבודה זרה נז | עלות השחר 4:53 |
| **ירושלמי:** כתובות מח | סו"ז קר"ש - מג"א 8:56 |
| **תוספתא:** קרבנות ז | סו"ז תפלה - מג"א 10:18 |
| **נ"ך:** איוב טז-יז | שקיעה 7:54 |
| **רמב"ם:** שלוחין ושתפין ג | נץ החמה 6:06 |
| | סו"ז קר"ש - גר"א 9:32 |
| | סו"ז תפלה - גר"א 10:42 |
| | צה"כ לשיטת ר"ת 9:07 |

## 15 Aug — Friday — ששי — כא (21)

| | |
|---|---|
| **בבלי:** עבודה זרה נח | עלות השחר 4:54 |
| **ירושלמי:** כתובות מט | סו"ז קר"ש - מג"א 8:57 |
| **תוספתא:** קרבנות ח | סו"ז תפלה - מג"א 10:18 |
| **נ"ך:** איוב יח-יט | שקיעה 7:53 |
| **רמב"ם:** שלוחין ושתפין ד | נץ החמה 6:07 |
| | סו"ז קר"ש - גר"א 9:33 |
| | סו"ז תפלה - גר"א 10:42 |
| | צה"כ לשיטת ר"ת 9:06 |

Candle Lighting **7:35** הדלקת הנרות

## 16 Aug — Shabbos — שב"ק — כב (22)

הפטרה: ותאמר ציון

עקב, פרק ד

| | |
|---|---|
| **בבלי:** עבודה זרה נט | עלות השחר 4:55 |
| **ירושלמי:** כתובות נ | סו"ז קר"ש - מג"א 8:57 |
| **תוספתא:** קרבנות ט | סו"ז תפלה - מג"א 10:18 |
| **נ"ך:** איוב כ-כא | שקיעה 7:51 |
| **רמב"ם:** שלוחין ושתפין ה | נץ החמה 6:08 |
| | סו"ז קר"ש - גר"א 9:33 |
| | סו"ז תפלה - גר"א 10:42 |
| | צה"כ לשיטת ר"ת 9:04 |

Shabbos Ends **9:04** זמן מוצש"ק

---

וֶוער עֶס הָאט לִיבּ אַ צַדִיק, דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז סְ'זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף דֶעם צַדִיק. (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת צַדִיק סִימָן ס"ט)

עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס פְרֶעגְן: "פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ? מִיר הָאבְּן דָאךְ דִי בַּאשְׁטִימְטֶע דְרֵיי תְּפִלּוֹת, שַׁחְרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, וָואס מִיר דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶען דָאס נִישְׁט גֶענוּג?"

זָאגְט דֶער רֶבִּי אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל, אַזוֹי וִוי מֶען פְלֶעגְט אַמָאל פָארְן מִיט אַ פֶערְד אוּן וָואגְן דוּרְךְ אַ וַואלְד, אִיז גֶעוֶוען אַ הוֹיפְּט וֶועג וואוּ יֶעדֶער פְלֶעגְט דָארְט פָארְן, אָבֶּער דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ סַכָּנָה צוּ פָארְן, וַוייל עֶס פְלֶעגְן זַיין רוֹיבֶּערְס אוּן גַזְלָנִים וָואס הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, זֵיי פְלֶעגְן וַוארְטְן אוֹיף אַ גֶעלֶעגֶנְהֵייט וֶוען עֶס וֶועט דוּרְכְפָארְן אַ וָואגְן, אוּן דַאן זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֶעטַאנְצְן פוּן זֵייעֶר בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אוּן אָנְגֶעפַאלְן אוֹיף דִי אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי בַּארוֹיבְּט אָן רַחֲמָנוּת. אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען קְלוּגֶע בַּעֲלֵי עֲגָלוֹת וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט אַן אֵייגֶענֶעם וֶועג אִין וַואלְד, אַנְשְׁטָאט צוּ פָארְן אוֹיף דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע וֶועג, הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַן אֵייגֶענֶע אוּמְוֶועג צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, אוּן דָארְט זֶענֶען נִישְׁטָא קַיין רוֹיבֶּערְס, וַוייל זֵיי וֵוייסְן דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּ זָאגְן פוּן דֶעם נֵייעֶם וֶועג, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט דוּרְכְפָארְן דֶעם וַואלְד רוּאִיגֶערְהֵייט אָן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.

זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן צ"ו) אַז דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיטְ'ן דַאוֶוענֶען. יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג דִי בַּאשְׁטִימְטֶע דְרֵיי תְּפִלּוֹת, מֶען דַארְף אָבֶּער הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים צוּ קֶענֶען דוּרְכְגֵיין דִי תְּפִלּוֹת בְּשָׁלוֹם, אַז מֶען זָאל טַאקֶע אִינְזִין הָאבְּן וָואס מֶען זָאגְט אוּן אוֹיסְנוּצְן דָאס דַאוֶוענֶען זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַנְשְׁטָאט דֶעם קוּמֶען דִי רוֹיבֶּערְס, דִי קְלִפּוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן זֵיי בַּאפַאלְן דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיים דַאוֶוענֶען, זֵיי מַאכְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פַארְ'חָלוֹמְ'ן אוּן טְרַאכְטְן פוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר נִישְׁט פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר זָאגְט, אוּן אַזוֹי פְלִיט דוּרְךְ דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען אָן דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אֲפִילוּ וָואס עֶר הָאט דָא גֶעזָאגְט.

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶּער קְלוּג, מַאכְט עֶר זִיךְ זַיין אֵייגֶענֶע וֶועג. אוֹיסֶער דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת טְרֶעפְט עֶר זִיךְ נָאךְ אַבִּיסְל צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן הַארְץ אַרוֹיס אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. דָארְט מוּז עֶר דָאךְ שׁוֹין אִינְזִין הָאבְּן וַוייל דָאס זֶענֶען זַיינֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וִוי מֶער מֶען טוּט דָאס, וִוי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַלְץ וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ צוּבִּיסְלֶעךְ מֶער אוּן מֶער אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט אוּן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, דָאס נֶעמְט אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטְס, עֶר בַּאקוּמְט אַ רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע מֹחַ, אוּן נָאכְדֶעם קֶען עֶר שׁוֹין אִינְזִין הָאבְּן אוֹיךְ בַּיי דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע תְּפִלּוֹת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

| Date | Day | | Learning | Zmanim | |
|---|---|---|---|---|---|
| 17 Aug | ראשון Sunday | כג 23 | **בבלי:** עבודה זרה ס<br>**ירושלמי:** כתובות נא<br>**תוספתא:** קרבנות י<br>**נ״ך:** איוב כב-כג<br>**רמב״ם:** שלוחין ושתפין ו | נץ החמה........6:09<br>סו״ז קר״ש - גר״א....9:34<br>סו״ז תפלה - גר״א..10:42<br>צה״כ לשיטת ר״ת.....9:03 | עלות השחר.......4:56<br>סו״ז קר״ש - מג״א...8:58<br>סו״ז תפלה - מג״א . 10:18<br>שקיעה........7:50 |
| 18 Aug | שני Monday | כד 24 | **בבלי:** עבודה זרה סא<br>**ירושלמי:** כתובות נב<br>**תוספתא:** קרבנות יא<br>**נ״ך:** איוב כד-כה<br>**רמב״ם:** שלוחין ושתפין ז | נץ החמה........6:10<br>סו״ז קר״ש - גר״א....9:34<br>סו״ז תפלה - גר״א..10:42<br>צה״כ לשיטת ר״ת.....9:01 | עלות השחר.......4:57<br>סו״ז קר״ש - מג״א...8:58<br>סו״ז תפלה - מג״א . 10:18<br>שקיעה........7:48 |
| 19 Aug | שלישי Tuesday | כה 25 | **בבלי:** עבודה זרה סב<br>**ירושלמי:** כתובות נג<br>**תוספתא:** קרבנות יב<br>**נ״ך:** איוב כו-כז<br>**רמב״ם:** שלוחין ושתפין ח | נץ החמה........6:11<br>סו״ז קר״ש - גר״א....9:34<br>סו״ז תפלה - גר״א..10:42<br>צה״כ לשיטת ר״ת.....9:00 | עלות השחר.......4:58<br>סו״ז קר״ש - מג״א...8:58<br>סו״ז תפלה - מג״א . 10:18<br>שקיעה........7:47 |
| 20 Aug | רביעי Wednesday | כו 26 | **בבלי:** עבודה זרה סג<br>**ירושלמי:** כתובות נד<br>**תוספתא:** קרבנות יג<br>**נ״ך:** איוב כח-כט<br>**רמב״ם:** שלוחין ושתפין ט | נץ החמה........6:12<br>סו״ז קר״ש - גר״א....9:35<br>סו״ז תפלה - גר״א..10:43<br>צה״כ לשיטת ר״ת.....8:59 | עלות השחר.......4:59<br>סו״ז קר״ש - מג״א...8:59<br>סו״ז תפלה - מג״א . 10:19<br>שקיעה........7:46 |
| 21 Aug | חמישי Thursday | כז 27 | **בבלי:** עבודה זרה סד<br>**ירושלמי:** כתובות נה<br>**תוספתא:** מנחות א<br>**נ״ך:** איוב ל-לא<br>**רמב״ם:** שלוחין ושתפין י | **יום כיפור קטן מוקדם**<br>נץ החמה........6:13<br>סו״ז קר״ש - גר״א....9:35<br>סו״ז תפלה - גר״א..10:43<br>צה״כ לשיטת ר״ת.....8:57 | עלות השחר.......5:00<br>סו״ז קר״ש - מג״א...8:59<br>סו״ז תפלה - מג״א . 10:19<br>שקיעה........7:44 |
| 22 Aug | ששי Friday<br>הדלקת הנרות 7:25 Candle Lighting | כח 28 | **בבלי:** עבודה זרה סה<br>**ירושלמי:** כתובות נו<br>**תוספתא:** מנחות ב<br>**נ״ך:** איוב לב-לג<br>**רמב״ם:** עבדים א | נץ החמה........6:14<br>סו״ז קר״ש - גר״א....9:35<br>סו״ז תפלה - גר״א..10:43<br>צה״כ לשיטת ר״ת.....8:56 | עלות השחר.......5:01<br>סו״ז קר״ש - מג״א...8:59<br>סו״ז תפלה - מג״א . 10:19<br>שקיעה........7:43 |
| 23 Aug | הפטרה: עני׳ סוערה<br>שב״ק Shabbos<br>זמן מוצש״ק 8:54 Shabbos Ends | כט 29 | **בבלי:** עבודה זרה סו<br>**ירושלמי:** כתובות נז<br>**תוספתא:** מנחות ג<br>**נ״ך:** איוב לד-לה<br>**רמב״ם:** עבדים ב | **ראה, מבה״ח, פרק ה**<br>נץ החמה........6:15<br>סו״ז קר״ש - גר״א....9:36<br>סו״ז תפלה - גר״א..10:43<br>צה״כ לשיטת ר״ת.....8:54 | עלות השחר.......5:02<br>סו״ז קר״ש - מג״א...9:00<br>סו״ז תפלה - מג״א . 10:19<br>שקיעה........7:41 |

**מברכים חודש אלול** המולד: מוצש״ק 26 מינוט און 6 חלקים נאך 11. **ראש חודש:** ראשון ולמחרתו ביום השני

**וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מִתְפַּלֵל בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים, הֶעלְפְּט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט זִיךְ אִים נִישְׁט.** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִיק סִימָן קע״ג)

עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אַ טַייטְשׁ אוֹיפְ׳ן פָּסוּק "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים", אַז מֶען זָאל נִשְׁט מַאכְן קַיין גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס טָאר מֶען נִשְׁט זָאגְן, אַזַא טֵייעֶרֶע חוֹדֶשׁ וָואס אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלְס אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה אוּן זִיךְ פַּארְבֶּעסֶערְן דִי מַעֲשִׂים, קֶען מֶען עֶס נִשְׁט אַוֶועק מַאכְן מִיט אַ וֶוערְטְל.

אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז דֶער טַייטְשׁ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס גֶעוִויסֶע ווִילְן אַיינְפִירְן אַ נֵייעֶ מִנְהָג אַז מֶען מַאכְט נִשְׁט חֲתוּנָה אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַז מֶען זָאל נִשְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס קֶען שׁוֹין יָא זַיין אֱמֶת, אַזַא מִנְהָג שְׁטֵייט נִשְׁט אִין עֶרְגֶעץ, עֶס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה אוּן קֶעגְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶס וֶוערְט נִשְׁט דֶערְמַאנְט אִין קַיין שׁוּם פּוֹסֵק אַז מֶען זָאל נִשְׁט חֲתוּנָה מַאכְן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, דֶער חוֹדֶשׁ אִיז מְסוּגָל פַּאר אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ פַּאר חֲתוּנָה מַאכְן.

ווּאוֹיל אִיז פַּאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נוּצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַסַאךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אַוַודַאי דַארְף מֶען הִתְחַזְּקוּת אוֹיף דֶעם אוֹיךְ, וַוייל אַסַאךְ מָאל נֶעמְט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ עֶנְדִיגְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט מֶען נִשְׁט אָן עֶס צוּ עֶנְדִיגְן אִינְגַאנְצְן, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִשְׁט גֶעעֶנְדִיגְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען עֶס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִשְׁט גֶעעֶנְדִיגְט בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה קֶען מֶען נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז זֹאת חֲנוּכָּה וָואס אִיז נָאךְ אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אַזוֹי ווִי דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים שְׁרַייבְּן, מֶען טָאר אָבֶּער נִשְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג, אוּן נִשְׁט אָנְבְּרֶענְגֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גוּט וֶועט קוּמֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר פוּל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת.

| Date | Day | Hebrew date | Learning | Zmanim |
|---|---|---|---|---|
| 24 Aug | ראשון Sunday | ל 30 | **בבלי:** עבודה זרה סז<br>**ירושלמי:** כתובות נח<br>**תוספתא:** מנחות ד<br>**נ"ך:** איוב לו-לז<br>**רמב"ם:** עבדים ג | **א' דראש חודש אלול** Rosh Chodesh Elul<br>עלות השחר 5:03 · נץ החמה 6:16<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:00 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:36<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:19 · סו"ז תפלה - גר"א 10:43<br>שקיעה 7:40 · צה"כ לשיטת ר"ת 8:53 |
| 25 Aug | שני Monday | א 1 | **בבלי:** עבודה זרה סח<br>**ירושלמי:** כתובות נט<br>**תוספתא:** מנחות ה<br>**נ"ך:** איוב לח-לט<br>**רמב"ם:** עבדים ד | **ב' דראש חודש אלול** Rosh Chodesh Elul<br>עלות השחר 5:04 · נץ החמה 6:17<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:01 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:37<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:19 · סו"ז תפלה - גר"א 10:43<br>שקיעה 7:38 · צה"כ לשיטת ר"ת 8:51 |
| 26 Aug | שלישי Tuesday | ב 2 | **בבלי:** עבודה זרה סט<br>**ירושלמי:** כתובות ס<br>**תוספתא:** מנחות ו<br>**נ"ך:** איוב מ-מא<br>**רמב"ם:** עבדים ה | עלות השחר 5:05 · נץ החמה 6:18<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:01 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:37<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:19 · סו"ז תפלה - גר"א 10:43<br>שקיעה 7:36 · צה"כ לשיטת ר"ת 8:49 |
| 27 Aug | רביעי Wednesday | ג 3 | **בבלי:** עבודה זרה ע<br>**ירושלמי:** כתובות סא<br>**תוספתא:** מנחות ז<br>**נ"ך:** איוב מב - שיר השירים א<br>**רמב"ם:** עבדים ו | עלות השחר 5:06 · נץ החמה 6:19<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:01 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:37<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:20 · סו"ז תפלה - גר"א 10:44<br>שקיעה 7:35 · צה"כ לשיטת ר"ת 8:48 |
| 28 Aug | חמישי Thursday | ד 4 | **בבלי:** עבודה זרה עא<br>**ירושלמי:** כתובות סב<br>**תוספתא:** מנחות ח<br>**נ"ך:** שיר השירים ב-ג<br>**רמב"ם:** עבדים ז | עלות השחר 5:07 · נץ החמה 6:20<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:02 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:38<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:20 · סו"ז תפלה - גר"א 10:44<br>שקיעה 7:33 · צה"כ לשיטת ר"ת 8:46 |
| 29 Aug | ששי Friday<br>Candle Lighting 7:14 הדלקת הנרות | ה 5 | **בבלי:** עבודה זרה עב<br>**ירושלמי:** כתובות סג<br>**תוספתא:** מנחות ט<br>**נ"ך:** שיר השירים ד-ה<br>**רמב"ם:** עבדים ח | עלות השחר 5:08 · נץ החמה 6:21<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:02 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:38<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:20 · סו"ז תפלה - גר"א 10:44<br>שקיעה 7:32 · צה"כ לשיטת ר"ת 8:45 |
| 30 Aug | הפטרה: אנכי אנכי<br>שב"ק Shabbos<br>Shabbos Ends 8:43 זמן מוצש"ק | ו 6 | **בבלי:** עבודה זרה עג<br>**ירושלמי:** כתובות סד<br>**תוספתא:** מנחות י<br>**נ"ך:** שיר השירים ו-ז<br>**רמב"ם:** עבדים ט | **שופטים, פרק ו**<br>עלות השחר 5:09 · נץ החמה 6:22<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:02 · סו"ז קר"ש - גר"א 9:38<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:20 · סו"ז תפלה - גר"א 10:44<br>שקיעה 7:30 · צה"כ לשיטת ר"ת 8:43 |

"ווען אַ מענטש טוט אַ מִצְוָה, אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאר אַ קְלֵיינֶע מִצְוָה, אוֹיבּ אָבֶער הֶעלְפְּט דָאס אַרוֹיס אַנְדֶערֶע אִידְן, אִיז דָאס פִּילְפַאכִיג מֶער חָשׁוּב וִוי ווען אַ מענטש טוט גָאר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אָבֶער עֶס אִיז נָאר פַאר זִיךְ אַלֵיין."
(סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן נ"ה)

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רכ"ה) אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט דֶערוֹיף צְוֵויי עֵדוּת, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֵבֶר אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה לְעִילוּי נִשְׁמָתוֹ אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים פוּן "תִּיקוּן הַכְּלָלִי", וָואס דָאס זֶענֶען דִי קַאפִּיטְלֶעךְ ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ, וֶועט עֶר זִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט צוּ הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן גֵיהִנוֹם, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְקוּקְן סַיי וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט אוֹיס, אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ פַארְנֶעמֶען פוּן יֶעצְט מֶער נִישְׁט צוּ טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת, וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן גֵיהִנוֹם אוּן אִים הֶעלְפְן!"

וִוי הָאט מֶען נָאךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ צַדִיק, זַייט דִי וֶועלְט שְׁטֵייט, וָואס זָאל צוּזָאגְן אַזַא שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה? אוּן דֶערְפַאר וֶוער עֶס הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אֵיינְמָאל בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן דַארְף עֶר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז עֶר הָאט גֶעהַאט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זְכִיָ', אוּן דֶער רֶבִּי וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן מִיט אַלֶעם.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי זְכִיָ' אוּן פָארְט צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ו): "אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען אִיךְ קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, קֶען אִיךְ זֵיי אָבֶּער הֶעלְפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה". אָבֶּער אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאל כָאטְשׁ זֶען צוּ פָארְן אִינְמִיטְן יָאר, צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע תִּקוּנִים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן, עֶר זָאגְט דָארְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, "דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי", אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קֶען עֶר מַמָשׁ שְׁפִּירְן וִוי דֶער רֶבִּי וַואשְׁט אוֹיס זַיין נְשָׁמָה, אוּן גֶעבְּט אִים צוּרִיק אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה.

אֵיינְמָאל וָואס מֶען הָאט שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט דֶעם טַעַם, מֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן, בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶענִישׁ אוּן תְּשׁוּקָה נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּ גֵיין אַהִין. דָאס וָוארְט "צִיוּן" אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן "צִיעֶן", דֶער צִיוּן פוּן רֶבִּי'ן הָאט גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ הַמוֹשֵׁךְ, עֶס צִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

| Date | Day | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 31 Aug | ראשון Sunday | ז 7 | **בבלי:** עבודה זרה עד<br>**ירושלמי:** כתובות סה<br>**תוספתא:** מנחות יא<br>**נ"ך:** שיר השירים ח - רות א<br>**רמב"ם:** שכירות א | נץ החמה.................6:23<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:39<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:44<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....8:42 | עלות השחר.............5:10<br>סו"ז קר"ש - מג"א...9:03<br>סו"ז תפלה - מג"א.10:20<br>שקיעה.....................7:29 |
| 1 Sep | שני Monday | ח 8 | **בבלי:** עבודה זרה עה<br>**ירושלמי:** כתובות סו<br>**תוספתא:** מנחות יב<br>**נ"ך:** רות ב-ג<br>**רמב"ם:** שכירות ב | נץ החמה.................6:24<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:39<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:44<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....8:40 | עלות השחר.............5:11<br>סו"ז קר"ש - מג"א...9:03<br>סו"ז תפלה - מג"א.10:20<br>שקיעה.....................7:27 |
| 2 Sep | שלישי Tuesday | ט 9 | **בבלי:** עבודה זרה עו<br>**ירושלמי:** כתובות סז<br>**תוספתא:** מנחות יג<br>**נ"ך:** רות ד - איכה א<br>**רמב"ם:** שכירות ג | נץ החמה.................6:25<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:39<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:44<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....8:38 | עלות השחר.............5:12<br>סו"ז קר"ש - מג"א...9:03<br>סו"ז תפלה - מג"א.10:20<br>שקיעה.....................7:25 |
| 3 Sep | רביעי Wednesday | י 10 | **בבלי:** הוריות ב<br>**ירושלמי:** כתובות סח<br>**תוספתא:** חלין א<br>**נ"ך:** איכה ב-ג<br>**רמב"ם:** שכירות ד | נץ החמה.................6:26<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:40<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:44<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....8:37 | עלות השחר.............5:13<br>סו"ז קר"ש - מג"א...9:04<br>סו"ז תפלה - מג"א.10:20<br>שקיעה.....................7:24 |
| 4 Sep | חמישי Thursday | יא 11 | **בבלי:** הוריות ג<br>**ירושלמי:** כתובות סט<br>**תוספתא:** חלין ב<br>**נ"ך:** איכה ד-ה<br>**רמב"ם:** שכירות ה | נץ החמה.................6:27<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:40<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:45<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....8:35 | עלות השחר.............5:14<br>סו"ז קר"ש - מג"א...9:04<br>סו"ז תפלה - מג"א.10:21<br>שקיעה.....................7:22 |
| 5 Sep | ששי Friday<br>הדלקת הנרות 7:02 Candle Lighting | יב 12 | **בבלי:** הוריות ד<br>**ירושלמי:** כתובות ע<br>**תוספתא:** חלין ג<br>**נ"ך:** קהלת א-ב<br>**רמב"ם:** שכירות ו | נץ החמה.................6:28<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:40<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:45<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....8:33 | עלות השחר.............5:15<br>סו"ז קר"ש - מג"א...9:04<br>סו"ז תפלה - מג"א.10:21<br>שקיעה.....................7:20 |
| 6 Sep | הפטרה: רני עקרה<br>שב"ק Shabbos<br>זמן מוצש"ק 8:32 Shabbos Ends | יג 13 | **בבלי:** הוריות ה<br>**ירושלמי:** כתובות עא<br>**תוספתא:** חלין ד<br>**נ"ך:** קהלת ג-ד<br>**רמב"ם:** שכירות ז | **כי תצא, פרק א-ב**<br>נץ החמה.................6:29<br>סו"ז קר"ש - גר"א....9:40<br>סו"ז תפלה - גר"א..10:45<br>צה"כ לשיטת ר"ת.....8:32 | עלות השחר.............5:16<br>סו"ז קר"ש - מג"א...9:04<br>סו"ז תפלה - מג"א.10:21<br>שקיעה.....................7:19 |

וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אַן אֱמֶת'ן צַדִיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְט וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ קוּקְט
וֶוערְט דִי לוּפְט דָארְט אַזוֹי וִוי דִי לוּפְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל חֵלֶק ב' סִימָן ז')

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר זַיין אַ גוּטֶער אַדְוָואקַאט פַּאר דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז מֶען זָאל אָנְשְׁרַייבְּן פַּאר אִים אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז נָאךְ אִין דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נֶעמְט עֶר מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר מַאכְט זִיכֶער אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן נָאר בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע יָאר.

דֶערִיבֶּער דַארְף זִיךְ אַ פְרוֹי זֵייעֶר פְרֵייעֶן וֶוען אִיר מַאן אִיז זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיסְבֶּעטְן אַלֶעס גוּטְס. וֶוען אַ פְרוֹי זָאל וִויסְן אַז דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה וָואס זִי וֶועט הָאבְּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר גֵייט מֶען אָנְשְׁרַייבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואלְט זִי דֶען גֶעקוּקְט אוֹיף חַבֶר'טֶעס וֶועלְכֶע וֶועלְן אֶפְשָׁר קְרִימֶען מִיט דִי נָאז אַז אִיר מַאן אִיז גֶעפָארְן אוֹיף אוּמַאן? אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דִי גֶעזוּנְט פוּן דִי קִינְדֶער, פוּן דִי נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דָאס אַלֶעס וֶוערְט דָאךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג זִיךְ צוּ דַארְפְן אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי פָּאר טֶעג וָואס דֶער מַאן פָארְט אוֹיף אוּמַאן. אָבֶּער עֶס אִיז פִיל גְרִינְגֶער וִוי זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען מִיט דִי קִינְדֶער דִי גַאנְצֶע יָאר.

אַז דִי מֶענֶער פָארְן אוֹיף אוּמַאן, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ אוֹיסְ'פוֹעלְ'ן צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת דִי גַאנְצֶע יָאר. אִין דִי וֶועלְט אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז דֶער מַאן פָארְט אַמָאל אַוֶועק פַאר אַ וָואךְ צְוֵויי אוֹיף וַואקַאצְיֶע אָן דִי וַוייבּ, נָאר מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים. אוּן דֶערְנָאךְ פָארְט דִי וַוייבּ אַוֶועק וַואקַאצְיֶע מִיט אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס. אָבֶּער דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז אַ פְרוֹי זָאל נָאר פַארְבְּרֶענְגֶען מִיטְ'ן מַאן, אוֹיבּ פָארְט מֶען אוֹיף וַואקַאצְיֶע זָאל מֶען פָארְן מִיט דִי מַאן. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז שָׁלוֹם בַּיִת, אַז מֶען זָאל זִיךְ פַארְשְׁטֵיין מִיט דִי מֶענֶער. אוּן דֶערִיבֶּער אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר זִיכֶער עֶרְלֶעדִיגְן אַז מֶען זָאל טַאקֶע הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת דִי גַאנְצֶע יָאר, אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן שָׁלוֹם אוּן הַארְמָאנְיֶע שְׁטֶענְדִיג אִינְדֶערְהֵיים.

| Date | Day | | Learning | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 7 Sep | ראשון Sunday | יד 14 | **בבלי:** הוריות ו<br>**ירושלמי:** כתובות עב<br>**תוספתא:** חלין ה<br>**נ"ך:** קהלת ה-ו<br>**רמב"ם:** שכירות ח | נץ החמה 6:30<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:45<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:30 | עלות השחר 5:17<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:21<br>שקיעה 7:17 |
| 8 Sep | שני Monday | טו 15 | **בבלי:** הוריות ז<br>**ירושלמי:** סוטה א<br>**תוספתא:** חלין ו<br>**נ"ך:** קהלת ז-ח<br>**רמב"ם:** שכירות ט | נץ החמה 6:31<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:45<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:29 | עלות השחר 5:18<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:21<br>שקיעה 7:16 |
| 9 Sep | שלישי Tuesday | טז 16 | **בבלי:** הוריות ח<br>**ירושלמי:** סוטה ב<br>**תוספתא:** חלין ז<br>**נ"ך:** קהלת ט-י<br>**רמב"ם:** שכירות י | נץ החמה 6:32<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:41<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:45<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:27 | עלות השחר 5:19<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:05<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:21<br>שקיעה 7:14 |
| 10 Sep | רביעי Wednesday | יז 17 | **בבלי:** הוריות ט<br>**ירושלמי:** סוטה ג<br>**תוספתא:** חלין ח<br>**נ"ך:** קהלת יא-יב<br>**רמב"ם:** שכירות יא | נץ החמה 6:33<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:42<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:45<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:25 | עלות השחר 5:20<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:06<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:21<br>שקיעה 7:12 |
| 11 Sep | חמישי Thursday | יח 18 | **בבלי:** הוריות י<br>**ירושלמי:** סוטה ד<br>**תוספתא:** חלין ט<br>**נ"ך:** אסתר א-ב<br>**רמב"ם:** שכירות יב | נץ החמה 6:34<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:42<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:45<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:24 | עלות השחר 5:21<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:06<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:21<br>שקיעה 7:11 |
| 12 Sep | ששי Friday<br>Candle Lighting **6:51** הדלקת הנרות | יט 19 | **בבלי:** הוריות יא<br>**ירושלמי:** סוטה ה<br>**תוספתא:** חלין י<br>**נ"ך:** אסתר ג-ד<br>**רמב"ם:** שכירות יג | נץ החמה 6:34<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:42<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:45<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:22 | עלות השחר 5:21<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:06<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:21<br>שקיעה 7:09 |
| 13 Sep | הפטרה: קומי אורי<br>שב"ק Shabbos<br>Shabbos Ends **8:20** זמן מוצש"ק | כ 20 | **בבלי:** הוריות יב<br>**ירושלמי:** סוטה ו<br>**תוספתא:** בכורות א<br>**נ"ך:** אסתר ה-ו<br>**רמב"ם:** שאלה ופקדון א | Selichos Shabbos Night<br>נץ החמה 6:35<br>סו"ז קר"ש - גר"א 9:43<br>סו"ז תפלה - גר"א 10:45<br>צה"כ לשיטת ר"ת 8:20 | **כי תבוא, פרק ג-ד**<br>עלות השחר 5:22<br>סו"ז קר"ש - מג"א 9:07<br>סו"ז תפלה - מג"א 10:21<br>שקיעה 7:07 |

אַלֶעס וָואס אַ צַדִּיק הַייסְט דַארְף מֶען פָּאלְגְן, אוּיסֶער אוּיבּ עֶר זָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָאס דַארְף מֶען אִים נִישְׁט פָּאלְגְן. (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רי"ד)

אִין דִי צַייטוּנְגֶען אוּן אִין דִי פּוּבְּלִיקַאצִיעֶס, וֶוערְט אוּמַאן אַרָאפְּגֶעמָאלְן אַלְס אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים. נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועלְן זֵיי אֵייבִּיג בְּרֶענְגֶען בִּילְדֶער פוּן מָאדְנֶע מֶענְטְשְׁן אִין אוּמַאן. דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בְּרֶענְגֶען בִּילְדֶער וִוי אַ אִיד שְׁטֵייט בַּיים הֵיילִיגְן צִיּוּן אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַ בִּילְד וִוי אַ אִיד זִיצְט אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר. דֶערִיבֶּער זוּכְן זֵיי דַוְקָא צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע סָארְט מָאדְנֶע בִּילְדֶער.

דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת, וַוייל דָאס מַאכְט לַיידֶער אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מוֹרָא צוּ שִׁיקְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיף אוּמַאן, פְּרוּוְוען הָאבְּן מוֹרָא צוּ שִׁיקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוֹיף אוּמַאן. אוּן דָאס אַלֶעס גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי אוּמְפַארְאַנְטְוָוארְטְלִיכֶע רֶעדַאקְטָארְן.

אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין אַמָאל גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת וָואס דָארְט גֵייט פָאר. אִידְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם פוּן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן יֶעדֶער קוּמְט נָאר מִיט אֵיין צִיל צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַוֶועק צוּ וַוארְפְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן פוּן בִּיז יֶעצְט, אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער אוּן זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ גוּטֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר.

אוּמַאן אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּיטָאל. עֶס קוּמֶען זִיךְ הֵיילְן אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן. יֶעדֶער קוּמְט פַאר זַיין צְוֶועק אוּן מֶען קֶען קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן. דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער הָאט אַ קְלֵיינֶע גֶעזוּנְט פְּרָאבְּלֶעם אוּן עֶר גֵייט זִיךְ הֵיילְן אִין שְׁפִּיטָאל, אָבֶּער אָנְקוּמֶענְדִיג דָארְט זֶעט עֶר וִוי טֵייל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַאשִׁינֶען, אֵיינֶער אִיז פַארְבִּינְדֶען אַן אוֹיג, אַ צְוֵוייטֶער דַארְף הָאבְּן הִילְף צוּ גֵיין. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוּן עֶר ווִיל נָאר אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן שְׁפִּיטָאל. דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר נַארִישׁ, דוּ בִּיזְט טַאקֶע גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן פַאר דַיין קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער עֶס זֶענֶען דָא אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן פַאר גְרֶעסֶערֶע אוּן אַנְדֶערֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן יֶעדֶער וֶוערְט גֶעהֵיילְט אוֹיף זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע וֶועג.

וֶוען אַ קְלוּגֶער אִיד גֵייט אוֹיף אוּמַאן, קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אוּן עֶר נוּצְט אוֹיס דִי צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַלֶעס גוּטְס.

## 14 Sep — ראשון Sunday — כא 21

משכימין לסליחות — 1st Day of Selichos

בבלי: הוריות יג
ירושלמי: סוטה ז
תוספתא: בכורות ב
נ״ך: אסתר ז-ח
רמב״ם: שאלה ופקדון ב

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:23 | נץ החמה 6:36 |
| סו״ז קר״ש - מג״א 9:07 | סו״ז קר״ש - גר״א 9:43 |
| סו״ז תפלה - מג״א 10:21 | סו״ז תפלה - גר״א 10:45 |
| שקיעה 7:05 | צה״כ לשיטת ר״ת 8:18 |

## 15 Sep — שני Monday — כב 22

ב׳ דסליחות

בבלי: הוריות יד
ירושלמי: סוטה ח
תוספתא: בכורות ג
נ״ך: אסתר ט-י
רמב״ם: שאלה ופקדון ג

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:24 | נץ החמה 6:37 |
| סו״ז קר״ש - מג״א 9:07 | סו״ז קר״ש - גר״א 9:43 |
| סו״ז תפלה - מג״א 10:22 | סו״ז תפלה - גר״א 10:46 |
| שקיעה 7:04 | צה״כ לשיטת ר״ת 8:17 |

## 16 Sep — שלישי Tuesday — כג 23

ג׳ דסליחות

בבלי: זבחים ב
ירושלמי: סוטה ט
תוספתא: בכורות ד
נ״ך: דניאל א-ב
רמב״ם: שאלה ופקדון ד

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:25 | נץ החמה 6:38 |
| סו״ז קר״ש - מג״א 9:08 | סו״ז קר״ש - גר״א 9:44 |
| סו״ז תפלה - מג״א 10:22 | סו״ז תפלה - גר״א 10:46 |
| שקיעה 7:02 | צה״כ לשיטת ר״ת 8:15 |

## 17 Sep — רביעי Wednesday — כד 24

ד׳ דסליחות

בבלי: זבחים ג
ירושלמי: סוטה י
תוספתא: בכורות ה
נ״ך: דניאל ג-ד
רמב״ם: שאלה ופקדון ה

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:26 | נץ החמה 6:39 |
| סו״ז קר״ש - מג״א 9:08 | סו״ז קר״ש - גר״א 9:44 |
| סו״ז תפלה - מג״א 10:22 | סו״ז תפלה - גר״א 10:46 |
| שקיעה 7:00 | צה״כ לשיטת ר״ת 8:13 |

## 18 Sep — חמישי Thursday — כה 25

ה׳ דסליחות

בבלי: זבחים ד
ירושלמי: סוטה יא
תוספתא: בכורות ו
נ״ך: דניאל ה-ו
רמב״ם: שאלה ופקדון ו

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:27 | נץ החמה 6:40 |
| סו״ז קר״ש - מג״א 9:08 | סו״ז קר״ש - גר״א 9:44 |
| סו״ז תפלה - מג״א 10:22 | סו״ז תפלה - גר״א 10:46 |
| שקיעה 6:59 | צה״כ לשיטת ר״ת 8:12 |

## 19 Sep — ששי Friday — כו 26

ו׳ דסליחות

Candle Lighting **6:39** הדלקת הנרות

בבלי: זבחים ה
ירושלמי: סוטה יב
תוספתא: בכורות ז
נ״ך: דניאל ז-ח
רמב״ם: שאלה ופקדון ז

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:28 | נץ החמה 6:41 |
| סו״ז קר״ש - מג״א 9:08 | סו״ז קר״ש - גר״א 9:44 |
| סו״ז תפלה - מג״א 10:22 | סו״ז תפלה - גר״א 10:46 |
| שקיעה 6:57 | צה״כ לשיטת ר״ת 8:10 |

## 20 Sep — שב״ק Shabbos — כז 27

הפטרה: שוש אשיש

נצבים, פרק ה-ו

Shabbos Ends **8:08** זמן מוצש״ק

בבלי: זבחים ו
ירושלמי: סוטה יג
תוספתא: ערכין א
נ״ך: דניאל ט-י
רמב״ם: שאלה ופקדון ח

| | |
|---|---|
| עלות השחר 5:29 | נץ החמה 6:42 |
| סו״ז קר״ש - מג״א 9:09 | סו״ז קר״ש - גר״א 9:45 |
| סו״ז תפלה - מג״א 10:22 | סו״ז תפלה - גר״א 10:46 |
| שקיעה 6:55 | צה״כ לשיטת ר״ת 8:08 |

וֶוער עֶס וֵוייסְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֱמֶת׳ן טַעַם פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר קֶען דֶערְקֶענֶען אוֹיף אֵיינֶעם אוֹיבּ יֶענֶער אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַן אֱמֶת׳ן צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָדֶער נִישְׁט.
(סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב׳ סִימָן כ״א)

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ב'): "עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט וֶוען מֶען וַוארְפְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיף אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיף אִים, אוּן דֶערְפַאר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען זָאל אִיבֶּער גֶעבְּן דֶעם טָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג פַאר דִיר, אַלֶעס וָואס אִיךְ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען תָּלוּי אִין מִיר וֶועלְן טוּן, זָאל אַלֶעס זַיין וִוי דוּ ווִילְסְט", אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט זָארְגְן אוֹיבּ עֶס פִּירְט זִיךְ יָא גוּט אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט עֶס דָאךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיר פִּירְן דֶעם טָאג אַנְדֶערְשׁ, ווִיל אִיךְ אוֹיךְ נָאר אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַאר עֶס קוּמְט אַ שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, גֶעבְּט מֶען עֶס אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ מֶער גָארְנִישְׁט זָארְגְן, צִי מֶען הָאט יָא יוֹצֵא גֶעוֶוען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען אִיז מַסְכִּים אַז עֶר זָאל עֶס פִּירְן ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל.

דֶערְפַאר יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען הַאלְט בַּיים אָנְהוֹיבּ יָאר, קֶען מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע יָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע יָאר, אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, מַעֲשִׂים אוּן דִיבּוּרִים פוּן דֶעם גַאנְצְן יָאר זָאלְן זַיין נָאר אַזוֹי ווִי דוּ ווִילְסְט, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נָאר טוּן דַיין ווִילְן דֶעם גַאנְצְן יָאר, אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם" אוּן אַזוֹי קֶען זִיךְ יֶעדֶער אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים וָואס עֶר הָאט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקַייט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס זַיינֶע רְצוֹנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי וואוֹיל, עֶר פִּירְט זִיךְ נָאכְנִישְׁט אוֹיף אִינְגַאנְצְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאגְט עֶר אָבֶּער כָאטְשׁ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין, וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט טוּן. וֶוער עֶס וֶועט אַזוֹי טוּן, וֶועט זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר אוּן צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

## 21 Sep · ראשון Sunday · כה 28

**ז' דסליחות**

**בבלי:** זבחים ז
**ירושלמי:** סוטה יד
**תוספתא:** ערכין ב
**נ"ך:** דניאל יא-יב
**רמב"ם:** מלוה ולוה א

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 5:30 | נץ החמה | 6:43 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:09 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:45 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:22 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:46 |
| שקיעה | 6:54 | צה"כ לשיטת ר"ת | 8:07 |

## 22 Sep · שני Monday · כט 29

**ערב ראש השנה תשפ"ו, זכור ברית** — Rosh Hashana Eve

**בבלי:** זבחים ח
**ירושלמי:** סוטה טו
**תוספתא:** ערכין ג
**נ"ך:** עזרא א-ב
**רמב"ם:** מלוה ולוה ב

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 5:31 | נץ החמה | 6:44 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:09 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:45 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:22 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:46 |
| שקיעה | 6:52 | צה"כ לשיטת ר"ת | 8:05 |

הדלקת הנרות Candle Lighting 6:34

## 23 Sep · שלישי Tuesday · א 1

**א' דראש השנה תשפ"ו** — 1st Day Rosh Hashana

**בבלי:** זבחים ט
**ירושלמי:** סוטה טז
**תוספתא:** ערכין ד
**נ"ך:** עזרא ג-ד
**רמב"ם:** מלוה ולוה ג

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 5:32 | נץ החמה | 6:45 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:10 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:46 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:22 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:46 |
| שקיעה | 6:50 | צה"כ לשיטת ר"ת | 8:03 |

הדלקת הנרות Candle Lighting 8:03

## 24 Sep · רביעי Wednesday · ב 2

**ב' דראש השנה תשפ"ו** — 2nd Day Rosh Hashana

**בבלי:** זבחים י
**ירושלמי:** סוטה יז
**תוספתא:** ערכין ה
**נ"ך:** עזרא ה-ו
**רמב"ם:** מלוה ולוה ד

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 5:33 | נץ החמה | 6:46 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:10 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:46 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:22 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:46 |
| שקיעה | 6:49 | צה"כ לשיטת ר"ת | 8:02 |

זמן מוציו"ט Yom Tov Ends 8:02

## 25 Sep · חמישי Thursday · ג 3

**צום גדלי'** — Fast of Gedalia

**בבלי:** זבחים יא
**ירושלמי:** סוטה יח
**תוספתא:** תמורה א
**נ"ך:** עזרא ז-ח
**רמב"ם:** מלוה ולוה ה

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 5:34 | נץ החמה | 6:47 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:10 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:46 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:22 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:46 |
| שקיעה | 6:47 | צה"כ לשיטת ר"ת | 8:00 |

## 26 Sep · ששי Friday · ד 4

**בבלי:** זבחים יב
**ירושלמי:** סוטה יט
**תוספתא:** תמורה ב
**נ"ך:** עזרא ט-י
**רמב"ם:** מלוה ולוה ו

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 5:35 | נץ החמה | 6:48 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:11 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:47 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:23 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:47 |
| שקיעה | 6:45 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:58 |

הדלקת הנרות Candle Lighting 6:27

## 27 Sep · שב"ק Shabbos · ה 5

הפטרה: שובה ישראל

**וילך, שבת שובה** — Shabbos Shuvah

**בבלי:** זבחים יג
**ירושלמי:** סוטה כ
**תוספתא:** תמורה ג
**נ"ך:** נחמיה א-ב
**רמב"ם:** מלוה ולוה ז

| | | | |
|---|---|---|---|
| עלות השחר | 5:36 | נץ החמה | 6:49 |
| סו"ז קר"ש - מג"א | 9:11 | סו"ז קר"ש - גר"א | 9:47 |
| סו"ז תפלה - מג"א | 10:23 | סו"ז תפלה - גר"א | 10:47 |
| שקיעה | 6:44 | צה"כ לשיטת ר"ת | 7:57 |

זמן מוצש"ק Shabbos Ends 7:57

---

עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גוּט צוּ גֶעבְּן אַ פִּדְיוֹן.

(שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רי"ד)

# הספר הקדוש הזה

נדפס לזכות

**מורינו ראש ישיבה שליט"א**

וזוגתו

**אסתר גיטל תחי',**

וילדיהם

**שלמה ומשפ',**
**אלחנן חיים ומשפ',**
**מרים העניא זיסל ומשפ',**
**שמעון ומשפ',**
**נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**
**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל, מלכה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.